STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01205

YUD ZIS

Lion Feuchtwanger

Permanent preservation of this book was made possible by Susan & Peter Lerner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאן פייכטוואנגער

געלט און מאכט

(„יוד זיס")

ראמאן

אידיש מארק ראזומני

SANTA MONICA PUBLIC LIBRARY
DEC 9 1930

„ביכער פאר אלעמען" ריגע
1928

דרוקעריי „רעקאָרד“ ריגע,
עליזאבעט=גאס 22, טעל. 26636.

ערשטער בוך

די פירשטן

76079

ווי אַ נעץ פון אָדערן, האָבן איבערן גאַנצן לאַנד זיך געשנירלט שליאַכן, זיך דורכגעקווערט, פאַרצווייגט זיך און זיך געפלאָכטן איינער אין אַנדערן. זיי זיינען געווען פאַרוואָרלאָזט, פול מיט שטיינער, גריבער, אופגעריסן, פאַרוואַקסן, אַ גרונטלאָזער זומפ — ווען עס האָט גערעגנט, דערצו נאָך אומעטום אַריבערגעבונדן מיט שלאַגבוימען. צו דרום־צו, אין די בערג, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשרומפן אפן שמאָלן באַרג־שטעגל, האָבן זיך פאַרלאָרן. די גאַנצע בלוט פון דער מדינה איז דורך אָט די אָדערן געפלאָסן, די בערגלדיקע וועגן, וואָס האָבן זיך שטויביק געצויגן אין זון און זיינען אין רעגן געלעגן פאַרבלאָטיקט, זיינען געווען די באַוועגונג פון לאַנד, איר לעבן, איר אָטעם, איר האַרץ־שלאָג.

איבער זיי האָבן זיך געצויגן פשוטע פאָסט־קאַרעטן, אָפענע דראָזשקעס, אָן פאָלסטערן, אָן לענען, קרומע, אָפטמאָלס צוזאַמענגעשטיקעוועטע, און די גיכערע וועגלעך פון דער עקסטראַ־פאָסט, מיט פיר זיצן און פינף פערד, וועלכע זיינען ביכולת געווען צו מאַכן ביז צוואַנציק מייל אַ טאָג. איבער זיי האָבן זיך געצויגן די קוריערן פון די הויפן און פון די אמבאַסאַדאָרן, אַף גוטע פערד, זיי אָפט בייטנדיק, מיט פאַרזיגלטע טעשלעך, און די לאַנגזאַמערע בריוו־טרעגער פון דער טורן־ און טאַקסיס־פאָסט*). עס האָבן זיך געצויגן האַנטווערק־געזעלן מיט רענצלעך, האַרציקע און געפערלעכע חברה, סטודענטן — אַנדערע אויסגעמאָגערטע און רויִקע, אַנדערע באַלייבטע און חוצפהדיקע, און קלויסטער־ברידער, מיט צושראָקענע בליקן, פאַרשוויצט אין זייערע קוטעס. עס

* אַזוי האָט געהייסן די פאָסט אין יענע צייטן, לויטן נאָמען פון אַ פירשטלעכער משפחה, צו וועלכער עס האָט באַלאַנגט די פאָסט־מאָנאָפּאָל.

האָבן זיך געצויגן די רייט=וואָגנס פון די גרויסע סוחרים און די האנטוועגלעך פון די אידישע הויזירער. אין זעקס סאָלידע, שוין א ביסל אָפּגענוצטע עקיפּאַזשן, איז געפארן דער קיניג פון פּרייסן מיט זיין סוויטע, צוריק פון די וויזיטן, וואָס ער האָט אָפּגעשטאַט אין די דרום=דייטשע הויפן. ס'האָבן זיך געצויגן — אָן אומענד=לעכער וואָרעם פון מענטשן, בהמות און פורן — די פּראָטעס=טאַנטן, וואָס דער זאַלצבורגער פירשט=בישאָף האָט אין גרימצאָרן פאַריאָגט פון זיין לאַנד. עס האָבן זיך געצויגן בונטע קאָמעדי=אַנטן, און פּיעטיסטן*) אין ניכטערע מלבושים און אין זיך פאַר=טיפטע; און אין אַ פּרעכטיקן עקיפּאַזש, מיט אַ פּאָרייטער און מיט אַ גרויסער שמירה, איז דורכגעפאָרן דער אויסגעצויגענער, הויכמוטיקער ווענעציאַנישער אַמבאַסאַדאָר באַם זאַקסישן הויף. אפן וועג קיין פראַנקפורט האָבן אין אומאָרדנונג, אַף מיט מאַטערניש אָנגעשטאָפּטע פורלעך, פאַרבייגעצויגן פאַרטריבענע אידן פון אַ מיטלדייטשער שטאָט. עס האָבן זיך געצויגן מאַגיסטערס און איידל=לייט, אין זייד פאַרוויקלטע זונות און אין טוך=אָנגעטאָנענע שרייבערס פון קאַמער=געריכט. מיט גרויס באַקוועמלעכקייט, אין אַ סך עקיפּאַזשן, איז פאַרבייגעפאָרן דער גראָבער כיטרער און לוסטי=קער פירשט=בישאָף פון ווירצבורג, און צופוס, קרוע=בלויה, איז פאַרביי אַ פּראָפעסאָר פון בייערישן אוניווערסיטעט לאַנדסהוט, וועמען מען האָט משלח געווען פאַר העצערישע און אפיקורסישע דרשות. צוזאַמען מיט אַגענטן פון אַן ענגלישער שיף=געזעלשאַפט האָבן זיך געצויגן שוואַבישע פּויערים, וועלכע האָבן מיט זייערע ווייבער, קינדער און הינט, בדעה געהאַט אויסצואוואַנדערן קיין פּענסילוואַניען, מיט פרומע יללות און אָפּטוענדיק כלערליי רציחות, האָבן זיך פאַרבייגעצויגן אפן וועג קיין רוים נידערבייערישע עולי=רגל; וואַרפנדיק אין אַלע זייטן זייערע פלינקע, שאַרפע און שפּירנדיקע אויגעלעך, האָבן זיך געצויגן זילבער=אויפקויפער און בהמות= און תבואה=אויפקויפער פון דעם ווינער מלחמה=פאַקטאָר, און עס האָבן פאַרבייגעצויגן באַפרייטע קייזערלעכע זעלנער פון די טערקישע

*) יעוואַנגעלישע סעקטע פון 17=טן יאָרהונדערט.

מלחמות, און שאַרלאַטאַנעס, און אַלכימיסטן, און בעטלערס, און יונגע פּריצים, מיט זייערע דערציער אָף דער נסיעה פון פלאַנדערן קיין ווענעדיג.

און אָט די אַלע לייט האָבן זיך געצויגן אין אַלע ריכטונגען, האָבן זיך דורכגעקוועטשט, זיך אָפּגעשטעלט, דעריאָגט, זיך געשטרויכלט, פּאַמעלעך זיך באַוועגט, געזידלט די שלעכטע וועגן, געלאַכט, פאַרביטערט אָדער געמיטלעך געשפּאָט פון דער לאַנגזאַמקייט פון דער פּאָסט, געמאַכט אַ האָן פון די פאַריאָגטע שקאַפּעס, פון די צוטראַכקעטע קאַרעטקעס. דאָס אַלץ האָט זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגעס, האָט זיך צוריק אָפּגעשווימט, האָט געפּלוידערט, תּפילה געטאָן, זיך מזנה געווען, געלעסטערט, געביינקט, געהולעט, געאָטעמט.

דער פֿירשט האָט געהייסן אָפּהאַלטן זיין פּרעכטיקן עקיפּאַזש, איז אַרויסגעשטיגן, האָט פֿאָרויס אַוועקגעשיקט דעם קאַמערהער, דעם סעקרעטאַר און די דינער. אַף די פֿאַרוואונדערטע בליקן פֿון זיינע מענטשן האָט ער אָפּגעענטפֿערט מיט אַן אומגעדולדיקן סאָפּן. דאָרטן, וואו דער וועג האָט אַרופֿגעפֿירט צום זאַפּטיק-גרינעם בערגל, זיינען די פֿורן געבליבן שטיין און וואַרטן. דער קאַמערהער און דער סעקרעטאַר זיינען אַריין אין דעם עקיפּאַזש, זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון דעם שפּרייענדיקן, אַנסופֿיקן רעגנדל, און די יעגער, די דינער מיט די לייב-הוזאַרן האָבן איינגעהאַלטענערהייט זיך דורכגעשמועסט איינער מיטן אַנדערן, זיך געשושקעט, געוויצלט זיך, פֿון צייט צו צייט אַרויסגעשאָסן.

דער הערצאָג עבערהאַרד לודוויג, אַ פֿינף-און-פֿופֿציק-יאָריקער, דיקער, הויכער מאַנסביל, פֿון אַ געזונטער געשטאַלט, מיט פֿולע באַקן, איז געבליבן אין דרויסן. האַלטנדיק די סאַמעט-הוט אין האַנט, כּדי דער וואַרעמער רעגן זאָל דורכשווייקן זיין פּאַריק, האָט ער שיוערפֿעליק געטראַמפּלט, און זיך גאָרניט געקימערט וועגן די לוזשעס, וואָס האָבן באַשפּריצט זיינע גלאַנצנדיקע שטיוול און זיין זילבערגעשטיקטן, טייערן ראָק מיט די טיף-אויסגעשניטענע פּאָלדן. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פֿאַרנומען, איז אָפּט שטיין געבליבן, אין אומצופֿרידענער נערוועזקייט, סאָפּנדיק מיט דער גראָבער, פֿליישיקער נאָז.

ער איז געווען אין ווילדבאַד, כּדי זיך אָפּצושיידן פֿון דער גרעפֿין. אָבער איז איצט דערמיט טאַקע פֿאַרענדיקט געווען? אייגנטלעך ניט. ער האָט דאָך גאָרנישט געזאָגט. און אַף זיינע האַלבע ווערטער האָט די גרעפֿין, אַנשטאָט אַן ענטפֿער, אים נאָר צוגעוואָרפֿן פֿאַרשלייערטע בליקן. אָבער זי האָט דאָך געוויס עפּעס באַמערקט, זי איז דאָך געווען אַזוי קלוג, זי האָט געמוזט מערקן, וואָס ער וויל.

אייגנטלעך איז טאַקע גוט געווען, וואָס דאָס אַלץ איז אַריבער אָן טומל און אָן קולות. אַרום דרייסיק יאָר האָט ער שוין מיט איר געהאַט אָפּגעלעבט. און וויפֿיל האָט די הערצאָגין זינט דעמאָלט ניט צויאָמערט, צושריען, צוגוואַלדעוועט, צוכליפּעט,

אינטריגירט—און אַלץ, כּדי אים אָפּצורייסן פון אָטדער פרוי, וואָס פארא קונצן האָבן ניט געמאכט זיינע געהיימראטן, דער קייזער, די פּרעלאַטן, די פארשאָלטענע באַנדע פון פּאַרלאַמענט, די אַמבּאַסאַדאָרן פון קורבּרוינשווייג און פון קאסעלזאָ דרייסיק יאָר צייט איז די פרוי פאַרבונדן געווען מיט אַלץ, וו.כ ער און די לאַנד האָט אַריבּערגעלעבּט. זי איז געווען ער. זי איז געווען ווירטעמבּערג. ווען מען האָט געטראַכט: ווירטעמבּערג, איז שוין באַלד אפּן זינען אַרופגעקומען: די פרוי, אָדער: די זונה, אָדער: די גרעפין, אָדער: די מענטענאָן*) פון שוואַבּן, אויב גלייכגילטיק, אָדער מיט שנאה, אָדער מיט אינטערעס — יעדער געדאַנק וועגן דעם הערצאָגטום איז געווען אַ געדאַנק וועגן דער פרוי.

נאָר ער אַליין — און ער האָט געשמייכלט — האָט געקענט טראַכטן וועגן דער פרוי, באַזונדער פון דער פּאָליטיק, אָפּגעטיילט פון הערצאָגטום. נאָר ער האָט געקענט דערלאַנגען אַ טראַכט: קריסטל, און דערבּיי ניט האָבן קיין געדאַנקען וועגן זעלנער, געלט, פּריווילעגיעס, מחלוקת מיטן פּאַרלאַמענט, פּריצים און פאַרמשפּ:נטע שלעסער, נאָר וועגן דער פרוי אַליין.

און איצט איז דאָס אַלץ פאַרענדיקט געווען, ער וועט ווייטער שלום מאַכן מיט דער הערצאָגין, און די אונטערטאַנען וועלן זיך משמח זיין און אים מאַכן אַ טייערע מתּנה, און דער קייזער וועט צופרידנערהייט צושאָקלען מיט זיין אָפּגעשלאָפּטן קאָפּ, און דער גראָבּער, שלעכט-געקליידטער קיניג פון פּרייסן וועט אים שיקן בּרכות, און די איראָפּעאישע הויפן וועלן אָנווערן דעם סקאַנדאַל, וועגן וועלכן מען האָט צוויי דורות-צייט אָן אויפהער געטריבּן רכילות. און דעמאָלט וועט ער שיינקען דער הערצאָגין אַ זון, און די מדינה וועט באַקומען אַ צווייטן געזעצלעכן יורש, און דער הימל און די ערד וועלן הנאה האָבּן.

ער האָט ענערגיש אַ פייף געטאָן מיט דער נאָז. ווען ער האָט זיך אויסגעמאָלט, מיט וואָס פאַראַ שמחה דער הערצאָגטום, גאַנץ דייטשלאַנד, וועלן אויפנעמען די מפּלה פון דער פרוי, איז

*) מענטענאָן — די געליבּטע פון לודוויג דעם פערצנטן.

אין אים אופגעקומען אַ טעמפּער צאָרן. ער האָט געהערט, ווי די לאַנד האָט אָפּגעעטעמט, ער האָט געזען, ווי די פעטע בירגער־קאַנאַליעס פון זיין פּאַרלאַמענט הירזשענען טריאומפירנדיק מיט ברייט־אופגעריסענע מיילער, און פּאַטשן זיך אין די קניען. ער האָט געזען די ניכטערע, שטייפליניקע קאָרעקטע קרובים פון דער הערצאָגין, אונזייער אויסגעמאָגערט.ע זויערע, שפּאַטישע פּרייד. די גאַנצע אומפלויט וועט באַפאַלן דער פרוי, אַזוי ווי ווערים אַ נבלה. אַלע זיינע יאָרן האָט ער געהאלטן די פרוי אַף צו להכעיס אָט דעם גאַנצן פּאַק; איצט, ווען ער וועט איר אָפּלאָזן — ער איז שוין אַ פינף־ און־ פופציקער — וועט דער פּאַק דאָס אויס־טייטשן, ווי די שוואַכקייט פון אַ זקן. ער האָט אונטער שווערער שטראָף פאַרווערט יעדן פאַרשווערכנדיקן וואָרט קעגן דער גרעפין, ער איז ברוגז געוואָרן מיטן קייזער, ער האָט אַרויסגעטריבן פון לאַנד זיין יונגנטפריינט און ערשטן מיניסטער צוליב אַ חוצפּהדיקן וואָרט וועגן דער פרוי, צוליב שטייערן האָט ער זיך ארומגעשלאָגן מיט זיינע יועצים, מיט זיין פאַרלאַמענט, מיט דער גאַנצער מדינה—צוליב שטייערן, צוליב געלט, געלט און געלט פאַר דער פרוי. ער האָט איר געהאלטן בערך דרייסיק יאָר — צו להכעיס דער לאַנד, דער מלוכה, און דער וועלט.

ווי גאַנץ אייראָפּע האָט דאָס דעמאָלט געשטורעמט, בשעת ער האָט נאָך באַלד אין אָנהויב, אָן שום הינטערגיינג, זייט באַ זייט מיט דער הערצאָגין, זיך פאַרקנסט מיט דער גרעפין. דעמאָלט האָט ממש גערעגנט מיט קייזערלעכע בקשות, באַשוועּ־רונגען, התראות, די שטאַנדן האָבן געברומט, ווי משוגענע הינט, די קרובים פון דער הערצאָגין, די באַדען־דורלאַכער משפּחה, זיינען גרין און געל געווען פון גרימצאָרן און פאַראַכטונג, מען האָט געדונערט קעגן אים פון די קירכן־בימהס, די גאַנצע לאַנד האָט געבראַוזט און זיך געווירבלט. נו גוט, ער האָט נאָכגעגעבן, האָט אופגעגעבן זיין פאַרקנסט־זיין מיט דער גרעפין, האָט זיך ווייטער איבערגעבעטן מיט דער הערצאָגין, וואָס אָנבאַטרעפט דער צונייגונג און דעם צוזאַמענלעבן — ער האָט הנאה געהאַט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער שיינער פראַזע, וואָס דער

גרעפינס ברודער האָט מיט אים איינגעהזורט, און מיט וועלכער
ער האָט אָפּגעפּטרט דעם קייזער — דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז
אָפּהיינגיק פון גאָט און פון אים אַליין, און דערצו קען מען קיין
מלוכה=פירשט ניט צווינגען מיט קיין פרעמדער אַריינמישונג.
און אחוץ דעם האָט ער, לויט די שאַרפע באַפעלן פון קייזער,
טאַקע אַרויסגעשיקט די קריסטל ווייט איבער די גרענעצן פון זיין
לאַנד, און האָט זיך געלאָזט דערפאַר זייער גוט באַצאָלן דורך זיין
דאַנקבאַרן פאַרלאַמענט, און די גאַנצע מדינה האָט געהוליעט.
אָבער באַלד נאָכדעם — ער האָט מיט הנאה געשמייכלט, ווייל
דאָס איז דאָך געווען דער בעסטער שפּיצל, וואָס ער האָט אין
זיין לעבן אָפּגעטאָן -— האָט ער אין ווין, דורך זיינע אַגענטן
אויסגעפונען עפּעס אַ לעמעשקע, אַ גראַף, האָט מיט אים פאַר=
שלייערט די קריסטל, און האָט אים געמאַכט פאַר זיין לאַנד=
הויפּמייסטער, און צו דעם שטורעמען פון דעם אָפּגענאַרטן וויר=
טעמבערג, האָט זיך די פרוי, איצט שוין ווי אַ לאַנדהויפּמייסטערין,
אומגעקערט צוריק אין לאַנד, און דער קייזער האָט נאָר אָנמאַכטיק
און באַדויערנדיק געקוועטשט מיט די פּלייצעס: ווער האָט דען
געקענט פאַרווערן אַ דייטשן מלוכה=פירשט צו האַלטן אין זיין הויף
די פרוי פון זיין ערשטן מיניסטער? און קריסטל האָט זיך
קראַנקגעלאַכט, ווען ער האָט איר, פאַרן געלט, וואָס דער פאַר=
לאַמענט האָט אים אויסגעצאָלט פאַר דער צושיידונג מיט איר,
געקויפט צוויי פריצישע שלעסער, העפּפיגהיים און גאָמאַרינגען.
איצט האָט זיך אַלץ באַרואיקט. דאָ און דאָרטן האָט זיך
נאָך אַפילו באַוויזן אַ פּאַסקוויל אַף דער גרעפין, אָבער אין משך
פון די דרייסיק יאָר איז זיין פאַרבינדונג מיט איר שוין געוואָרן אַ
געשעענער פאַקט אין דער פּאָליטיק פון דייטשלאַנד און אייראָפּע.
די שטאַנדן האָבן געברומט אונטערן וואָנס, אָבער זיי האָבן דאָך
איינגעוויליקט אַף דעם, אַז געוויסע לענדערייען זאָלן אַריבער צו
דער גרעפין. די הערצאָגין האָט רחמנותדיק, זויער און אונטער=
געוואָרפן געוואוינט אין שטוטגאַרטער שלאָס, און אירע קרובים. די
שטיפלייניקע מאַרקגראַפן האָבן מיט א פאַרביטערטן און שטאָלצן
שווייגן זיך געהאַלטן פונדערווייטנס. די פאַקטן זיינען געווען

הימל־שרייענדע, אָבער דאָס האָט זיך שוין געצויגן אַזוי זינט דרייסיק יאָר, מען האָט זיך צוגעוואוינט, זיך אונטערגעגעבן.

און איצט, אייגנטלעך גאָר אָן אַ באַשטימטן גרונט דערצו, האָבן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער פרוי געזאָלט אופגעגעבן ווערן, פאַלן, מער ניט עקסיסטירן.

האָט עס טאַקע אַזוי געזאָלט זיין? ער האָט דאָך נישט גערעדט. אויב ער וועט ניט וועלן, וועט קיין זאַך ניט געשען.

דער הערצאָג איז געשטאַנען אַפן קוטיקן לאַנדשן שליאַך, אַליין, מיט אַן אָפגעדעקטן קאָפּ, אונטער דעם דינעם, שפּרייענדיקן רעגן. ער האָט אַראָפּגעצויגן די רעכטע שטולפּ־הענטשקע, און האָט מעכאַניש זיך געפּאַטשט דערמיט איבערן קני.

און אפשר איז יאָ געווען אַ סיבה? איז טאַקע געווען אַ סיבה? בשעת ער איז איצט געווען אין לודוויגסבורג, האָט דער טומלדיקער קיניג פון פּרייסן גערעדט מיט אים האַרבע רייד. ער זאָל שלום מאַכן מיט דער הערצאָגין, זיך און דער מדינה שיינקען אַ צווייטן יורש, ניט שטעלן זיין גאַנצע דינאַסטיע נאָר אַף די צוויי שוואַכע פּלייצעס פון דעם איין טראַנפּאָלגער, אין דער צייט, ווען די קאַטוילן לאָקערן שוין אַפן אויסשטאַרבן פון די יעוואַנ־געלישע שוואַבן־הערצאָגן. ניט דאָס איז עס געווען. ניין, ניט דאָס, זאָל זיך דער פּרייס, מיט זיין אויסגעוועפּטער ניכטערקייט און מיט זיינע לאַנגווייליקע מוסר־דרשות, וואָס אין יעדער דריטער פראַזע זייערער ווערט דערמאָנט דער טויט, צוריק פּעקלען צו זיך אַהיים, צו זיינע זאַמדיקע דיונעס און סאָסנעס. ער, עבערהאַרד לודוויג, מיט זיינע פינף און פופציק יאָר, איז נאָך, גאָט צו דאַנקן, אין פולן בלי, נאָך זיין טויט מעג, פון זיינטוועגן, ווער עס וויל נאָר נעמען אַף זיינע פּלייצעס די מדינה און אַלע חובות, און זיך פאַרענען מיטן פאַרלייזיקטן פּאַק פון פאַרלאַמענט. און צוליב דעם זאָל ער זיך צו שיידן מיט קריסטל? דערצו דאַרף מען זיין אַ צו גרויסער שוטה!

ער האָט גענומען שטעלן גיכערע טריט, העפטיק און פאַלש אונטערפּייפנדיק אַ מעלאָדיע פון דעם לעצטן באַלעט. וואָס האָט דער פּרייס ווייטער געבראַכט פאַר אַ ראיות? די גרעפין איז פאַרן

הערצאָגטום אַ גרעסערער אומגליק, ווי אַלע פראַנצויזישע איבערפאַלן און ווי די שווער־דריקנדיקע בירגער־מלחמות זיינען. זי איז די סיבה און די אופהעצערין פון אַלע צרות און פאַרווירונגען אין לאַנד. זי זויגט אוים דעם פאָלק אָן רחמנות, און די לעצטע גראָשנס פון דער מדינה קומען אַריין אין אירע קעשענעס. די טענות האָט ער שוין גוט געקאָנט. צו אַלדי רוחות! די זעלביקע מעלאָדיע האָבן איבערגעחזרט די הונדערטער פאַסקווילן, זיינע שטאַנדן האָבן אין אים יעדע וואָך פונדאָסניי דאָסזעלביקע איינגעטענהט. ווען עס איז געווען טריקעניש אין לאַנד און האָגל, איז דען די פרוי, אין דעם ניט געווען שולדיק? פרייען האָבן זיי זיך גאָר געדאַרפט, די מחלוקהניקעס און די אומצופרידענע גראָבע יונגען, וואָס זייערע לומפיקע גראָשנס ווערן אויסגענוצט אַף אַזוי פיל פרעכטיקייט און גלאַנץ. זי האָט שטענדיק נויטיק געהאַט געלט, און אַזוי פיל, אַז די געלט פון דער גאַנצער מלוכה האָט איר ניט געסטייעט, זי האָט זיך צוליב דעם געחנפעט, געבעטלט, געוויינט, זיך געבייזערט, געוואָרנט, אָפטמאָלס איז געווען אַ יאָמער און אַ פאַרצווייפלונג, ווען ער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען אַלץ מער און מער צו נעמען. אָבער וואָס איז געווען בעסער: די קאַרגע, אָפגעבליאַקעוועטע באַלעבאַטישקייט פון דער הערצאָגין, וואו עס איז קיין איבעריקער פעניג ניט אויסגעגעבן געוואָרן, צי דער רוישיקער גלאַנץ פון דער פרוי, וואו די שלעסער און וועלדער און אַלע הכנסות פון דער מלוכה זיינען צופאַטשט געוואָרן, אַז פונקען זיינען געפלויגן.

ניין, מיט אַזעלכע אַרגומענטן האָט מען אים פון דער פרוי ניט געקענט אָפרייסן. ער האָט דאָס אויך דעם בראַנדענבורגער געזאָגט, און ער וואָלט דעם גראָביאַן גאָר אַף אַן אַנדער אופן אָפגעענטפערט, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט מיט אַ פּאָר טויזנט זעלנער מער. אָבער זיינע שטאַנדן וועלן קיינמאָל, קיינמאָל ניט איינוויליקן אַף דעם. ניין, דאָס אַלץ האָט אַף אים קיין איינדרוק ניט געמאַכט, און אויב דער פאַרגרעבטער קאַרגון האָט אים יאָ געגעבן אַ שטופ אַף צו שיידן זיך מיט דער גרעפין, איז דאָס געשען גאָר צוליב אַן אַנדער וואָרט, אַ פיל שטילערן, אַף

וועלכן ער אליין האָט אפשר גאָר קיין געוויכט ניט געלייגט. זי, ביידע, דער קיניג און ער, זיינען אַרויף אַף אַן אויסקוק־פּונקט, און ווען דער בראַנדענבורגער האָט דערזען פאַר זיך די ווייטע, כוואַליעדיקע לאַנד, די זאַפטיקע, גרינע געבענטשטע לאָנקעס און בערגלעך מיט תבואה און פּירות, און וויין און וואַלד, האָט ער זיך אָפּגעזיפצט: „ווי שיין! ווי שיין! און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז איבער דעם אַלעמען ליגט אַן אַלטע נקבה, און נאָגט דאָס אויס, אַזוי ווי דער היישעריק און די גע־וויקסקריינק".

דער היישעריק און די געוויקסקריינק האָבן קנאַפּ וואָס געקימערט לודוויג עבערהאַרדן. אָבער: אַן אַלטע נקבה, דאָס האָט אים איינגעשטאָכן אין האַרצן; ער, עבערהאַרד לודוויג, איז פאַרבונדן מיט אַן אַלטער קעפּס־ווייב? אַלע קללות, זלזולים און התראות האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר, ווי וואַסער פון אַן איינגעאײלטן קערפּער. אָבער: אַן אַלטע נקבה?

דעם הערצאָג זיינען אופגעקומען אַפן זכרון פאַרשידענע האַלב־פאַרגעסענע מעשות. ניט געקוקט אַף די שאַרפע עדיקטן, זיינען כסדר פון דאַסניי אַרופגעשוואומען פלוידערייען וועגן דעם, אַז די פרוי האָט אים באַכישופט מיט אירע צויבער־מיטלען. באַזונדערש איין זאַך האָט ער זיך איצט דערמאָנט מיט אַלע פּרטים. דער גרעפינס אַ דינסטמיידל, אַפילו איר נאָמען געדיינקט ער, לאַמפּערט האָט זי געהייסן, האָט דערציילט דעם הויף־גלח אורלספּערגער וועגן די סך גאָטלאָזע און עקלדיקע כישוף־מעשים, וואָס די גרעפין טוט אָפּ, כדי צוצובינדן צו זיך דעם הערצאָג. דער הויף־גלח האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אים געלאָזט אונטערשרייבן דורך דער דינסטמיידל, פאַרזיגלט, און באַהאַלטן די געהיימניס אין זיין שרייבטיש. דער הערצאָג האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָט אַראָפּגעהויבן אורלספּערגן פון זיין פּאָסטן, די דינסט־מיידל האָט באַקומען שמיץ און איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד. דער הערצאָג איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז ניט נאָר דער פאָלק, נאָר די אונטערזו־כונגס־קאָמיסיע גופא גלויבט אין די נאַרישע און פּאַסקודנע

מעשׂות, וואָס זיינען אין פּראָטאָקאָל אופגענומען געוואָרן. דאָרטן איז געווען געזאָגט, אַז די גרעפין האָט צושניטן דער הערצאָגינס אַ העמד אין קליינע, פּירקאַנטיקע שטיקעלעך, זיי געטונקט אין בראַנפן און נאָכדעם פאַרווענדט אַף אַן אומציכטיקן צוועק. ווייטער האָט זי זיך געלאָזט ברייגנען אַ ניי־געבאָרענע קעלבל פון אַ שוואַרצער קו, און האָט אייגנהענטיק אָפּגעהאַקט באַ איר דעם קאָפּ. אַחוץ דעם, האָט זי אָפּגעקוילעט דריי שוואַרצע טויבן. און דורך די מיטלען האָט זי אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט גאָר מער ניט געקענט אָנזען זיין געזעצלעכע פרוי. אָבער אָן איר האָט ער בשום אופן ניט געקענט אויסקומען, און קיים האָט ער איר אַ לייגערע צייט ניט געזען, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ קלעמעניש.

די אויסגעטריקנטע, אָנזאַפּטיקע אייזלען! פלאַפּלען וועגן כישוף און קענען זיך אָן מכשפה־שטיק גאָרניט פאָרשטעלן, ווי אַזוי באַ אַ געזונטן מאַנסביל קענען אַפן נאַטירלעכסטן אופן אופזידן די בלוטן! ער האָט זיך דערמאָנט אָן גענף, ווי קריסטל האָט אים געלאַכט אַנטקעגן, דעמאָלט, אין דעם גאַסטהויז־צימער, ליגנדיק אַף דער ברייטער בעט, זיך ווייזנדיק פאַר אים אין איר גאַנצן תּאוהדיקן גלאַנץ. גאָט איז אַן עדות, אַז כּדי זיך אַריינצוברענגען אין זיין בלוט, האָט זי דעמאָלט ניט נויטיק געהאַט צו שעכטן, ניט קיין קעלבער און ניט קיין טויבן. אָבער איצט? אַן אַלטע נקבה? ער האָט דאָך געהאַט הענט אַף אָנצוטאַפּן, אויגן אַף צו זען. זי איז געווען אַביסל פעטלייביק, יאָ, זי האָט געליטן פון אַסטמאַ: אָבער זיינען דען דאַס געווען טייוולאָנישע און כישופדיקע שפּיצלעך, אָטדאָס, וואָס האָט אים געצויגן צו איר? אירע גראָע אויגן זיינען נאָך אַלץ געווען אַזוי מילד, אַזוי גרויס, און אַזוי באַצווינגענדיק, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אירע נוסברוינע האָר האָבן ניט פאַרלאָרן זייער פאַרב, און אין איר שטים האָט נאָך אָפּגעהילכט דער גאַנצער גלאָקן־געקלאַנג פון ערשטן טאָג. אמת, די קליינע צייכנס, וואָס האָבן אים דעמאָלט אַזוי גרענעצלאָז געררייצט — בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז דאָס זיינען שפּורן פון אַ שלעכטער קרייגק — זי האָט זיי איצט

פּאַרדעקט מיט פּודער און שמינקע. אָן אַלטע נקבה? זי איז דאָסמאָל געווען אַזוי אומעטיק, אַזוי עלעגיש. זי האָט אים ניט אויסגעלאַכט, אים ניט געמאַכט קיין סצענעס, אפילו קיין געלט ניט געפאָדערט בײַ אים. האָט זי עפּעס געשפּירט? אָבער ווען זי וואָלט אַפילו געווען מילד, ווי אַן איינטאָגיקע לעמעלע: קיין אַלטע ווייב האָט ער ניט ליב. ער, עבערהאַרד לודוויג, האָט ניט ליב. צוליב דעם, וואָלט ער שוין אַפילו גרייט געווען זיך צוריק אומקערן צו זײַן זויערער הערצאָגין, מאַכן פאַר דער מדינה אַ צווייטן זון, אָנהויבן לעבן בשלום מיטן אויבערשטן, מיטן קייזער, מיט דער מלוכה און מיט זײַן פּאַרלאַמענט.

נאָכדעם האָט זי צו אים געזאָגט „ליכט", האָט איט אָנגערופן „עבערהאַרד ליכט", און די גלאָקן האָבן געקלונגען, אַזוי ווי אין ערשטן טאָג. זי האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער די פאָלק-פאַרטרעטער, וועלכע ווילן אַרויסטרייבן פון אירע דערפער און הויפן די אידן, אירע אידן, וואָס יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט אין אַ וואָכעדיקן טאָג אין קליינעם פינגערל מער שכל איידער דער גאַנצער פּאַרלאַמענט פאַרמאָגט אין קאָפּ אין אַ חגא-טאָג. און ווי זי האָט אַזוי געשפּאָט איבער דער נאַריש-גיפטיקער דזשוט-גראַבער פּעטיציע פון דעם פּאַרלאַמענט, האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט פון טערקן-לאַנד ביז פּאַריז, פון שווערן ביז נעאַפּאָל, ניט באַגעגנט נאָך איינע אַזאַ קלאָר-מחדיקע קלוגע און לוסטיקע פרוי, ניט קיין יונגע, ניט קיין אַלטע. עס איז דאָך גוט געווען, וואָס ער האָט איר נאָך ניט געזאָגט קיין באַשטימטע זאַך.

ער האָט דערלאַנגט אַ וואונק, זײַנע קאַרעטן האָבן הארט בײַ אים זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט געהייסן אומקערן, ער האָט איצט ניט געוואָלט פאָרן קיין שטוטגאַרט, אויך ניט קיין לודוויגסבורג,—קיין נעסלאַך, אין דער קליינער, פאַרוואָרפענער יאַגד-שטיבעלע. ער האָט געוואָלט האָבן רו, זיך אויסליפטערן. ער האָט געשיקט אַ יעגער נאָכן געהיימראַט שיץ, מיט אים האָט ער געוואָלט אין פולער רואיקייט אַרומריידן דעם גאַנצן ענין נאָכאַמאָל.

אַן אַלטע נקבה?

אַפֿן האַלבן וועג קיין נעסלאַך, האָט ער אָפּגעשיקט דעם צווייטן יעגער אויך. די נייע, בלוטיונגע אונגאַרישע טענצערין, וועלכע איז פֿאַראכטאָגן געקומען קיין לודוויגסבורג, זאָל תיכּף ומיד אַרויספֿאָרן צו דער יאַגד־שטיבעלע. דונער און טערקן! ער וועט זיך שוין אָראָפּשווינקען פֿון דער נשמה דעם פּרייסישן וויזיט.

דער הערצאָגלעך־ווירטעמבערגישער הויף־מעקלער יצחק שמעון לאַנדויער איז געווען אין ראָטערדאַם, וואו ער האָט, אַפן חשבון פון דעם פירשטלעכן הויף, געאַרדנט געוויסע קרעדיטן מיט דער נידערלענדיש־מזרח־אינדישער געזעלשאַפט. אַ ספּעציעלער שליח פון דער גרעפין ווירבען האָט אים דרינגענד אַרויסגערופן פון ראָטערדאַם צוריק קיין ווילדבאַד צו דער גרעפין. אונטערוועגנס האָט ער באַגעגנט אַ געשעפט־פריינט, יוסף־זיס אָפּענהיימער, דעם אויבערהויף־ און מלחמה־מעקלער פון קורפאַלצער פירשט, צוגלייך אויך דעם קאַמער־אַגענט פון דעם קעלנער גייסטלעכן קורפירשט. יוסף־זיס, וועלכער האָט געהאַט דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי שטאַרק־אָנשטרענגענדיקע געשעפטן, האָט זיך איצט געוואָלט אויסרוען ערגעץ אין אַ קוראָרט, און ער האָט זיך גילאָזט איבעררעדן פון לאַנדויערן, מיטצופאָרן מיט אים קיין ווילדבאַד.

ביידע זיינען זיי געפאָרן אין זיסעס עלעגאַנטער פּריוואַט־קאַרעטע. „זי קאָסט אָפּ, לכל הפּחות, אירע צוויי הונדערט רייכסטאַלער אַ יאָר, די קאַרעטע", האָט יצחק לאַנדויער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקער, און אַ לייכט־איראָנישער טאַדלעניש. פון הינטן איז געזעסן זיסעס לייב־דינער און סעקרעטאַר, ניקלאַס פּפעפּלע אַ פריערדיקער נאָטאַריוס־געהילף, אַ בלאַסער, פעטער און פלעגמאַטישער יונגערמאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקאַנט בעת ער האָט געאַרבעט אין מאַנהיים, אין דער קאַנצעלאַריע פון אַדוואָקאַט לאַנץ, און וועמען ער האָט זינט דעמאָלט מיטגענומען פאַר זיין פּערזענלעכער באַדינונג אַף אַלע זיינע נסיעות, ווייל דאָס איז געווען אַ מענטש, וועלכן מען האָט צו אַלץ געקענט פאַרווענדן.

יצחק לאַנדויער האָט געטראָגן אידישע מלבושים, פּאות, אַ יאַרמלקע, אַ קאַפּאָטע, אַ שיטערן ציגענעם בערדל, רויטבלאָנד, אָפּגעבליאַקעוועט. ער האָט אַפילו געטראָגן דעם אידישן סימן, וואָס איז מיט הונדערט יאָר צוריק איינגעפירט געוואָרן אין הערצאָגטום, אַ יאַגד־האָרן מיט אַן S איבער דעם, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס קיין מאַכט־האָבער וואָלט ניט געהאַט די העזה גאָר צו פאַרלאַנגען אַזוינס פון אָטדעם אַנגעזעענעם, מעכטיקן

אידן, וועלכער איז געשטאַנען אין גרויס חן בײַ דעם הערצאָג און בײַ דער גרעפין, יצחק לאַנדויער איז געווען דער פלינקסטער געלט־מענטש אין גאַנץ מערבֿ־דייטשלאַנד. זיינע פאַרבינדונגען האָבן געגרייכט פון דעם ווינער אָפּענהיימער, דעם קייזערס באַנקיר, ביז צו די קאַפּיטאַליסטן פון דער פּראָוואַנס, פון די רייכע לעוואַנטינישע הענדלער ביז צו די אידישע קאַפּיטאַליסטן אין האָלאַנד און די האַנזאַ־שטעט, וועלכע האָבן פינאַנסירט די שיף־נסיעות מעבר־לים.

אין אַ ניט־שיינער און אומנאַטירלעכער פּאָזע האָט זיך דער קליינגעוויקסיקער, ברודיקער מענטשל צוריקגעלענט אין פאָלסטער, און האָט, אונטערפרירנדיק, פאַרשטעקט אין דער קאַפּאָטע די מאָגערע, בלוטלאָזע הענט. לייכט־שלעפערדיק פון פאָרן, די קליינע אויגן האַלב צוגעמאַכט, האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן, לייכט שפּאָטישן שמייכעלע באַטראַכט זיין שכן. יוסף־זיס, שלאַנק, גלאַטראַזירט, מאָדערן, אַביסל פּראַנטעוואַטיק געקליידט, איז געזעסן גלייך, האָט מיט אַן אויפגעוועקטן, שאַרפן און גיכן בליק באַקוקט יעדע איינצלהייט פון דער לאַנדשאַפט, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן הינטער אַ שפּריירעגנדל, אַזוי ווי הינטער אַ שלייער.

יצחק לאַנדויער האָט מיט אַ גוטוויליקן אינטערעס און פאַרגניגט באַקוקט דעם קאָלעגע פון אויבן אַראָפּ. דעם עלעגאַנט־געשניטענעם, דויש־ברוינעם ראָק, מיט זילבער אָפּגעקאַנט, פון דעם פיינסטן טוך, שיין און פּינקטלעך זיך כוואַליעדיקן און געפּודערטן פּאַריק, די צערטלעך־צוזאַמענגעלייגטע שפּיצן־מאַנזשעטן, וואָס האָבן אוודאי געקאָסט אַ פערציק גילדן. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ שוואַכקייט צו דעם זיס אָפּענהיימער, פון וועמענס גרויסע, אומרו־איקע, קויל־רונדע אויגן עס האָט ליידנשאַפטלעך אַרויסגעלאָדערט אַן אונטערנעמונג־לוסט און אַ לעבן־גיריקייט. דאָס, הייסט עס, איז דער נייער דור. ער, יצחק לאַנדויער האָט אַ סך, גאָר אַ סך געזען, די לעבער פון דער אידישער גאַס, און די לוסט־שלעסער פון די גרויסע. דחקות, שמוץ, רדיפות, שריפות, טויט, אונטער־דריקונג, לעצטער אָנמאַכט, און פּראַכט, ברייטקייט, מוטוויל,

פריצישקייט און הערלעכקייט. אין דער גאַנצער מלוכה זיינען געווען גאָר ווייניק, אפשר אינגאַנצן אַ מאַן דריי־פיר, וועלכע האָבן, אַזוי ווי ער, געוואוסט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער דיפּלאָמאַטיע. ער האָט ביז דער קלענסטער איינצלהייט געקענט דעם אַפּאַראַט פון מלחמה און שלום, פון הערשאַפט איבער מענטשן. זיינע ענד־לאָזע געשעפטן האָבן אויסגעשליפן זיין אויג אין אַלץ אַרויסצוזען די צוזאַמענהאַנגען, און ער האָט געוואוסט, מיט אַ גוטמוטיקן און שפּאַטישן וויסן, וועגן אַלע פיינע און לעכערלעכע צובונדן פון די גרויסע. ער האָט געוואוסט, אַז אַף דער וועלט איז פאַראַן נאָר אייןווירקלעכקייט: געלט. קריג און פרידן, לעבן און טויט, די צניעות פון פרויען, די מאַכט פון פויפסט, דער פרייהייט־ווילן פון די שטאַנדן, די ריינקייט פון דעם גלויבן, די שיפן אַף די ימים, די ממשלה־זוכעניש פון די פירשטן, די פאַרקריסטלעכונג פון דער נייער וועלט, ליבע, פרומקייט, פחדנות, שפּעדיקייט, זינד און ריינקייט: פון געלט איז אַלץ געקומען און צו געלט איז אַלץ געוואָרן, און אַלץ האָט זיך געלאָזט אויסדריקן אין ציפערן. יצחק לאַנדויער, האָט דאָס געוואוסט, ער איז געזעסן בײַ דעם מקור, האָט געקענט לייטן דעם שטראָם, האָט געקאָנט לאָזן פאַר־דאַרט ווערן, אָדער באַפרוכפּערן. אָבער ער איז געווען ניט אַזוי נאַריש, כּדי אויסצופּויקן די מאַכט זיינע, ער ה,ט איר געהאַלטן בסודי־סודות, און נאָר אַ שוואַכער, זעלטענער, פאַרגניגטער שמייכעלע איז געוועי אַלץ, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן זיין וויסן און זיין מאַכט. און נאָך אַ זאַך. אפשר האָבן די רבנים און תּלמידי־חכמים פון דער אידישער גאָס רעכט געהאַט, בשעת זיי האָבן דערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן גאָט און וועגן תּלמוד און גן־עדן און גהינום, אַזוי ווי וועגן פאַקטן, ער גופא האָט ניט געהאַט צופיל צייט אַף אַזעלכע באַטראַכטענישן, און ער איז גיכער נוטה געווען צו גלויבן געוויסע פראַנצויזן, וועלכע האָבן דערגלייכע ענינים אָפּגעפּטרט מיט אַ לייכטן שפּאַט; אין זיין טאָגטעגלעכן לעבן האָט ער זיך אויך ווייניק וואָס געקימערט וועגן דעם, ער האָט געגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט, און דעם שבת האָט ער געהאַלטן פונקט אַזוי, ווי אַלע טעג פון דער וואָך: אָבער אין

זיין קליידונג און אויסזען איז ער פארעקשנט נאָכגעגאנגען דער טראַדיציע. אין זיין קאַפּאָטע האָט ער זיך געפילט, ווי אין זיין אייגענער הויט. אָט אַזוי איז ער געגאַנגען צו די פירשטן און צום קייזער. דאָס איז געווען דער אַנדער סימן פון זיין מאַכט, אַ טיפערער און אַ געהיימער סימן. ער האָט ניט אָנערקענט קיין הענטשקעס און קיין פאַריק. מען האָט אים נויטיק געהאַט אויך אין קאַפּאָטע און פאות, און דאָס איז געווען א נצחון.

אָבער דער נייער דור, אָט דער — יוסף־זיס אָפּענהיימער. אָט זיצט ער זיך שטאָלץ, מיט אַזאַ ברייטקייט, מיט זיינע שנאַל־שיך און זיינע שפּיצן־שטולפן, און בלאָזט זיך. דער נייער דור איז אומגעלומפּערט. ער פאַרשטייט נישט דעם איידעלן גענוס צו האלטן די מאַכט בכּוד, איר צו באַזיצן, און איר ניט אַ־ווייזן; די פיינע הנאה פון דער שטילער, אינזיכיקער באַטראַכטעניש. ברעלאָקן און אַטלאַסענע הויזן און אַן עלעגאַנטער רייזע־עקיפּאַזש מיט אַ דינער, און די אַלע קליינטשינקע אויסערלעכע סימנים פון פאַרמעגלעכקייט — דאָס האָט פאַר אים מער ווערט, ווי אַ גוט־באַהאַלטענער שאַנק־קאַסטן מיט וועקסלען פון דער שטאָט פראַנקפורט, אָדער פון דער גראַפלעכער באַדענער פינאַנס־פאַרוואַלטונג. אַ דור אָן פיינקייט, אָן געשמאַק.

און דאָך האָט ער אים האָלט געהאַט, אָט דעם זיס. ווי ער איז דאָ געזעסן, יעדער נערוו אָנגעשפּאַנט, זשעדנע אַף ארויס־צוּבאַקומען פאַר זיך אַ מעכטיקן חלק פון דעם וועלט־קוכן. ער, יצחק לאַנדויער, האָט דאָס דעמאָלט דער ערשטער אונטערגע־שטופּט דעם יונגנמאַנס שיפל, בעת זי האָט, ניט געקוקט אַף דער גאַנצער מאַטערניש און ווילדע אָנטרייבן, זיך דאָך ניט געוואָלט רירן פון פלעק. נו, איצט איז שוין די שיפל געשוואומען, גע־שוואומען מיטן פולן שוואונג, און יצחק לאַנדויער האָט זיך נייגעריק און רואיק צוגעקוקט, ווי און וואוהין זי איז געשוואומען.

אַן עקסטרא־פּאָסט איז זיי געקומען אנטקעגן. אינעווייניק איז געזעסן אַ באַלייבטער, שווערגעוויכטיקער מאַנספּיל, מיט אַ פּנים פון א גבר, לעבן אים — אַ פרוי: פעט, רונד און נאַריש. עס האָט געקאָנט זיין אַ מאַן מיט אַ ווייב אַף דער נסיעה צו עפּעס

אַ משפּחה־יום־טובֿ. אין דער צייט, וואָס די עקיפּאַזשן האָבן, אונטער די גערוסן, וויצלעך און זידלערייען פֿון די פּורלייט, זיך אויסגעמידן, האָט דער מאַנסבֿיל געוואָלט אָנהויבן פֿירן מיט זיך אַ געמיטלעכן רייזע־שמועס. ווי ער האָט אָבער דערזען יצחק לאַנדויער אין זיינע אידישע מלבושים, האָט ער זיך דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעבויגן אַף צוריק און דערלאַנגט אַ ווייטן, שוואונקפֿולן שפּיי. די פֿרוי האָט אויך געזוכט אַרופֿצוציען אַף איר נאַרישן און גוטמוטיקן פּנים פֿאַראַכטונג און שטרייַנגקייט. „דער יועץ עטערלין פֿון ראַוועוסבורג", האָט יצחק לאַנדויער געזאָגט מיט אַ קליינינקן, זיך שטיקנדיקן געלעכטערל. „זיי דאַרבן ניט האַלט קיין אידן, די ראַוועוסבורגער. זינט דעמאָלט, ווען בײַ זיי איז פֿאָרגעקומען דער קינדערמאָרד־פּראָצעס און זיי האָבן געפּייניקט, געבֿרענט און געפּלינדערט זייערע אידן, טראָגן זיי אַ שטאַרקע שנאה אַף אונז. עס איז שוין אַ קיימא־לן פֿון דרייהונדערט יאָר. היינט זיינען שוין פֿאַראַן מענטשלעכערע אָרטן, ווייניקער בלוטיקע, ווי אַרויסצוגנבֿענען בײַם אידן זיין געלט. אָבער עס איז קלאָר, אַז ווען מען האָט עמיצן אָפּגעטאָן אַזאַ אומגערעכטיקייט, איז מען שוין ווייטער אויך אויפֿגעבראַכט אַף אים, אפֿילו אין דרייהונדערט יאָר אַרום. נו, מיר וועלן דאָס אויך אַריבערלעבן".

אין דעם מאָמענט איז זיך געוויען אַ שונא דעם אַלטן. אַ שונא זיינע ברודיקע קאָלטענעס, זיין פֿאַרשמאָלצענער קאַפּאָטע, זיין כאָרכלענדיקן געלעכטערל. ער האָט אָנגעמאַכט בזיונות מיט זיין נאַרישער, אַלטפֿרענקישער, אידישער האַלטונג. ער האָט בכלל ניט באַגריפֿן זיינע משונהדיקע, זקנישע קאַפּריזן. געלט האָט ער געהאַט, ווי שטרוי דערצו, נאָך אַן אומבאַגרענעצטן קרעדיט, באַצויגן אין אַלע הויפֿן, צוטרוי בײַ אַלע פֿירשטן און ער, זיך, איז געווען אין פֿאַרגלייך צו אים ווי אַן עקדיש קעגן אַ קראָקאָדיל: און אַזאַ מין מענטש איז אַרומגעגאַנגען אין אַ שמוציקן מלבוש, אַרויסגערופֿן שפּאָט און שפּייעריי, האָט זיך באַגנוגנט מיטן אָנזאַמלען געלט און מיט דער שרייבעכץ אין זיינע קאַנטאָרן. וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט דען געלט, ווען מען פֿאַרוואַנדלט דאָס

ניט אין השיבות, פראַכט, הייזער, פערד, לוקסוריעזע בגדים, פרויען? שפירט דען אָט דער אַלטער ניט קיין חשק אַמאָל צו שפּייען אַף אַנדערע אויך, אַזוי ווי מען האָט אַף אים געשפּיגן, און צו בריקן אַנדערע, אַזוי ווי מען בריקט אים? צוליב וואָס, אייגנטלעך, באַשאַפט מען זיך די מאַכט, אויב מען ווייזט איר קיינמאָל ניט אַרויס? דער ראַווענסבורגער קינדערמאָרד-פּראָצעס! אָט אַזאַ שטות איז אים געלעגן אין קאָפּ! ס'איז שוין פאַרשטויבט, פאַרשימלט, באַגראָבן. היינטיקע צייטן זיינען שוין, גאָט צו דאַנקן, בעסער, געאָרדנטער, ציוויליזירטער. היינט זיצט שוין דער איד בײַ איין טיש מיט די גרויסע פּריצים, ווען ער פאַרשטייט נאָר, ווי זיך צו פירן. האָט דען זיין שוועסטערקינד, דער ווינער אָפּענהיימער, ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטעלן פאַרן רוימישן קייזער די טראָפּ אַף דעם, אַז ער, דער איד אָפּענהיימער, איז געווען די ווײַטיקסטע סיבה פון דעם נצחון, וואָס די קייזערלעכע חיילות האָבן איצט אָפּגעהאַלטן איבער די טערקן? און די קייזערלעכע קריגס-קאַנצעלאַריע, צוזאַמען מיט פעלדמאַרשאַל פּרינץ אייזשען האָבן דאָס אפילו באַשטעטיקט אין דער שענסטער פאָרם, מיט גרויס דאַנק, און האָבן דאָס באַקרעפטיקט מיטן שטעמפּל. מען דאַרף זיך נאָר ניט פאַרעקשנטערהייט אָנהייגען אָן נאַרישע קאַפּריזן, און ניט שטעכן די אויגן מיט קאַפּאָטעס און פּאות. דעמאָלט וואָלט אַפילו דער יועץ עטערלין פון ראַווענסבורג זיך אויך באַגריסט מיט זיי און אַרויסגעוויזן העפלעכקייט.

יצחק לאַנדויער איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער זעלביקער אומבאַקוועמער, אַרויסרופנדיק-אומעלעגאַנטער פּאָזע. ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זיס האָט איצט געטראַכט; אָבער ער האָט געשוויגן, האָט האַלב צוגעמאַכט די שפּירנדיקע אויגן, האָט עפּעס אונטערגעברומט.

זיס איז טאַקע געפאָרן מיטן מיין זיך אין ווילדבאַד צו דערהוילן, אויסצורוען. ער האָט אָקאָרשט געהאַט דורכגעפירט צוויי געפעטרלעכע, אופרעק-דיקע געשעפטן. קידם-כל, דעם איינפירן שטעמפּל-פּאַפּיר אין דער קורפּפאַלץ. דער קורפירשט האָט זיך

געשטעלט אין אומדערהערטן אַרענדע־פּרייז. די באַפעלקערונג האָט זיך געוועהרט קעגן דעם נייעם אָפּצאָל, ווי קעגן אַ בייסעדיקן הונט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן, און צולהכעיס אַלע זלזולים, התראות, געזעמלען פאַר זיינע קאַנצע־לאַריעס, פּאַסקווילן און מעשים, האָט ער דאָך אויסבאַהאַלטן דעם שטעמפּעל און די האַנטשריפט פון דעם קורפירשט. און דאָס האָט זיך אים געלוינט: ער האָט פאַרקויפט דעם אָפּמאַך מיט אַ ריוח פון צוועלף טויזנט גולדן. און אפילו דעמאָלט האָט ער זיך ניט פאַרגונען אָפּצורוען. ניין, די צוועלף טויזנט גולדן האָבן ווייטער געמוזט אַריינגעטאָן ווערן אין דער אַרבעט. אַנטשלאָסן, גיך און מיט גרייטקייט — מען האָט אים געגעבן נאָר צוויי טעג אויף צו באַטראַכטן זיך — האָט ער אָפּגעמאַכט אַ מינץ־הסכם מיט העסען־דאַרמשטאַט. אַ געפערלעכער געשעפט. זיין ברודער, דער געשמדטער באַראָן, וועלכער האָט געקענט דאַרמשטאַט, ווי זיינע צען פינגער, האָט זיך ניט געדרייסט דאָס צו אונטערנעמען; אַפילו יצחק לאַנדויער, האָט אויף דעם מיטן קאָפּ געשאָקלט און האָט איינגעהאַלטן זיין שמייכעלע. די הכנסה־אַמטן פון באַדען־דורלאַך, אַנסבאַך, וואַלדעק, פולדאַ, העכינגען, מאַנפאַר האָבן געפירט אַ פאַרביטערטע קאָנקורענץ און האָבן געמינצט, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. כדי צו גיסן נאָך ערגערע מטבעות האָט מען געדאַרפט האָבן פאַרפאַראָרענע, גלייכגילטיקע בלוט, און אַ קופּערנעם שטערן. זיס האָט דאָס געהאַט. און ער האָט אויך פאַרשטאַנען זיך אָפּצוטרייסלען פון דעם געשעפט צו דער רעכטער צייט און מיטן געהעריקן ריוח. איצט האָט זיין נאָכפאָלגער זיך אַרומצוהרגענען מיט די טויזנטער שטערונגען. ער איז באַשיצט געווען דורך אַ דעקרעט פון דעם לאַנדגראַף ער איז געווען אָפּגעלאָזן פון זיין דינסט מיט לייטזעליקייט און מיט גוטער פּרנסה. איצט האָט ער געהאַט צוויי שיינע הייזער אין פראַנקפורט און אין מאַנהיים, ביידע פריי פון חובות. און דערצו נאָך אַפּן עקסטן מזרח פון דער רוימישער מלוכה אייגענע לענדערייען, וועגן וועלכע קיינער האָט ניט געוואוסט. קאַפּיטאַל, פאַרבינדונגען, טיטלען, קרעדיט. דעם רוף פון אַ המצאהרייכן מח, פון אַ מזלדיקער האַנט. ער האָט זיך

שוין געמעגט פאַרגינען רוען און פירן אַ שפעדיקן לעבן, ער האָט געוואָלט באַווייזן דער וועלט, וואָס פאַר אַ מענטש עס איז דער פירשטלעכער אויבערהויף־ און מלחמה־פאַקטאָר. דער לוקסוריעזער לעבן פון זיין אָפּרו־צייט איז אויך געווען נוצלעך פאַר זיין געשעפט, האָט אים דערנענטערט צו די גרויסע פריצים.

אָבער ווי פעסט ער האָט ניט באַשלאָסן, זיך איינגאַנצן אויסצורוען אין ווילדבאַד, און ווי קרום עס האָט אים ניט געשיינט צו זיין יצחק לאַנדויערס פירונג — זיין אייגענע אַרט זיך צו באַנעמען מיט פירשטן און גרויסע פריצים, זיך צוצופּאַסן צו זיי, איז זיכער געווען די איינציק־ריכטיקע — וואָלט דאָך געווען אַ משוגעת, ניט צו נאַשן עפּעס פון דער געמיינזאַמער נסיעה מיט דעם גאון פון דעם אַלטן דור, דעם מענטשן־ און פאַך־קענערישן פינאַנס־מאַן. און אָן שום מחוקות האָט ער זיך גענומען אויספרעגן אַף דער גרעפין, אירע אויסזיכטן, האָפענונגען, דאגות, איר גע־שעפטלעכן ווערט.

ווי נאָר מען האָט גענומען ריידן וועגן געשעפט־זאַכן, האָט יצחק לאַנדויער אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם דרעמל און אויפ־געהויבן אַ פּאָר קלוגע, אופגעוועקטע און שפּירנדיקע אויגן אַף זיין שכן. ס'איז געווען אַ געשעפט־פּרינציפּ, אויב נאָר מעגלעך, זיך צו האַלטן באַם אמת. גראָד זיינע דרייסטע און פאַרפלעפנדיקע אָפנ־האַרציקייטן האָבן אים איינגעבראַכט די גרעסטע רווחים. ער האָט געוואוסט, זים האָט ניט האָלט געהאַט די גרעפין; איר זשעדנע־קייט צו געלט איז אים פאָרגעקומען ניט פירשטלעך, געמיין. פאַרוואָס זאָל ער זיין קאָלעגע ניט אַ ביסל ערגערן, דערמיט וואָס ער וועט אים אופקלערן די זיכערקייט און די שאַנסן פון געשעפט? ער האָט צוגלידערט קורץ, קלאָר, זאַכלעך. אַ קלוגע דאַמע, די גרעפין. זי האָט אַ חוש פאַר ממשותדיקס: יעדע שטייגערונג פון דעם הערצאָגס ליבע צו איר האָט זי זיך געלאָזט באַצאָלן מיט גרונטשטיקער און מיט פּריווילעגיעס, און ווען זיין ליבע איז אַף אַ ווײַלע אָפּגעקילט געוואָרן, האָט ער באַם צוריקקערן זיך געמוזט אָפּצאָלן מיט באַרע געלט און מיט איידלשטיינער. וואָס האָט זי אַריינגעלייגט אין געשעפט? אַ שיינעם פּנימל, אַ מאָגערן טיטל, אַ

קאַפּעטשקע ספּקדיקע צניעות. ווען זי איז אַריין אין הויף, האָט זי אַפילו קיין קליידער ניט געהאַט. און וואָס האָט זי אויסגעפירט? די גרעפין פון ווירבען, די לאַנד־הויפמייסטערין עקסעלענץ, פּרע־זידענטין פון קאָנסיל*). די אויבערשטע השגחה איבער דער הער־צאָגלעכער שאַץ־קאַמער. אַכצן טויזנט גילדן רענטע. די שטאַט־צירונג און הויז־יובעלן. אַלע כּיבודים, הכנסות און פּריווילעגיעס פון אַ מלוכה־פירשטין. באַרער קאַפּיטאַל און טראַטעס אין פּראַג, ווענעדיג, גענף, האַמבורג. אין אירע שאַץ־קעסטלעך, האָט מיר דער סעקרעטאַר פּפּאַו דערציילט, ליגן דרייהונדערט טויזנט גילדן. ווען עס זאָלן אַפילו צווייהונדערט טויזנט זיין, איז דאָס אויך ניט קיין קלייניקייט. ריטער־גוטן, דערפער, שלאָס־הויפן. אַ קלוגע פרוי, וואָס פאַרשטייט אַ געשעפט. זי וואָלט כּשר פאַרדינט צו זיין אַ אידישקע.

„איצט זאָל זי זיין אין דיגראַס", האָט זיס געזאָגט. „זי האָט זיך צעוואָרפן מיט איר ברודער. מען שמועסט, אַז איר אייגענער ברודער האָט געראַטן דעם הערצאָג, איר אָפּצושאַפן. דער קיניג פון פּרייסן האָט אים אויך שטאַרק צוגערעדט צו דעם. זי ווערט אַלט, איינגעקשנט, ס'איז שווער מיט איר דורכצוקומען. און אַזוי דיק. דער הערצאָג האַלט לעצטנס מער ניט פון אַזוי פיל פעטס".

„זי ווייס, ווי צו געפינען אַן אויסוועג", האָט יצחק לאַנדויער געענטפערט. „זי ווייס, אַז דער באַנק פון ענגלאַנד איז זיכערער, ווי די ליבע־שוואורן פון אַ תּאוהדיקן הערצאָג. זי איז פאַרזיכערט, זי איז אין אַ בעסערן מצב, ווי א סך מלוכה־פירשטן. גלויבט מיר, ר' יוסף־זיס".

זיס האָט פאַרצויגן מיט די ליפּן. וואָס זאָגט ער: ר' יוסף־זיס? פאַרוואָס ניט: הער הויף־פאַקטאָר, אָדער: קאָלעגע, אָדער עפּעס אַנדערש? ס'איז ניט לייכט געווען, צו האָבן צו טאָן מיטן אַלטן. ער האָט געקאָנט קאָמפּראָמעטירן. „ווען דער הערצאָג וועט פון איר אַוועקגיין", האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, „וועט זי ווייניק וואָס קענען אַרויסראַטעווען. דער גאַנצער הערצאָגטום האָט

---

*) העכסטער ראַט פון דער מדינה.

איר האָלט, פונקט ווי מען האָט האָלט די פּעסט און דעם הויי-שעריק. די גאַנצע מדינה איז אַף איר אופגעבראַכט".

„די שנאה פון לאַנד!" האָט יצחק לאַנדוויער געזאָגט מיט זיין איראָנישן שמייכעלע, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט די פינגערן געקעמט דעם רויטבלאָנדן, אָפּגעבליאַקעוועטן בערדל. און זיס האָט געפּילט, ער האָט רעכט. „אַף וועמען-דען, איך בעט אייך, אויב ער טויג נאָר אַביסל, איז די לאַנד ניט אופגעבראַכט? ווער עס איז ניט אַזוי, ווי די אַנדערע, דער לעבט זיך שוין אָן די אַלגעמיינע שנאה. דער צאָרן פון פאָלק הויבט נאָר אוף דעם קרעדיט".

זיסן האָט אופגערעקט דער פרידלעכער, איבערלייגטער טאָן פון דעם אַנדערן. „אַ זונה", האָט ער געצוקט מיט די אַקסלען, „געלט-גיריק, פּראָסט אין די מאַנירן, דערצו גראָב און אַלט".

„מער ניט, ווי רייד, ר' יוסף-זיס", האָט יצחק לאַנדוויער געלאַסן געזאָגט. „זונה! אַ וואָרט. טרייסטן זיך דערמיט די צניעותדיקע אַלטע אַדעליקע פרייליינס, ווייל זיי זיינען איר מקנא. אסתר המלכה האָט דאָך אין אָנהויב אויך ניט געקענט ווייסן, אויב זי וועט ווערן אחשורושס קעפּס-ווייב. איך זאָג אייך, ר' יוסף-זיס, אַט די פרוי איז פּאַרטרויענסווערטיק אַף פינפמאָל הונדערט טויזנט גולדן. זי איז קלוג, זי ווייס, וואָס זי וויל. האָט זי דען ניט צו-געלאָזן די אידן אין אירע דערפער און הויפן? ניט אויס סענטי-מענטאַלישקייט, זייט זיכער. אָבער זי איז קלוג, זי דערשמעקט, ווער עס איז קלוג, מיט וועמען עס לאָזט זיך רייִדן, האַנדלען. פינפמאָל הונדערט? זי איז ווערט ביז פינפמאָל הונדערט פופציק טויזנט!"

פאַר דער צייט האָט זיך דער עקיפּאַזש אָפּגעשטעלט בײַ דער גאַסטהויז „צום שטערן". דער באַלעבאָס איז אַרויסגעלאָפן אַראָפּגעצויגן זיין מיצל. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען יצחק לאַנדוויערס קאַפּאָטע, האָט ער מיט אַן אופגעהויבענער נאָז אַ זאָג געטאָן: „דאָ איז ניט קיין אידישע אכסניא", און שוין געוואָלט צוריק אַריין אין טויער. אָבער דער בלאַסער סעקרעטאַר איז אַראָפּ פון זיין פּלאַץ. „דאָס זיינען די הערן הויפמעקלערס אָפּענהיימער

און לאַנדויער״, האָט ער אַ זאָג געטאָן געלאַסן און איבערן פּלייצע אין דער צייט, וואָס ער האָט געהאָלפן די הערן אַרויסשטייגן. און דער באַלעבאָס האָט זיך שוין טיף פאַרנויגט און איז מיט גרויס גרייטקייט אַריינגעלאָפן פאָרויס אין די צימערן.

בײַ דעם גראָבן קבלת־פּנים האָט זיך יוסף־זיסעס פּנים פאַר־כמורעט; אָבער ער איז שווייגעדיק געגאַנגען זייט בײַ זייט מיט יצחק לאַנדויער. „נו״, האָט לאַנדויער געשמייכלט, „אַפילו פאַר אַ אַ געהיימראַט־ראָק מיט גאַלונעס וואָלט ער שוין אויך ניט געקאָנט זיך אויסקראַצן מיט זיין פוס ווייטער אַף הינטערוויילעכס״. און ער האָט אַלץ געשמייכלט און מיט די פינגערן זיך פאַרקאַמט דעם שיטערן, אָפּגעבליאַקעוועטן בערדל.

די גרעפין האָט אַרויסבאַגלייט דעם הערצאָג צו זיין קאַרעטע; און פאַר דער צייט, וואָס דער געוויכטיקער הערצאָג איז שווערפעליק אַריינגעשטיגן אינעווייניק, איז זי געשטאַנען און צוגעוואַרט מיט דער ליבנסווערדיקער זיכערקייט פון אַ פרוי, וואָס איז געוואוינט, מען זאָל איר באַוואונדערן, האָט זי בויגעוודיק און פריינטלעך געפלוידערט, געשמייכלט, גערעדט אַפן וואונק. ווען זי האָט זיך אומגעדרייט, און אַרופגעשטיגן די טרעפ צום בלאָען קאַבינעט, זיינען אירע טריט און האַלטונג נאָך געווען לייכט און עלאַסטיש. אָבער שוין זייענדיק אינעווייניק, האָט זי זיך אָפגעלאָזן, די אַקס־ען זיינען אָפגעפאַלן, די אָרעמס האָבן מאַכטלאָז אַראָפגעהאַנגען, די מויל איז געווען האַלב־געעפנט. דער פנים איז מיטאַמאָל אָפּגעשלאַפט געוואָרן און אָנגענומען אַ דערשראָקענעם אויסדרוק.

אוים, אַלץ איז אוים געווען. זי האָט קוגציק לאַווירט. ער האָט זיך ניט געדרייסט צו ריידן, אָבער עס איז דאָך קלאָר געווען אַז ער איז געקומען מיט דער כונה איר אָפּצוזאָגן, און אויב דער אנטשידענער וואָרט איז אַפילו אויסגעבליבן, האָט זיין אומאַנטשלאָסענע העפלעכקייט דייטלעכער גערעדט, איז הונדערטמאָל ערגער געווען, ווי די פריערדיקע אָפּטמאָליקע האַמפּערייען, צאָרן-אויסבּרוכן אָדער באַליידיקטע שטילשווייגעניש.

זי איז געזעסן אָפגעלאָזן, זי איז געווען אַזוי מאַט און אומגענאָגט; די געמאַכטע ליבנסווערדיקע האַלטונג, מיטן עלעגישן הויך איבער דעם, בעת איר האַרץ האָט געבושעוועט, געשאָלטן, געגרימצאָרנט, די פאַרשטעלטקייט האָט איר אַזוי אויסגעמאַטערט. איצט איז זי געזעסן אַף דער נידעריקער ברייטער בעט, באַטויבט, אויסגעשעפט ביז פולשטענדיקער גליימטקייט. די פודער און שמינקע פון איר פנים איז טיילוויז אַראָפּ. דער לוסטיקער פייערל, וואָס זי האָט אין אירע אויגן אָנגעצונדן, איז פאַרלאָשן געוואָרן, דער ברייטער, געשטיקטער אַטלאַס־ראָק איז אַראָפּגעהאַנגען אין טויטע פאַלטן, און אַפילו די פרייליכע נוסברוינע האָר אונטער דער קונסטפולער, מיט קליינע רובינען באַזייטער קאָפּ־הייבעלע, האָבן פאַרלאָרן זייער זאָרגלאָזע פרישקייט.

אַלץ, הייסט עס, איז אוים. און צוליב וואָס? דער פּרייסן-

קיניג האָט געבויערט, דער אָפּגעבליאַקעוועטער כלב, מיט זיינע אויסגעוועפּטע דרשות וועגן פליכט און שטות. איר ברודער האָט געהעצט, דער אינטריגאַן, דער פּאַסקודנער, דער כיטרער, דער פּראָש־בלוטיקער. מער האָט ער איר שוין ניט נויטיק געהאַט, זיין שטעל באַם הערצאָג איז שוין געזיכערט געווען; און ס'האָט בעסער געלוינט, איר אָפּצוטרייסלען, נאָך איידער ער וועט אַריינגעוויקלט ווערן אין איר מפּלה. זי איז געווען אַ שטער, צוליב איר האָט מען געמוזט איבעראַנדערשן די פּאָליטיק בנוגע דעם קייזערלעכן הויף. זי האָט אָפּגעקאָסט געלט, אַ סך געלט. וואָס ס'וואָלט געווים באַקוועמער און לייכטער געווען גראד אָפּצוטראָגן אין די אייגענע קאַסעס, און ניט פירן איבער אַן אומוועג, איבער איר. אָ, ווי זי האָט אים דורך און דורך געזען, דעם בעל־חשבון, דעם נידער־טרעכטיקן הונט! אָבער זי וועט זיך אָפּרעכענען מיט אים. זי איז נאָך פאַראַן, זי לעבט נאָך, דער הערצאָג האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט, דערוויל הערשט זי נאָך אין לאַנד. זי, זי, זי. אָבער דאָס אַלץ וואָלט פאַרן הערצאָג נאָך ניט געווען קיין גרונט, זיך פאַנאַנדערצוגיין מיט איר. זי האָט שוין אויסגעהאַלטן פיל שטאַרקערע שטורעמס. קעגן איר איז געווען דער קייזער, די גאַנצע מלוכה, דער פאָלק, דער פּאַרלאַמענט און די קאָנסיסטאָריע, און זי האָט זיי אַלעמען ביינגעקומען. איר ברודער! דער פרייכן־קיניג! עט, דאָס זיינען ניט געווען די סיבות. און זי האָט געזען, ווי דער אמתער ענטפער איז צו איר שוין געקראָכן, ווי ער האָט פאַרקלעפּט אירע געדאַנקען, זי האָט אים געוואוסט און אויך ניט געוואוסט. ער האָט זיך געריסן אַריינצודרינגען אין איר, ווי אַ רויז אין אַ לעכל פון אַ נאָדל. זי האָט געשפּירט, ווי ער איז פון אַ טונקעלן געפיל געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקייט. איר בליק האָט געזוכט דעם שפּיגל, האָט אים אויסגעמיטן. די שווערע פּרוי איז נאָך טיפער אין זיך צוזאַמענגעשרומפּט געוואָרן, אַ באַרג צוקראָכענע פלייש אין פּראַכטפולע שטאָפן פאַרוויקלט.

אַף דיין שטערן שוועבט מינערוואַ*) הויך אין ערע

*) געטין פון מלחמה און חכמה

פון דיין בליק קוקט זעאוס*), פון דיינע האָר — ציטערע**)

אַזוי האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק דער הויף=פּאָעט איר באַזונגען. זי האָט ניט נויטיק געהאַט קיין שפּיגל, זי האָט געוואוסט די אמתע סיבה.

זי האָט זיך אָפּגעזיפּצט, האָט זיך אַריבערגעבויגן אַף פּאָרנט, די איגן צוגעמאַכט, די האַנט פאַרן האַרצן, לופט! לופט! די אַסטמאַ האָט איר געשטיקט, געקומען צו זיך, איז זי אָפּגעשפּרונגען, ווי משוגע אַרומגעלאָפן איבערן הויז, אָפּגעגעבן באַפעלן, זיי גענומען צוריק, געפּאַטשט די דינסטן געשריען, געשיקט שליחים אין אַלע זייטן.

יאָ, זי האָט נאָך עקסיסטירט. מען האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז זי איז נאָך פאַראַן. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. דערצו האָט זי, צום גליק, ניט צינגעלאָזן. זי האָט זיך איינגעצאַמט. עס איז געווען איבער די מענטשלעכע כחות, זיך אַזוי איינצוהאַלטן, אָבער זי האָט דאָס דורכגעפירט. און ער האָט נישט געזאָגט. כאַכאַ, און זיי מוזן נאָך איצט טיף אין זיך באַגראָבן די שמוציקע פרייד זייערע, זי איז דערווייל נאָך דאָ און זי וועט באַווייזן, אַז זי איז נאָך דאָ.

אַרום הערצאָג האָט זי געהאַט אָנפאַרטרויטע קאָרעספּאָנדענטן. עבערהארד לודוויג איז נאָך אַלץ געווען אין נעסלאך, אין זיין יאַגד=שלאָס. דאָס איז גוט געווען. יעדן טאָג איז איר קוריער געריטן פון נעסלאַך קיין ווילדבאַד. וועגן יעדער קלענסטער אונטערנעמונג פון הערצאָג האָט זי געוואוסט. וואָס ער עסט און טרינקט, ווען ער גייט שלאָפן, ווען ער גייט אַף יאַגד, זעצט זיך צום טיש, גייט שפּאַצירן. באַ זיך האָט ער געהאַט נאָר די אונגאַרין, נאָר אַף אַ האַלבע שעה אין טאָג. אַחוץ דעם האָט ער קיינעם ניט געזען, קיינעם פון זיינע ראַטגעבער האָט ער צו זיך ניט צוגעלאָזן. גוט, גוט. ער האָט זיך אַוודאי געשעמט, וואָס ער האָט זיך ניט געדרייסט אַרויסצורײדן דעם אמתן וואָרט. האָט ניט געוואָלט, מען זאָל ווייטער צושטיין צו אים. מלוכה=אַקטן זיינען אַלץ צוגעקומען, האָבן געוואַרט אַף זיין חתימה. דער האַרבער ענין מיט באַדען=דורלאַך וועגן באַטייליקן זיך אין די הוצאות פון דער

*) אויבערשטער גאָט.
**) געטין פון שיינקייט און ליבע.

פעסטונג קעל האָט שוין געהאַלטן באַם אויסגעגלייכט ווערן, דער אמבאַסאַדאָר פון דער מאַרק=גרעפין*) איז שוין צוגעשטאַנען, אָבער מען האָט צום הערצאָג ניט געקאָנט צוקומען. דער אָפמאַך מיט היילבראָן און עסלינגען וועגן רעגולירן די נעקאַר**)=פראַגע האָט אויך געפאָדערט אַ דרינגלעכע רעגולירונג: און דער הערצאָג איז ניטאָ. דערפאַר אָבער האָט ער איצט צונויפגערופן די ריטער פון זיין הובערטוס=אָרדן און האָט מיט זיי געשתיעט. אויך די בלוטיונגע, אומגעווינטלעך=נאַרישע און שלאַנק=געוואַקסענע אונגאַרישע טענצערין האָט געמוזט בלייבן אין נעסלאַך. זייער גוט, זאָל ער שיכורן מיט זיין יעגער=קאָמפּאַניע, זאָל ער זיך מזנה זיין מיט דער נאַרישער באַשעפעניש, אבער — קיין ראַטגעבער, קיין העצער, קיין אינטריגאַנען.

זי פאַרגינט זיך דערווייל ניט אָפּצורוען. אַלע אירע פאַרוואַלטער און אינטענדאַנטן שיקט זי פאַנאַנדער שאַרפע באַפעלן, אַרויסצופּרעסן דעם לעצטן גראָשן פון אירע גיטער און הויפן. זי שאַפט צוואַנציק נייע באַאַמטן=שטעלעס, אייגנטלעך אינגאַנצן איבעריקע, און אירע אופטרייבער האָבן טאָג=טעגלעך פאַרקויפט די שטעלעס, און דער גרעפינס שאַץ=קאַמער האָט זיך באַרייכערט מיט די קויפגעלטער און די משכון=געלטער. די הערצאָגלעכע הויף=קאַסע האָט באַקומען פון דער גרעפין אַן אומגעהויערן חשבון פון הוצאות, וואָס זי האָט געהאַט בעתן לעצטן וויזיט פון עבערהארד לודוויג, און דאָס איז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס האָלץ, וויין און פירות האָט זי באַקומען אַריינגעשיקט פון הויף. ווי אַן אויסגעהונגערטער הונט אַף אַ ביין, אַזוי האָט זי זיך אַרופגעוואָרפן און נאָגט אַלע הכנסות פון הערצאָגטום, זשעדנע און פאַרביסן, און יעדן טאָג ווערן גרויסע סומעס אַריבערגעשיקט איבערן גרעניץ צו אירע באַנקירן אין גענף, האַמבורג, ווענעדיג.

און דער הערצאָג זיצט נאָך אַלץ אין נעסלאַך. פון זיין הויף=שטאל האָט ער זיך געלאָזט אַראָפּברייגען די דריי

*) רעגירנדיקע גרעפין.

**) אַ טייך, וואָס פליסט דורך די דריי מדינות.

גרויסע געשפּאַנען, פון אַכט פערד יעדער. און ער טרייבט מיט זיי אָן לויט אַלע קונצן פון דער רייט־חכמה. די אונגאַרין האָט געקוויטשעט, די יעגערס פון הובערטוס־אָרדן האָבן איר, אין ער־לעכער באַוואונדערונג, אַפּלאָדירט.

סוף כל סוף איז דער היים־דערוואַרטער און אומגעדולדיק אַרויסגערופענער יצחק לאַנדויער אָנגעקומען איןווילדבאַד. ער איז געזעסן אין זיין פאַרשמאַלצענער קאַפּאָטע אין דער גרעפינס קאַ־בינעט, צווישן לאַפּיסלאַזולי און פאַרצירונגען, שפּיגלען און גאָלדענע מלאכים׳לעך. די גרעפין אנטקעגן אים, באַם שרייב־טיש, צווישן זיי, אין הויכע קופּעס, אַקטן, טאָוולען, חשבונות. ער האָט זיי דורכ־געקוקט, נאָכגעחשבונט, די גרעפין האָט אים געגעבן אַלע ידיעות, און ער האָט נאָך דאָ און דאָרטן אויסגעפונען חסרונות, אָנגעוויזן אַף שאַרפערע שרויפן, פּרעסן. די גרעפין, אנטבלויזט די פרעכ־טיקע אָרעמס און דעם צו פעטן נאַקן, האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהאָרכט, קריטיקירט, פאַרשריבן. צום סוף האָט זי געפּאָדערט אַן אומגעהויערע הלואה אונטערן משכון פון דריי דערפער.

יצחק לאַנדויער האָט איר אָנגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און מיט פאָרוואורף געזאָגט: „האָב איך דאָס פאַרדינט באַ אייך, עקסעלענץ?״ „וואָס פאַרדינט?״ „אַז איר זאָלט מיר האַלטן פאַר אַזא פרא־אדם״. זי, אופשפּרינגענדיק: „וואָס וויל ער, דער איד? וואָס טראַכט ער זיך? וואָלט ער מיר דען מיט אַ פּאָר יאָר פריער ניט געגעבן די הלואה? בין איך דען איצט ווייניקער פאַרטרויענסווערדיק?״ דער איד, פאַרזיכטיק: „אַף וואָס דאַרף אייער עקסעלענץ די געלט? אַרויסצושיקן פון לאַנד. פאַרוואָס אַרויסשיקן פון לאַנד? דאָך נאָר צוליב דעם, וואָס זי שרעקט זיך פאַר געוויסע מעגלעכקייטן. ווען מען דאַרף זיך אָבער שרעקן פאַר מעגלעכקייטן, זיינען דאָך די אַלע גיטער ניט קיין געהעריקע זי־כערונג. ווילט איר דען, אַז איך זאָל באַ דעם געשעפט אָנווערן?״ די גרעפין האָט הילפלאָז אַוועקגעקוקט פאַר זיך, נאָכדעם אַף אים, און אירע אויגן האָבן אים געזאָגט, אַז דאָ שטייט אין קאָן עפּעס מער, ווי געלט, אירע אויגן האָבן אים אויסדערציילט וועגן אַלע אירע שרעקן, האָפענונגען, ספיקות. „ער איז קלוג, דער איד״,

האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט. „מײַנט ער, אַז איך מעג זיך דערלויבן די גיטער" — זי האָט זיך פאַרהעקערט — „ניט צו פאַרמשכונען?"

ער וואָלט געהאַט חשק איר צו זאָגן אַ פריינטלעכן וואָרט. אָבער זי איז געווען אַ קלוגע, אַנטשלאָסענע פרוי. זי האָט ניט נויטיק געהאַט קיין טרייסטווערטער און קיין פאַרשלייערונג. עס איז דירעקט ניט אַנשטענדיק געווען מיט דעם צו קומען צו איר. ער האָט איר פון אויבן ביז אַראָפּ באַקוקט, און זי האָט זיך איינגעאַנצן אַנטפּלעקט פאַר אים, — ער האָט געזען איר אָפּגעלאָזענעם פּנים, דעם צוקראָכענעם, דיקן לייב, און אַף איר דרינגלעך־פרעגנדיקן בליק האָט ער קיין אַנדער ענטפער ניט געהאַט, ווי צו שווייגן און צו צוקן מיט די פּלייצעס. דאָ איז זי שוין איינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן. ווי אַ קליינער קינד, האָט זי אויס־געבראָכן אין אַ שטאַרקן, לאַנגדויערנדיקן געוויין. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן אָפּצושיטן מיט גראָבע זידלערייען די מיניסטאָרן, איר ברודער, איר פּלימעניק און אַלע אַנדערע אירע נאָכלויפער, וועלכע האָבן איר געלאָזט פאַלן און קיין האַנט ניט גערירט איר צו העלפן, וועלכע האָבן איר נאָך אונטערגעשטופּט. די ברודיקע קאַנאַליעס! זי דאָט זיי געבראַכט צו זייערע שטעלעס. זיי האָבן אַלץ דערגרייכט דורך איר. פאַר יעדן גראָשן, פאַר יעדן קנאָפּ אַף זייערע אוניפאָרמעס, האָבן זיי איר געהאַט צו פאַרדאַנקען. אַחוץ דעם האָבן זיי מיט איר אַ פאָרמעלן אָפּמאַך, דאָ אין שופלאָד האָט זי דעם דאָקומענט. אַז אין גינציקע און אין שווערע פאַרהעלטענישן, וועלן זיי מיט אַלע כּחות זיך איינשטעלן איינער פאַרן אַנדערן. נירערטרעכטיקע כּלבים, אפילו פאַרן שינדער און פאַרן גיהנום זײַנען זיי נאָך אויך צו שלעכט! אפילו יעדער פרייכער, יעדער שד און גנב, האַלט אויך אַזעלכע חברישע אָפּמאַכן.

דער איד האָט שטיל צוגעקוקט, ווי זי האָט געשטורעמט. האָט איר געלאָזן זיך אויסבושעווען. צום סוף האָט זי זיך פאַרהוסט. איר פּנים איז רויט געוואָרן, זי האָט געשנויפּלט, געסאָפּעט. ענדלעך זיך שטיל און אָן אָפּשטעל פאַנאַנדערגעכליפּעט. „אַ, איד".

האָט זי געיאָמערט, „אָ, אידי", צובראָכן, צוטרייסלט אָן אָפּהאַלט, די שווערגעוויכטיקע, שיינע פרוי. שמינקע און פודער זיינען זיך צופלאָסן, די שטאָלצע שטאָפן זיינען טויט פון איר אַראָפּגעהאַנגען.

יצחק לאנדויער האָט מיט די פינגער זיך געקעמט דעם שיטערן בערדל, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם האָט ער פאַרזיכטיק אָנגענומען איר גרויסע וואַרימע האַנט, האָט איר גענומען גלעטן, דערבײַ עפּעס מורמלענדיק.

דאָ און דאָרטן, אין אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד, האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן דעם נאָענטן פֿאַלן פֿון דער גרעפֿין, קיינער האָט ניט געוואוסט פֿון וואַנען דאָס שטאַמט קיינער האָט זיך ניט געדרייסט אַ הויכן וואָרט אַרויסצוברייגען, אָבער אין דער שטיל האָבן אַלע געמורמלט וועגן דעם. ס'איז, געווען אַ גרויסער, געהיימער אָפּעטעמען זיך. אין פֿאַראייַנצלטע דערפֿער האָבן שוין געקלונגען קירכן=גלאָקן, מען האָט אָפּגעהאַלטן דאַנק=תּפֿילות, פֿאַרוואָס, איז ניט געזאָגט געוואָרן, און געהייסן האָט דאָס אין אַלגעמיין: פֿאַר אַ געטלעכער גענאָד.

דערווייל האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדערט, פֿאַרקערט, דער דרוק איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, פֿאַרביטערטער. אַלטע באַאַמטע זיינען אַראָפּגעהויבן געוואָרן פֿון זייערע שטעלעס, ווייל אַ נייער פּרעטענדענט האָט גוט אָפּגעצאָלט דערפֿאַר. די גענעראַל=וויזיטאַציע *) האָט געשטורעמט קעגן געמיינדעס און פּריוואַט=מענטשן מיט אָנקלאָגן און אַרעסטן, פֿון וועלכע מען האָט זיך נאָר געקענט אויסקויפֿן מיט גרויסע אויסלייז=געלטער; די גרעפֿין האָט געצוואונגען אַלע מלוכה=קאַסעס, און אַפֿילו די קירכן=קאַסע און די אַלמנות= און יתומים=קאַסעס, איר אַרויסצוגעבן גרויסע, אָנפּראָצענטיקע און שטאַרק=אומזיכערע הלוואות; די אַגענטן פֿון דער גרעפֿין האָבן געוועלטיקט נאָך מוטווילִיקער און אומבאַגרענעצטער, ווי פֿריער. און ווען עס איז אַרויס אַ באַזונדערס שאַרפֿער הערצאָגלעכער באַפֿעל, וועלכער האָט פֿונדאָסניי און נאָך מיט מער פֿרישקייט באַדרויט מיט די האַרבסטע שטראָפֿן יעדן שלעכטן וואָרט קעגן דער גרעפֿין, זיינען אַלע לייכטבאַפֿליגלטע האָפֿענונגען אָפּגעטויט געוואָרן און געזונקען צו דער ערד.

די איינגערע גרופּע פֿון פּאַרלאַמענט האָט שוין דריי טעג בסדר געהאַט אַ זיצונג. די לאַנד=פֿאַרטרעטער זיינען אופֿגענומען געוואָרן דורכן קיניג פֿון פּרייסן. זיי האָבן געוואוסט וועגן דער מחלוקת צווישן דער גרעפֿין און איר ברודער, זיי האָבן געשפּירט די גיבע מפּלה פֿון דער גרעפֿין, האָבן איר געוואָלט

---

*) באַזיכטיקונג=מאַכט. די דעמאַלטיקע פּאָליציי.

אונטעריאָגן. מען האָט זיך באַראַטן וועגן דער מעגלעכקייט פונדאָסניי זיך צו באַקלאָגן באַם קייזער און דער מלוכה, וועגן נייע מכירות באַם הערצאָג קעגן דעם גרענעצלאָזן מוטווילן פון דער לעצטער צייט. די עלף מאַן זיינען געזעסן צוזאַמען, אַכט מיטגלידער פון דער איינגערער גרופּע, דיביידע קאָנסולענטן, דער פאָרזיצער און ערשטער סעקרעטאַר. ווי פאַרשיידן זיינען זיי געווען איינער פון דעם אַנדערן, פון דעם אומגעלומפּערטן, ברייטן יאָהאַן־פרידריך יעגער, בירגערמייסטער פון בראַקענהיים, ביז צו דעם פיינעם, עלעגאַנטן, וועלטלעכן קאָנסיסטאָריאַל־ראַט און פּרעלאַט פון הירזאו, פיליפּ היינריך וייסענזע; אָבער אַלע, ווי איינער, באַמאָנענדיק די רעכטן און פּריווילעגיעס פון דער לאַנד־פאַרטרעטערשאַפט. עס האָט ממש געדונערט פון די סך קללות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אַף דער גרעפין, מיט ריטער מוז מען דעם מיאוסן נפש אַרויסבייטשן פון לאַנד. און יאָהאַן־פרידריך בעלאָן, בירגערמייסטער פון וויינסבערג, האָט געזעצט אין טיש און געשריען, אַז ווען עס וועט שוין האַלטן דערביי, וועט ער נעמען אין גאַס זיינע קליינע קינדער, און וועט זיי הייסן שפּייען אין פּנים דער טמאה, דער צופּאָקטער און פון די פראַנצן צופרעסענער. עס האָבן געהילכט שטאָלצע רייד, וואו איז דען פאַראַן אין אייראָפּע נאָך אַזאַ לאַנד מיט אַזוי פיל פרייהייטן, נאָר ווירטעמבערג און ענגלאַנד האָבן זיך אויסגעקעמפט אַזוי פיל פאַרלאַמענטאַרישע גאַראַנטיעס. און די לופט אין הויז פון לאַנדטאָג איז פול געווען מיט בירגער־שטאָלץ, שוויים און דעמאָקראַטיע. אָבער די באַשלוסן וואָס מען האָט אָנגענומען, זיינען געווען זייער מירביקע, און אַזוי ווי צו עבערהארד לודוויג האָט מען ניט געקענט צוקומען, און די געהייכראטן דאָבן געגעבן נאָר העפלעכע, אָבער ציינגערנדיקע תשובות, זיינען די זעלביקע רעזאָלוציעס אויך צוקראָכן געוואָרן, און אין דריי וואָכן אַרום זיינען זיי שוין פאַרוואַנדלט געווען אין פאַרגעלטע אַקטן.

די הערצאָגין יאָהאַנאַ־עליזאַבעטע, וועלכע איז געזעסן אין דעם איינזאַמען שטוטגאַרטער שלאָס און געוואַרט, האָט אויך באַקומען צו הערן פון דעם נאָענטן אומחן פון דער גרעפין, די

הערן פֿון פּאַרלאַמענט זײַנען געוואָרן אָפּטע אײַנגײער בײַ איר. דער קײזער האָט געשיקט צו איר אַ דעפּוטאַציע, דער קיניג פֿון פּרײסן האָט איר אָפּגעגעבן אַ באַזונדערס פֿײערלעכן באַזוך. אין די קרײַזן פֿון דער גרעפֿין האָט מען ניט ווייניק געשפּאָט פֿון דעם צערעמאָניעלן וויזיט פֿון אָפּגעבליאַקעוועטן קיניג בײַ דער אָפּגענוצטער הערצאָגין. די הערצאָגין האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו אַלע שטימען, האָט באַזאָרגט פֿאַרצייכנט יעדע וואַקלעניש פֿון עבערהאַרד לודוויג, אָבער איר האָפֿנונג איז דערבײַ הויך ניט געשטיגן, און ווען די געלעכצטע ענדערונג האָט זיך פֿאַרצײגערט, איז איר אַנטוישונג ניט טיף אַראָפּגעפֿאַלן, זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. דרײַסיק יאָר איז זי שוין געזעסן אין דעם פֿליקן שלאָס, וואו דער הערצאָג האָט איר איבערגעלאָזן נאָר די נויטווענדיקסטע שטוב=מכשירים, געזעסן פֿאַראומערט, פֿאַרטויבט, פֿאַרעקשנט, פֿאַרזויערט, האָט געוואַרט. אַפֿילו די פֿרעמדע אַמבאַסאַדאָרן האָבן איר אויך געמאַכט הכנעהדיקע וויזיטן, אָבער זי האָט געוואוסט — דאָס איז געווען אַ לאַנגווײַליקע פֿליכט, און מען האָט איר אויסגעצייכנט נאָר דעמאָלט, ווען מען איז ברוגז געווען אויפֿן הערצאָג, אים געוואָלט ערגערן. דער אַמתער לעבן האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָרטן, אין לודוויגסבורג, אין דער שטאָט, וואָס עבערהאַרד לודוויג האָט אויסגעבויט פֿאַר איר קאָנקורענטין, אין דער צײַט, וואָס זי, די הערצאָגין, איז פֿאַרביסענערהייט געזעסן אין שטוטגאַרט, ניט אַכטנדיק אויף קיין דערנידעריקונגען און התראות. דער לעבן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָרטן, אין לודוויגסבורג, וואוהין דער פֿירשט האָט אַריבערגעטראָגן זײַן רעזידענץ, און וואוהין ער האָט מיט געוואַלד אַריבערגעהויבן די אַמטן, קאָלעגיעס, די קאָנסיסטאָריע און קירכן=ראַט. דאָרטן האָט ער אויסגעבויט דעם פּרעכטיקן שלאָס פֿאַר דער מעקלענבורגערין, דער זונה, אַהין האָט ער אַריבערגעפּעקלט פֿון שטוטגאַרטער פּאַלאַץ אַלע אוצרות און לוקסוס=מעבל.

יאָהאַנאַ=עליזאַבעטע האָט געדיינקט די מעקלענבורגערין — אַפֿילו אין די געדאַנקען האָט זי ניט אָנגערופֿן איר פֿאַרשאָלטענעם נאָמען — פֿון ערשטן טאָג אָן, זי האָט זיך באַצויגן

צו איר מאַן מיט ליבע און ערפורכט, זי איז שטאָלץ געווען מיט אים, דעם מלחמה־העלד און קאוואלער. זי האָט אויך געוואוסט, אַז זי איז ניט גענוג שיין פאַר אים, און זי האָט אים ניט פאַרדיינקט, וואָס ער האָט זיך געפלאָנטערט מיט אירע הויף־פריווילייגס. אַפילו ווען זי האָט אים געבאָרן אַ זון און אַ טאָכטער, און מען האָט איר מרמז געווען אַף דעם, אַז די קרייענקלעכקייט פון די קינדער שטאַמט פון זייער פאָטערס אויסגעלאָזענעם לעבן, האָט זי אויך אַף אים קיין כעס ניט באַהאַלטן. ווי די מעקלענבורגערין איז אַריין אין הויף — איר ברודער האָט איר אַהערגעבראַכט, דער אינטריגאַן און צוזאַמענפירער, כדי דורך איר זיך צו מאַכן אַ קאַריערע — האָט זי ניט באַגריפן, אָבער עבערהארד לודוויג האָט דאָס געוואָלט: זי האָט דאָך שוין אַזוי אָפט צוגעקוועטשט די אויגן אַף אַזעלכע זאַכן, און איצט האָט זי אים דאָס אויך פאַרגונען. אַחוץ אַלעמען, האָט דער הערצאָג אין אָנהויב גאָר קיין באַזונדער אַכט ניט געלייגט אַף איר, און ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן צוזאַמען געשפּילט אין אַ ליבהאָבערישן ספּעקטאַקל, האָט אים אָנגעכאַפּט דער חשק. זי האָט נאָך געזען די חוצפּהדיקע, נאַקעטע ברוסטן, מיט וועלכע די טמאה האָט זיך בעת דער פאָרשטעלונג געמזליעט צו אים. און זינט דעמאָלט איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, וואו דער נפש האָט ניט אַרויסגערופן צו זיך אַלץ מער און מער שנאה פון איר צד. דעם הערצאָג האָט זי פאַרלאַקט מיט כישוף, דאָס איז קלאָר געווען; זי האָט זיך אויך געפּרואווט איר, דער הערצאָגין, צו פאַרסמען; אין דעם, וואָס ס'איז איר דעמאָלט, בעתן טרינקען די שאָקאָלאַדע, אַזוי ניט גוט געוואָרן, איז געווים שולדיק דער סם פון דער מעקלענבורגערין, און נאָר גאָטס גענאָד האָט איר ווייטער אָפּגעהיט פון נאָך ערגערס און האָט איר ניט דערלאָזט פאַרזוכן די געבעק. ס'איז דאָך קלאָר געווען פאַר יעדן, ווער עס האָט נאָר אויגן אין קאָפּ, אַז זי איז אַ פאַרשאָלטענע מכשפה, אַ גיפטמישערין און אַ שדיכע. איז זי דען ניט געלעגן אַ צייט חליעדיק, נאָכן אָפּהאָבן אַ בלאָשוואַרצן, האָריקן און איינגעשרומפּענעם בן־פקועַ?

אָבער זי, די הערצאָגין, האָט דורך קיינע שפּיצלעך, אפּטועניש און כּישוף זיך ניט געלאָזט אָפּטרייבן פון אירע רעכט. שוין פון לאַנג האָט זי מער ניט געטראָגן אין זיך קיין קערנדיקע שנאה, דאָס איז נאָר געווען אַן אויסגעטריקנטער, אומפרוכטבארער, קרובער, פעדאַנטישער, פאַרשטויבטער וואַרטן אַף דער מפּלה פון יענער. און אַזוי איז זי געזעסן אין דעם גערוימיקן, אויסגעליידיקטן שלאָס, פאַראובערט, פליק, פאַרזויערט, און די בשורות, מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּייזט, האָבן אויך פאַרלאָרן זייער קאָליר און געוואָרן געדיכט, צוזאַמענגעוואַקסן, שפּינגעוועב־פאַרביק, אַזוי ווי זי אַליין.

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, איבערן גאַנצן שוואַבישן אומגעגנט, אופצוטרעפן דעם אייביקן איד. אין טיבינגען איז ער, ווי מען האָט געזאָגט, דורכגעפאָרן די שטאָט אין אַ פּריוואַט־קאַרעטע, אַנדערע ווידער האָבן אים געזען אַפן לאַנדשן שליאַך, צופוס, אַף פּאָסט־קאַרעטעס. דער טויער־אופּפּאַסער פון וויינסבערג האָט דערציילט וועגן אַן אויסטערלישן פרעמדן פּאַרשוין, וועלכער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ משונהדיקע נאָמען און האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן פּרצוף־פּנים; ווען ער איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל פאָרווייזן זיינע פּאַפּירן, האָט אים דער מאָדנער באַשאַף אָנגעקוקט מיט אַזאַ מין טייוולאָנישן קוק, אַז ער איז אינגאַנצן צוטומלט געוואָרן און האָט אים אָפּגעלאָזן, און איצט שפּירט ער נאָך אויך אין זיך דעם גיהנומשן בליק, גלייך צו אַ צופּעניש אין אַלע זיינע איברים. די ריידעניש וועגן דעם האָט זיך אַלץ מער פאַרברייט, קינדער האָט מען געוואָרנט, ניט אַריינצופאַלן דעם פרעמדן אין אויג, און די שטאָט וועיל, אין אומגעגנט פון וועלכער מען האָט אים צום לעצט מאָל געזען, האָט אופגעגעבן אירע טויער־היטער שטריינגע תקנות.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער זיך באַוויזן אין האַל. באַם טויער האָט ער מיט חוצפּה דערקלערט, אַז ער איז אחשור, דער אייביקער איד. דער מאַגיסטראַט, וועלכן מען האָט תיכּף אַפן אָרט מודיע געווען, האָט פאַראָרדנט, מען זאָל אים ביז וואָס־ווען איבערלאָזן אין פאָרשטאָט. אַ צושראָקן־נייגעריקער המון האָט זיך גענומען קלייבן. אויסגעזען האָט ער, ווי עס זעען צום גרעסטן טייל אויס אידישע הויזירער, אין אַ קאַפּאָטע און מיט פּאות. ער האָט דערציילט מיט חשק, כאָרכלענדיק, אָפּטמאָלס ניט צום פאַרשטיין. פאָרן צלם האָט ער זיך געוואָרפן אַף דער ערד, געיאָמערט, זיך געקלאַפּט אין האַרצן. ער האָט געהאַנדלט מיט כלערליי קליינקראַם, און מען האָט אויסגעקויפט באַ אים אַ סך קמיעות און פּאַטשערקעס. צום סוף, געשטעלט פאַרן מאַגיסטראַט, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שווינדלער, באַקומען שמיץ.

אָבער די יעניקע, וועלכע האָבן אים געזען, האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז בשום אופן ניט דער אמתער. יענער האָט נישט

אויסטערלישעם געהאַט אין זיינע מלבושים, געגאַנגען, אַזוי װי די אַנדערע, אין א סאָלידן האָלענדישן קאַפּטאַן, אַביסל אַלטפּרײנקיש, ער האָט אויסגעזען װי אַ העכערער באַאַמטער, אָדער װי אַ פּאַרמעגלעכער בירגער. נאָר זיין פּנים און די לופט אַרום אים, קודם=כּל זיין אויג: מיט איין װאָרט, מען האָט באַלד אַפן אָרט געשפּירט, אַז דאָס איז דער אייביקער איד. אַזוי האָבן די פאַרשידנסטע מענטשן, איינשטימיק, זיך דערציילט אין אַלע װינקעלעך פון לאַנד.

די גרעפין האָט געפרעגט באַ יצחק לאַנדויער, װאָס ער מיינט װעגן די קלאַנגען. ער האָט געענטפערט מיט אומװעגן, האָט געזאָגט, אַז ער איז נים קיין לייבניץ*). אים איז נים ליב צו ריידן װעגן אַזעלכע ענינים, קיין קלאָרע זאַכן זעט מען דאָ נים אַרוים, ער איז בכלל נוטה נישט צו גלויבן, אָבער אין זיינע ספיקות איז ער אויך נים שטאַרק זיכער געװען. אַחוץ דעם, װענדט מען אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי און פון דער קירכן=מאַכט, בעת מען פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן. זי, די גרעפין, האָט שטאַרק געגלויבט אין מאַגיע און אין שװאַרצער קונסט. אין גוסטראָװ, אין די קינדער=יאָרן, האָט זי אַ סך פאַרבראַכט מיט דער אַלטער יאַהאַנע, דער פּאַסטעשקע, װעלכע מען האָט שפּעטער דערהרגעט דערפאַר, װאָס זי האָט אַראָפּגעבראַכט דעם שלעכטן װעטער. זי האָט אָפטמאָל אָפן, אָבער עפּטער, בשעת די אַלטע האָט איר אַרויסגעזאָגט, בסוד, זיך צוגעקוקט, װי יענע האָט צונויפגעמישט זאַלבן און געטריינקען, און טיף אין זיך איז זי געװען איבערצייגט, אַז איר אַרופּשטיג און איר מאַכט שטאַמט נאָר דערפון, װאָס נאָכן טויט פון דער אַלטער האָט זי זיך אין געהיים איינגעריבן נאָפּל, קני און ערוה מיט דער ציגנבאָקישער בלוט, װאָס יענע האָט אין איר לעצטן טאָג דורכגעמישט. זי האָט מיט גרוים חשק און פול אופרייצנדיקער און פחדנישער זשעדנעקייט געשמועסט מיט אַלכימיסטן און אַסטראָלאָגן, װעלכע זיינען געקומען אין לודװיגסבורגער הייף, און אויב אין געזעלשאַפט האָט זי אַפילו

---

*) אַ באַרימטער דייטשער פילאָזאָף פון יענער צייט.

געשפּילט די ראָל פון אַ פילאָזאָפין און פון אַ פרייען גייסט. האָט זי אָבער בשתיקה מיט גרויס געשפּאַנטקייט און שווער אָטעמענדיק צוגעגרייט כּלערליי רעצעפּטן אַף צו דערהאַלטן די יוגנט, אַף צו געווינען די מאַכט איבערן מאַנסביל. זי איז גאָרניט געווען אַזוי נאַריש, כּדי ניט דורכצוקוקן דורך און דורך, אַז די אידן האָבן זייערע אומדערהערטע דערפאָלגן און געניאַלע המצאות אין געלטזאַכן צו פאַרדאַנקען נאָר כּישוף־שפּיצלעך. די שפּיצלעך האָבן זיי באַקומען בירושה פון משהן און פון די נביאים; יעזוסן האָבן זיי געקרייציקט צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט בדעה דעם סוד אַרויסצוגעבן אַלע פעלקער, און דערמיט אָפּצונעמען בײַ אים זיין כּח. און דאָס, וואָס יצחק לאַנדויער האָט זיך איצט געזוכט אַרויסצודרייען פון איר, און האָט איר, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זי האָט אים אַזוי פיל צוטרוי אַרויסגעוויזן, פאַרלאָזן אין איר נויט, איז געווען ניט מער, ווי גיריקער פּחד פאַר קאָנקורענץ און אַ גרויסע אומגערעכטיקייט פון זיין צד.

די קלאַנגען וועגן דעם אייביקן איד האָבן אין איר פונדאַסנייַ פאַרשטאַרקט דעם בײַשלום, אַז ווען גאָרנישט וועט שוין מער העלפן, וועט זי פּרואוון צוריק אַריינבאַקומען דעם הערצאָג מיט כּישוף. מיט גרויס העפטיקייט איז זי צוגעשטאַנען צו יצחק לאַנדויער, ער זאָל איר אוועקפירן צו דעם אייביקן איד. און אויב ער וועט זיך דאָס ניט אונטערנעמען — ער זאָל קיין תּירוצים ניט צוטראַכטן, עס איז דאָך קלאָר, אַז אויב ער וויל נאָר, וועט אים דאָס מעגלעך זיין — זאָל ער איר, לכל־הפּחות פאַרשאַפן אַן אַנדער מקובל, וועמען זי זאָל זיך קענען אָנפאַרטרויען.

יצחק לאַנדויער האָט זיך געריבן די בלאַסע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט געפרואָרן. איר אָנבאָט און איר העפטיקייט זיינען אים שטאַרק ניט באַקוועם געווען, געווים. ער איז געווען אַ סוחר, אַ נאמן, ער האָט באַזאָרגט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט: געלט, לאַנד, אַ טיטל, אַ גראַפשאַפט, ווען עס איז נויטיק געווען, קאָלאָניאַלע בשמים, נעגערס, ברוינע שקלאַפינס, ריידעוודיקע פּאַפּוגאַיעם; אָבער וואו האָט ער געזאָלט נעמען דעם אייביקן איד, אָדער אַזאַ אָנגעזעענעם מקובל, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין אַן

עפֿעקטפֿולער פֿירשטלעכער סבֿיבֿה? געווים, אײן מאָמענט האָט ער אַ טראַכט געטאָן פֿאָרצושטעלן פֿאַר דער גרעפֿין עפּעס אַ פֿלינקען שווינדלער; אָבער סוף כּל סוף האָט ער דאָך ניט געוואָלט אָפּנאַרן זײַן גוטע קליענטין, וועלכע האָט זיך אַזוי פֿאַרלאָזן אַף אים. ער איז שטענדיק געווען סאָליד. און אַחוץ דעם, איז דאָס געווען אַ צו גרויסע ריזיקע. די פֿאַרטרעטער פֿון די שיכטן האָבן אים דאָך אַזוי אויך פֿײַנט געהאַט, און מיט דער גרעסטער הנאה וואָלטן זיי אים געשלעפּט פֿאַרן משפּט און, זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן, אויך אַפֿן שײַטערהויפֿן. ער האָט זיך געזעגנט מיט דער גרעפֿין אין אַ שלעכטער שטימונג, ניט ווי שטענדיק, און מיט אַן אַרויסגעפּרעסטן האַלבן צוזאָג.

ער איז אַוועק צו יוסף־זיס אָפּענהײַמער.

יענער האָט זיך מיט גרויס ערנסט געמיט, די צײַט אַרומצוגיין אָן אַרבעט; אָבער ער איז ניט פֿייִק געווען זיך אַף אַזאַ אופֿן אָפּצורוען. ער האָט געליטן פֿון דער פּוסטעפּאַסנעקייט; ער איז געווען רירעוודיק, און האָט זיך געפֿילט ניט־געמיטלעך, קראַנק, ווען ער האָט ניט געקענט שאַפֿן קיין פּראָיעקטן, אונטערהאַנדלען מיט פּריצים, זיך אָן אָפּרו באַוועגן, זיך אַליין דרייען אינם געווירבל פֿון דעם אופֿגערירטן.

פֿון קינדווײַז אויף האָט אים כּסדר עפּעס געטריבן, ער האָט זיך קיין רו ניט פֿאַרגונען. נאָך אַ קינד זײַענדיק האָט ער שוין אויסגעפֿועלט ניט צו בלײַבן האָקן בײַ זײַן זיידן אין פֿראַנקפֿורט, דעם פֿרומען און שטילן חזן ר׳ שלמה. זײַנע עלטערן, דער פֿאָטער איז געווען דירעקטאָר פֿון אַ אידישער קאָמעדיאַנטן־טרופּע, האָבן אים געמוזט מיטנעמען אַף זייערע וואָגלעניש. און צו זעקס יאָר איז ער שוין געקומען אין דעם הערצאָגלעכן הויף פֿון וואָלפֿענביטעל, און האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקאָנט מיט גרויסע הערשאַפֿטן. דער פֿאָטער, און נאָך מער די מוטער, די וואונדער־שײנע מיכאַעלע זיס, זײַנען געשטאַנען אין גרויס חן בײַם הערצאָג, און די הערצאָגין האָט געקושט די טריט פֿון דעם שײנעם, לײַדנשאַפֿטלעכן, פֿקחדיקן, שפּילעוודיקן אינגל. ער איז דאָך

געווען גאָר אַנדערש, ווי יענער פלאַקסענער, בלאָנדער גלייכגילט פון די קינדער אין וואָלפענביטעלער הויף. שוין דעמאָלט האָט זיך בײַ אים אויפגעכאַפּט די לעכצנדיקע נטיה, האָבן צו טאָן מיט פּריצים. ער האָט זיך גענויטיקט אין כסדרדיקע אָפּענדערונגען, אַף זיין וועג האָט ער שטענדיק געמוזט באַגעגענען א סך, א סך פּנימער. ער איז דורשטיק געווען נאָך מענטשן, האָט אַ ברענענדיקן חשק געהאַט, אַ־יינצוזאַפּן אין זיין לעבן אַלץ מער און מער פּנימער, ער האָט קיין איינעם פון זיי ניט פאַרגעסן. דער טאָג, אין וועלכן ער האָט, לכל הפחות, ניט געזען קיין פיר נייע מענטשן, איז פאַר אים געווען פאַרלאָרן, ער האָט זיך געגאוהט דערמיט, וואָס ער האָט פּנים אל פּנים געקאָנט אַ דריטל פון אַלע דייטשע פירשטן, די העלפט פון אַלע חשובע דאַמען.

מיט צרות איז אָנגעקומען אים איינצוהאַלטן אין היידלבערג אין שול. אין משך פון פיר יאָר איז ער דריי מאָל אַנטלאָפן, זיך נאָכגעשלעפּט די קאָמעדיאַנטן. און ווען דער פאָטער איז אָפּגעשטאָרבן, האָבן אים קיין געבעטן, טרערן, התראות, זידלערייען פון דער מוטער ניט געקענט איינצאַמען. דער בילד־שיינער אינגל, פון גאַנץ שטאָט פאַרצערטלט, פרי אויסגערייפט, פאַר אַ וואונדערקינד אין חשבונען געהאַלטן, שטאָלץ אַף זיין פּרינציפּיעלן אויסזען, האָט אָפּגעטאָן די ווילדסטע שפּיצלעך. די אידישע שכנים האָבן פאַרוואָרפן די אויגן, די קריסטן האָבן לוסטיק און צופרידן געשמייכלט, די מוטער האָט זיך געבעטן תחנונים, האָט געוויינט און געלאַכט צוזאַמען, האָט געזידלט, זיך געוואָרפן צווישן שטאָלץ און אויפרעקונג. אויך אין טיבינגען, וואו ער האָט געזאָלט שטודירן רעכטן, האָט ער די אודיטאָריעס אויסגעמידן. מאַטעמאַטיק און שפּראַכן האָט ער זיך שפּילנדיק באַוועלטיקט, דער פּלפּול פון דער יוריספּרודענץ, אין וועלכער פּראָפעסאָרן האָבן זיך מיט מאַטערניש געגריבלט, איז אים אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן. פאַר אים איז פיל וויכטיקער געווען, צו פאַרברענגען זיין צייט מיט די סטודענטן פון אַדעליקן יחוס, און ווען זיי האָבן נאָר איין שעה געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ קאַוואַלער און אַ חבר, איז

ער גרייט געווען די גאַנצע װאָך צו זיין בײַ זיי אַ משרת און אַ לץ. ער איז אַלץ מער געקומען צו דער דערקענטעניש: זיין פּראָפעסיע איז, צו באַהאַנדלען חשובע הערן און זיך אַרומצודרייען אַרום זיי, זיך צו טוליענען צו זיי. ווער נאָך האָט אזוי, ווי ער, פאַרשטאַנען אַריינצוקריכן אין די קאַפּריזן און געלוסטונגען פון די פירשטן, אין דער רעכטער צייט צו שוויגן, אין דער געהעריקער צייט אַריינצוואַרפן אין זיי די זריעה פון זיין ווילן, אזוי ווי דער גערטנער זיין זוימען אין דער אויסרייפנדיקער פּרי. און ווער האָט, אַזוי ווי ער, פאַרשטאַנען צוטוליען זיך צו פרויען, און מיט אַ ווייכער און זיכערער האַנט צו בויגן די שטאָלצעסטע. אין אים האָט געלאָדערט: מער מדינות, מער מענטשן, מער פרויען, מער פּראַכט, מער געלט, מער פּנימער, באַוועגונג, געשעניש, געווירבל. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אין ווין, וואו זיין חתונה-געהאַטע שוועסטער האָט געלעבט אין שטאָלצן און פאַרשווענדערישן גלאַנץ, ניט אין די קאַנטאָרן פון זיינע שוועסטערקינדער, די אָפּנהיימערס, די קייזערלעכע באַנקירן און אַרמיי-ליוועראַנטן, ניט אין דער קאַנצעלאַריע פון מאַנהיימער אַדוואָקאַט לאַנץ, ניט אין ביורא פון זיין ברודער, דעם דאַרמשטאַטער קאַבינעט-פאַקטאָר, וועלכער האָט זיך איצט געשמדט, געהייסן באַראָן טויפענבערגער. עס האָט אים געטריבן, געיאָגט. נייע פרויען, נייע מסחרים, נייע פּראַכט, נייע מנהגים. אַמסטערדאַם, פּאַריז, װענעדיג, פּראָג. געווירבל, לעבן.

אָבער דערביי איז ער אַלץ געשוואומען אין אַ פלאַכן, אָן אַ זייט לויפנדיקן וואַסערל, און האָט זיך ניט געקענט אַרויסשלאָגן אַהין, וואו דער פולער שטראָם טראָגט. ערשט יצחק לאַנדויערס ביישטיין האָט אים צוגעשאַרט ערנסטע געשעפטן, דעם קורפאַלצישן שטעמפּל-ענין און דעם דאַרמשטאַטער מינצגוס-אָפּמאַך, און די מוטיקע פלינקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך גענומען צו די געפערלעכע געשעפטן און האָט צו דער ריכטיקער צייט זיך פון זיי אָפּגעשאָקלט, האָט אים געמאַכט אַ געוויכטיקן נאָמען. ער האָט געהאַט אַ וויכטיקן גרונט איצט אין ווילדבאַד צוזאַמענלייגן די הענט, אופּצואָטעמען.

אָבער דאָס איז אים ניט געגעבן געוואָרן, די הויט האָט אים געביסן פון ליידיק=אַרומגיין, און ער האָט אָנגעקניפּט, כּדי זיך צוצוקוקן צו זיין כּח, הונדערטער קליינע ליבעס, פּראָיעקטן, און געשעפטן.

זיס האָט זייער יונג אויסגעזען, און ער איז שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס אַלע האָבן אים געשאַצט נאָר אַף דרייסיק יאָר, כּמעט מיט צען יאָר אינגער, ווי ער איז אין דער אמתן געווען. ווען ער איז געריטן אַף דער פּראָמענאַדע, איז אים נויטווענדיק געווען צו פילן אַף זיין רוקן פרויען=בליקן, זיך אומקוקנדיקע פנימער. די מאַט=ווייסע הויט, וואָס ער האָט גערשנט פון דער מוטער, האָט ער איינגעריבן מיט גאַנצע טוצן עסענצן, אים איז שטאַרק געפעלן, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ גריכישע נאָז. דער פריזער האָט אים טאָג=טעגלעך געלאָקט די רייכע, טונקלברוינע האָר, כּדי זייער שיינקייט זאָל אונטערן פּאַריק ניט געמינערט ווערן. זייער אָפט האָט ער גאָר קיין פּאַריק ניט געטראָגן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דאָס האָט זיך אייגנטלעך ניט געפּאַסט פאַר אַ מענטשן אין זיין מעמד. ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען, אַז די קליינע מיילבעלע, מיט די פליישיקע, שטאַרק־רויטע לעפצן זאָל זיך בעתן לאַכן צופיל ניט איינציען, און מיט גרויס באַזאָרגעניש האָט ער אין שפּיגל געזוכט דעם אויסדרוק פון פרייער אופגערוימטקייט אַפן אָנרונצלדיקן שטערן, וואָס איז פאַר אים געווען דער סימן פון אַ קאַ=וואַלער. ער האָט געוואוסט, אַז ער וואַרפט זיך אין די אויגן, ער האָט זיך גענויטיקט אין כּסדרדיק=נייער באַשטעטיקונג פון דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט. אַ פרוי, מיט וועלכער ער איז נאָך איין נאַכט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז אים פאַרן גאַנצן לעבן ליב געבליבן, וויל זיינע טונקל=ברוינע, בליציקע, פלינקע אויגן אונטער די געוועלבטע ברעמען, האָט זי אָנגערופן „פליעדיקע אויגן“.

פונקט אַזוי ווי זיין באַקוועמלעכקייט און די מאָדע האָבן כּסדר פאַרלאַנגט פאַר זיין טיש נייע שפּייזן, וויינען, קריסטאָל און פּאָרצעלאַן, אַזוי האָבן זיי פאַרלאַנגט פאַר זיין בעט נייע

פרויען. ער האָט זיך געניוטיקט אין זיי און זיי אויסגענוצט. אין זיין זכּרון, אַן אומגעהויערן מוזייאום, וואָס האָט אַפן געטרייסטן אופן אַלץ אָפּגעהיט פון צושמערט ווערן, זיינען פאַרבליבן פּנימער, לייבער, ריחות, פּאָזעס; ווייטער האָט קיינע נישט דערגרייכט. איין איינציקע נאָר האָט זיך אין אים איינגעגעסן טיפער, ווי אין די חושים אַליין. דער יאָר, וואָס זי איז מיט אים צוזאַמען געווען, דער יאָר אין האָלאַנד, איז אין זיין לעבן געשטאַנען אָפּגעפרעמדט און שטאַרק איינזאַם. דער אָנדיינק וועגן איר איז שוין פאַרצויגן געוואָרן, ער האָט נים גערעדט וועגן דעם, זיינע געדאַנקען זיינען אויסמיידנדיק פאַרבײַ דעם יאָר און איר, דער אָפּגעהילכטער, נאָר זייער זעלטן האָט דער יאָר בּרייט אופגעריסן די אויגן און אים אָנגעקוקט מיט פאַרטומלעניש און מיט שרעק.

ער האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט איבעריידן פון יצחק לאַנדויער צו פאָרן קיין ווילדבאַד אויך צוליב דעם, ווייל שוין אין משך פון עטלעכע יאָר האָט איטלעכער אין מעריב=דייטשלאַנד, ווער עס האָט נאָר געוואָלט הייסן אַן אמתער קאַוואַלער, געמוזט פאָרן קיין ווילדבאַד אָפּ דערהוילן זיך. פון פראַנקרייך אפילו זיינען אויך אַהער אַריבערגעקומען געסט, דאָ האָט מען געקענט זען דעם מאָדערנסטן עקיפּאַזש, מען האָט געהערט דעם עלעגאַנטסטן שמועס, און אָן דער ווערסאַילער פיינקייט האָט מען געקענט אָפּשלייפן די מגושמדיקע ווינקלען, וואָס אפילו דער ניי־מאַדישער דייטשער הויף האָט נאָך נים פאַרשטאַנען אינגאַנצן אויסצוגלייכן. דאָ איז געווען די גרויסע וועלט. מען האָט דאָ אַפן בּולטסטן אופן געזען די קוים=מערקלעכע וואַקלענישן אין דעם מעמד און אָפּשאַצונג פון איינצעלנע מענטשן און פון גאַנצע שיכטן, ווער ס'איז אופגעשטיגן, ווער עס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט. דער לעבּעדיקער משל איז אין הונדערט מאָל בּאַלערנדיקער געווען פון דעם „מערקיר גאַלאַן" *). פון גאַנץ דייטשלאַנד האָט מען נאָר דאָ פּינקטלעך געקענט פעכטשטעלן, וואָס פאַראַ סאָרט

*) א דעמאָלטיקער פאַריזער זשורנאַל פאַר מאָדע און געזעלשאַפט=לעבן, וועלכער איז זייער פאַרשפּרייט געווען אין אייראָפּע.

פוס=געליינק איז באַ דער דאַמע דער אויסדערוויילטסטער, און דער מאָדערנער קאוואלער, אויב ער האָט נאָר ניט געוואָלט באַטראַכט ווערן פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם, האָט זיך דערמיט געמוזט רעכענען.

אַזוי ווי זים איז איצט מיט קיין אַנדער זאַך ניט פאַרנומען געווען, האָט ער זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם דאָרטיקן לעבן, האָט מיט פלינקע באַוועגונגען זיך באַוועגט אין קרייז פון די גאלאנטע נישטיקייטן. אַליין ניט אויסגעפילט און אויסגעהונגערט נאָך געשעענישן, האָט ער גיריק געזויגן אין זיך פרעמדע לעבנס. ער האָט געפירט שמועסן מיטן בעל=אכסניא און געמאַכט פראָיעקטן, ווי די גאסטהויז, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, זאָל איינברענגען מער ריווח. ער איז געשלאָפן מיט דער יונגער שטובמיידל, ער האָט באַשטעלט פאַרן אינהאַבער פון דעם שפיל=קלוב נייע, עלעגאַנטערע טישן, און דערביי פאַרדינט פיר הונדערט גילדן. ער איז געווען דער בעסטער גאַסט בעת די פרימארגן=אופנעמען באַ דער פרינצעסין פון קורלאַנד. ער האָט רעגולירט די ליבע=פאַרהעלטענישן פון דעם קוראָרט=דינער. דורך דער געשיקטקייט פון זיין ניקלאס פפעפלע האָט ער פארזארגט דער טאכטער פון דעם אמבאסאדאר פון די גענעראל=שטאטן *) מיט אראנזשן=בליטן פון די לודוויגסבורגער טרייב=הייזער; ווען זי איז געזעסן אין וואַנע און געשמועסט מיט די קאוואלערן, איז ער נענטער פון אַלעמען געזעסן אַף דעם הילצערנעם דעקל פון דער וואַנע, וואָס האָט געלאָזט זען נאָר איר קאָפּ, און אַסך האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַ רשות זיך נאָך אַף אַסך פרייע מעשים צו דרייסטן. ער האָט אָפּגעשריבן אַ גינסטיקן אָפּמאַך מיט אַן אַמסטערדאַמער שטיינער=הענדלער וועגן שלייפן שטיינער, באַ אַ סכסוך מיט אַ געוויסן גראַף טראצבערג, אַן אומגעלומפּערט=חוצפּהדיקן בייערישן פריץ, האָט ער אים אַזוי געלונגען אָפּגעהאַקט, אַז יענער האָט שוין אַף מאָרגן געמוזט זיך אָפּטראָגן פון ווילדבאַד. ער האָט אויסגעפועלט פאַרן גערטנער קרעדיט אַף איינצופלאַנצן נייע

*) האלאנד און בעלגיען.

פֿאַרק־אַלייעס באַם קורהויז און האָט דערבײַ פֿאַרדינט הונדערט מיט צען גילדן. באַם שפּילטיש האָט ער דער איינציקער, ווען אַלע דײַטשן האָבן פֿחדניש זיך אָפּגעצויגן, געשפּילט קעגן דעם יונגן לאָרד סאַפֿאָלק און מיט אַ הערלעכן שמײַכלע האָט ער פֿאַרשפּילט פֿיר טויזנט גילדן. ער האָט אויסגעפּאַטשט אַ קרעמער, וועלכער האָט אים, באַם פֿאַרקויפֿן זאָקן־בענדלעך, געוואָלט אויסנאַרן אין פֿיר גראָשן. ער איז טעגלעך געשטאַנען אין קאָרידאָר פֿון זאַקסישן מיניסטער — דער זאַקסישער הויף האָט געזוכט אַ הלוואה — טיף אײַנגעבויגן און אָן אַ היטל, בעת דער מיניסטער איז שטאָלץ און גראַד קוקנדיק פֿאַר זיך, פֿאַרבײַגעגאַנגען אָן אַ גערוס. ער האָט היציק מקנא געווען יצחק לאַנדויער, וועלכער איז אונטערן שפּאָט פֿון די גאַסן־שקצים, די קללות פֿון פֿאָלק, דער פֿאַראַכטונג פֿון דער גרויסער וועלט, געווען אַן אײַנגייער באַ דער גרעפֿין, גערעכנט, באַוועגט מיט געלט, באַוועגט מיט דער מדינה, אויסגעלײַדיקט מענטשן, באַגראָבן אונטער קייטן.

אין אַזאַ שטימונג האָט אים יצחק לאַנדויער אָנגעטראָפֿן. ער האָט פֿאָרזיכטיק אָנגעהויבן פֿון די משונהדיקע קאַפּריזן, וואָס דער אויבערשטער, ברוך־הוא, האָט געשטראָפֿט מיט זיי די קריסטן. דער אַלטער ראַטמאַן פֿון היילבראָן האָט שטענדיק געמוזט האָבן אַרום זיך זיבן הינטלעך, אַלע פֿון איין גרויס, די פֿרײַלן פֿאָן צוואַנציגער האָט אַ נדר געטאָן, אום פֿרײַטיק קיין וואָרט ניט אַרויסצוברענגען, און דער הער פֿאָן־האָהענעג האָט געהאַט דעם העפֿטיקן באַגער, בײַצווינן באַ אַלע אַרעליקע לוויות פֿון גאַנצן אומגעגנט. און צוליב דעם צוועק האָט ער זיך פֿאַר קיין שום טרחה ניט אָפּגעשראָקן. נאָכדעם איז ער פֿאַמעלעך אַריבער אַפֿן געמורמל וועגן דעם אייביקן איד און האָט פֿאַרענדיקט מיט אַן אַגבדיקן מיטיילן, אַז די גרעפֿין טראָגט זיך אַרום מיט אַ מאָדנעם קאַפּריז זיך דורכצושמועסן מיטן אייביקן איד, אָדער מיט אַ וועלכן ניט איז מכשף אָדער אַסטראָלאָג, בעסער פֿון אַלץ — מיט אַ פֿאַרטרויענסווערדיקן מקובל. דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, האָט געוואַרט.

זים האָט באַלד געמערקט, אַז יענער וויל עפּעס פון אים.

ער האָט זיך צוזאַמענגעשרומפּן, האָט געלאָקערט. דאָס, וואָס יצחק לאַנדויער האָט אָנגעהויבן מיטן אייביקן איד, איז געווען פאַר אים אַ טעות אין חשבון. דאָס האָט באַרירט אַ פּונקט, וואָס האָט קיין שייכות צו געשעפט ניט געהאַט. האָט זיך ניט געלאָזט פאַרוואַנדלען אין ציפערן. דאָס האָט זיך באַרירט דערמיט, וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרצויגן און פאַרדעקט געווען. ער האָט, נאַטירלעך, אויך געוואוסט וועגן די קלאַנגען; אָבער זיין מיטגעבאָרענער טאַלענט, ניט צו דערלאָזן צו זיך קיין זאַך, וואָס האָט געקענט אַריינטראָגן אַ צוטומלעניש אין זיין זיכערקייט, האָט אים דערמעגלעכט לייכט און גיך זיך פאַרבייצוגליטשן פאַרביי טונקעלע געפילן, מוטנעקייטן, זיך ניט צוזאַמענשטויסן מיט דעם פאַרגעסענעם. איצט אָבער, ווען לאַנדויער האָט דערמיט אָנגעהויבן, האָט דער ניט־געמיטלעכער געפיל אָן אָפּשטעל צו אים געפּויזשעט. ער האָט געזען, ווי יצחק לאַנדויערס פאָרשלאָג דערנעענטערט זיך צו אים, ווי אַ ווייטע כוואַליע, ער האָט זיך געשראָקן פאַר אים און זיך צו אים געצויגן, און ווען יצחק לאַנדויער איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז ער געבליבן זיצן אין אַן אויסמאַטערנדיק־אופרייצנדיקער געשפּאַנטקייט.

און דאָ האָט שוין דער אַנדערער אויך אָנגעהויבן ריידן, ציטערנדיק, באַהאַלטנדיק אונטער דער אגבדיקייט פון טאָן די זוכנדיקע דערוואַרטונג, האָט ער געפרעגט: „איך מיין, ר' זים, אפשר ר' גבריאל".

דאָס איז עס געווען, ער, אָטדער מענטש, וואָס איז דאָ פאַר אים געזעסן, און האָט כיטרע און געמיטלעך געוואַקלט מיטן קאָפּ איז, הייסט עס, דרייסט און מיט אַ זיכערער אויסרעכענונג געגאַנגען אַף דעם, וואָס ער האָט אין די געפילן מיט עקל אָפּגעוואָרפן, געזוכט פון זיך אָפּצוטרייסלען. איצט האָט ער אים געצוואונגען, וועגן דעם צו ריידן.

„איך מיין", האָט יענער, דער אָנלאָקער, דער קנאה־אַרויסרופער, ווייטער געטאַפּט, „איך מיין, דער אייביקער איד, וועגן וועלכן זיי פלאַפּלען, קען דאָך זיין נאָר ער".

יאָ, יאָ, דאָס האָט זיך אויך געשפּירט, בעת צו אים האָבן דערגרייכט יענע קלאַנגען. אָבער דווקא צוליב דעם האָט ער זיך געוואָלט אָפּצוימען, כּדי דער פאָרגעפיל זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין וויסן. ר' גבריאל, זיין פעטער, דער מקובל, דער גרוויליקער, פאַר איטלעכן אין אַ מערקווירדיקן און פורכטבאַרן נעפּל פאַרוויקלט, דער איינציקער מענטש, וועגן וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון, וועמעס קעגנוואַרט עס האָט אָפּגעבליאַקעוועט זיין פאַרביקן וועלטבילד, האָט אָפּגעטויט זיין וואָר, טאָפּלזיניק געמאַכט זיינע קלאָרע, רונדע ציפערן, זיי פאַרווישט. יענער האָט געוואָלט בלייבן אָפּגעזונדערט, פאַר זיך, ווייט. עס האָט נישט געטויגט, געוויס נישט געטויגט, אים אַריינצומישן אין געשעפט. ער וועט אופירן דאָס פאַרגעסענע, עס וועט אַרויסקומען תּהו-ובהו, באַדריקונג, צושפּאָלטנקייט, אַזעלכע זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט אונטערוואַרפן אונטער קיין דין-וחשבון. ניין, ניין, די געשעפטן זיינען געווען דאָ, און יענץ אַנדערע האָט זיך געפונען דאָרטן, אָפּגעהיט, אַף אַ מהלך, און אַזוי איז גוט געווען, און אַזוי האָט געזאָלט בלייבן.

„קלאָר, אַז איך וויל דאָס נישט אומזיסט, ר' יוסף-זיס", האָט יענער ווייטער געטאַפּט. „איך וועל אייך צוציען צו דעם געשעפט מיט דער גרעפין".

יוסף-זיס האָט אָנגעדרייט אַלע רעדעלעך פון זיין מח. ער איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן נסיון. אין אים האָט געאַרבעט שאַרף, פלינק, מיט אויסטערלישער ענערגיע און פּינקטלעכקייט. ער האָט זאַכלעך און גיך אָפּגעוואויגן אַלע מעלות פון אַזאַ מין אָנבאָט, האָט געציילט, געחשבונט. זיך פאַרבינדן מיט דער גרעפין, דאָס איז געווען אַ סך, דאָס איז געווען מער, ווי אַ גרויסע געלט-סומע, באַטייליקן זיך אין דעם געשעפט. — און ער האָט אַ צו-טריט צום הערצאָג, פון דאַנען איז שוין איין טריט צום פּרינץ אייזשען. ער האָט געזען די הונדערטער מעגלעכקייטן, שווינדלדיקע ווייטקייט האָט זיך גאָר נאָענט צוגערוקט.

אָבער דאָס גייט נישט. אַלץ אַף דער וועלט האָט מען פאַר אַ געשעפט געקענט מקריב זיין, פרויען, פרייד, לעבן, אָבער נישט

דאָס, ר׳ גבריאלן אַריינציען אין אַ געשעפט, אים פאַרקויפן, דאָס ניט. ער האָט אין קיין זאַך ניט געגלויבט, ניט אין שלעכטס און ניט אין גוטס. אָבער דאָס האָט געהייסן זיך וואַרפן אין ענינים, וואוהין עס האָט ניט געגרייכט קיין מעסטן און וועגן, דאָס האָט געהייסן אַריינשפּרינגען אין אַ געווירבל, וואו דער מוט האָט קיין זין ניט געהאַט, און די שווים־קונסט האָט ניט געהאָלפן.

ער האָט געאָטעמט העפטיק, קורץ, איבער אים איז אַריבער אַ פּלוצלינגדיקער פראָסט, און ווי זיך אָפּוועגנדיק, האָט ער אויפגעהויבן דעם רוקן, מיטאמאָל האָט ער זיך דערפילט, ווי עמיץ וואָלט אים איבערן פּלייצע געקוקט, עמיץ מיט זיין אייגענעם פּנים, אָבער אינגאַנצן פאַרטונקלט, נעפּלדיק.

„איר דאַרפט פון אים גאָרנישט פאַרלאַנגען", האָט יצחק לאַנדויער ווייטער אָנגעלאָקט. „איר דאַרפט אים קיין פאָרשלאָג ניט מאַכן, אַליין, וואָס איך וויל, ר׳ יוסף־זיס, איז, אַז איר זאָלט אים ברייגנען אהער, קיין ווילדבאַד. איר דאַרפט צושיקן אייער יונגנמאַן, דעם פּפּעפלע, ער וועט אים שוין געוויס אַראָפּברייגנען. איך וואָלט געוועזן פאַר אים אַ גוטער שותּף אין דעם עסק מיט דער גרעפין".

זיס האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די באַטויבטקייט, האָט זיך גיך צוזאַמענגענומען. זאַכן האָבן שוין ווייטער אָנגענומען זייער פאַרב, גרענעצן, קלאָרקייט, ממשות. דער נעפּלדיקער פּנים הינטער זיין פּלייצע איז פאַרשוואונדן. זיין אומאַנטשלאָסנקייט איז אַ משוגעת. ער איז דאָך ניט קיין פאַרחלומטער, נאַרישער אינגל. יאָ, דעמאָלט, ווען ער איז ניט איינגעגאַנגען אַפן שמד, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט אין קורפּאַלצער הויף, זיינען דערצו געווען געוויסע מניעות. ער האָט, אייגנטלעך, נאָך איצט אויך ריכטיק ניט געוואוסט, פאַרוואָס ער האָט ניט געטאָן אַזוי ווי זיין ברודער און זיך אַף אַזאַ פּשוטן אופן ניט פאַרשאַפט קיין גלאַנץ, מעמד און באַראָן־טיטל. אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן דעמאָלט און ער וואָלט דאָס אויך היינט ניט געטאָן, פאַר קיין געלט אין דער וועלט ניט. אין דעם אָבער, וואָס פון אים האָט פאַרלאַנגט אָט דער כיטרער, קלוגער, גריבענער, אין דעם האָט דאָך, אייגנטלעך, ניט

פיל געשטעקט. קיין בן־אדם האָט דאָך פון אים ניט געפֿאָדערט, אַז ער זאָל פֿאַרשאַכערן דעם רבין, דעם גרוויליקן, דעם התראהדיק־אומגעמיטלעכן, זיין פֿליענדיקע, אימפּעטיקע פֿאַנטאַזיע האָט אים דאָ ווייטער צומישט די באַגריפֿן. ער האָט דאָך געזאָלט דעם אַלטן רופֿן אַהער, נישט מער. און דערפֿאַר—די פֿאַרבינדונג מיט דער גריַפֿין, מיטן הערצאָג, מיטן פּרינץ אייזשען. אַ נאַר וואָלט ער געווען, ווען ער זאָל ניט מסכּים זיין נאָר צוליב דעם. ווייל ס׳איז אַ ביסל — ער האָט געזוכט דעם נויטיקן וואָרט — אַ ביסל ניט אָנגענעם.

צייגערנדיק, אין אַ האַלבער פּראַזע, האָט ער געזאָגט, אַז נאָכשיקן נאָכן רבין וואָלט מען אייגנטלעך געקענט. יצחק לאַנדויער האָט תּיכּף צוגעשטימט. אָבער נאָכדעם האָט ער זיך אויסגערעדט אין דעם געשעפֿט מיט דער גרעפֿין אַזאַ חלק, אַף וועלכן דער אַנדערער האָט בשום אופֿן ניט געקענט איינגיין. גרינטלעך און שאַרף זיך דינגענדיק, האָבן זיי אַרומגערעדט די פּרטים. נאָר טריט נאָך טריט, שטאַרק קעמפּנדיק, איז זים אָפּגעטראָטן.

ווען זיי זיינען צום סוף געקומען צו אַן אויסגלייך, האָט זים שוין געטראַכט, געלעבט, געאָטעמט נאָר מיט דעם געשעפֿט. ווי נאָר ער האָט דעם דינער אַוועקגעשיקט, איז ר׳ גבריאל איינגעזונקען פֿאַר אים אין דעם פֿאַרגעסענעם און פֿאַרדעקטן עבר.

ניקלאַס פפעפלע איז געפאָרן מיט דער פאָסט. דער בלאַסער, פעטער, שווייגעדיקער מענטש איז אין ערגיץ קיינעם ניט אופגעפאַלן. געלאַסן, געלאַנגווייליקייט, פון אַ מידער געשטאַלט, האָט ער זיין ענערגיע באַהאַלטן הינטער דעם מעלאַנכאָלישן גלייכגילט פון זיין אופגעבלאָזענעם, אַנבלוטיקן פנים. די שליחות איבערגענומען, האָט ער זיך אָנגעקלעפט אָן דעם, פעסט, ווי שטאָל און קאַלטבלוטיק.

די שפורן פון דעם פרעמדן האָבן געפירט פאַרקווער דורך דער שוואַבישער מדינה, אָן א קענטלעכן ציל, ווילד, האָבן זיך דעמאָלט פאַרלאָרן, זיינען אין דער שווייץ ווייטער אופגעשוואומען. דער בלאַסער, פעטער מענטש האָט געוויסנהאַפטיק זיך נאָכגעשלעפט נאָך זיי, טריט אין טריט, אומפאַרמיידלעך, אָן אופרעקונג.

דאָס איז געווען א משונהדיקער וועג, וואָס דער פרעמדער האָט דורכגעמאַכט. און לחלוטין אנדערש פון אַ געוויינטלעכער נסיעה. זעלטן ווען ער האָט אויסגעקליבן דעם דערבייאיקן שליאַך. ער האָט זיך שטענדיק פאַרוקט אין דעם זייטיקן שטעגל, וואָס שווערער דער וועג איז, אַלץ געוואונטשענער איז ער פאַר אים געווען. וואָס האָט דען געקענט צוציען עמיצן אין וויסטענישן פון שטיין און אייז, וואָס גאָט האָט געשטראָפט אין זיין צאָרן.

די ביסל פויערים, יעגער, האָלצהעקער פון דער געגנט זיינען געווען פאַרטעמפט, שווער באַריידעוודיק. איז דער פרעמדער געשטיגן העכער פון זייערע העכסטע פאַשעס, האָבן זיי אים צוגעוואָרפן אַ בליק, אָבער שווערפעליק און גלייכגילטיק, פינקט ווי זייערע בהמות. און ווען ער איז פאַרביי, האָבן זיי אָפגעווענדט זייער בליק, אויך אזוי גלייכגילטיק און שווערפעליק. דער פרעמדער האָט געטראָגן ניט אופאַלנדיקע שווערע בגדים פון פאַרבלאָזן קאָליר, אַלט פריינקיש, אַזעלכע, וואָס זיינען מיט א צוואַנציק יאָר צוריק אוודאי מאָדערן געווען אין האָלאַנד. קליין, ברייט, גרעבלעך, דער רוקן אַביסל אויסגעקרימט, האָט ער געוואַנדלט, מיט שווערע טריט און אָן אופהער. דאָ, אין די בערג, וואו היין קיין פרעמדער איז ניט געקומען, איז ניקלאַס פפעפלע געפאַלן זייער לייכט, אים ניט צו פאַרלירן פון אויג. אין דער געדיכטער, באַזעצטער פלאַכ-

לאַנד איז אָבער שווערער געווען דעם ניט־אופאַלנדיקן נאָכצו־
שפּירן, ס'איז געווען עפּעס זעלטענעס און אומדערקלערלעכעס
דערבײַ, וואָס ניט געקוקט אַפֿן פֿעלן פֿון אויסערלעכע סימנים,
איז זײַן וועג דאָך קענטלעך געווען, די לײַט האָבן ניט געפֿונען
קיין ווערטער דערפֿאַר, ס'איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך, און דאָך
האָט זיך דאָס ניט געלאָזט פֿאַרוועקסלען, און גערעדט וועגן דעם האָט
מען שטענדיק מיט די גלײַכע, צושראָקענע רמזים. זײַן וועג איז
באַצייכנט געווען דורך זײַן ווירקונג; ווער ס'האָט אים געזען, האָט
שווערער געעטעמט, זײַן דערבײַזײַן האָט צושמעטערט יעדן
געלעכטער, זיך אַרומגעלייגט אַרום קאָפּ ווי אַ דושנער, דריקנ־
דיקער רייף.

ניקלאַס פּפּעלע, בלאַס, פּעט, געלאַסן, האָט זיך אַף דער
סיבה ניט נאָכגעפֿרעגט. אים האָבן געקלעקט די שפּורן.

נאָר הויך האָבן זיך צוליגט דריי פויערשע געזינדן, דערביי אַ קליינע האָלץ־קירכל. נאָך העכער האָט זיך געפּאַשעט שאָף. ווייטער איז נישט מער געווען, נאָר שטיינער און אייז.

דער פרעמדער האָט זיך דורכגעקוועטשט דורכן שטעגל צווישן פעלזן, אונטן, שמאָל און טומלדיק, לויט, האָט פאַרבייגערייזלט דער טייכל. מען האָט דייטלעך געקענט זען, וואו ער האָט זיך דורכגעבראָכן זיין וועג אַף דער פריי פון אונטער גלעטשערס און לאַווינעס. פון דער אַנדער זייט האָבן זיך געזען געוויקסן, קנאַפּע, אויסגעטריקנטע, אונטער שטיינער פאַרוואָרגן געוואָרן. באַרג־שפּיצן, ווייס־לויכטנדיקע, פון זון־אָפּגעגאָסענעם שניי האָבן געוויייטיקט די אויג. האָבן שאַרף און שרייענדיק זיך געשניטן אין דער העל־שטראַלנדיקער בלויקייט. האָבן אין אַ שטייפן בויגן איינגעשלאָסן די באַרג־לאַנד. דער פרעמדער האָט זיך געשאַרט שווער, פאָרזיכטיק, ניט געשיקט, כסדר אַרבעטנדיק. האָט זיך געשלעפּט איבער פאַל־שטראָמען, גליטשן, רוטשלדיקער ערד, איז צום סוף אַרויף אַף אַן אָפּהאַנג, פאַר אים דער אָפּצוימענדיקער בויגן פון די אייזיקע ווענט. אונטער אים האָט אַ גלעטשער אויסגעצויגן זיין נאַקעטע, ברייטע צעבראַשטשעטע צונג. פון זייט האָט זיך אין אים אַריינגעגאָסן אַן אַנדערער, אַלץ האָט זיך זיך פאַרענדיקט מיט ווייטקייט און לאַווינעס. פעלזן, ווילד צושאָטן, האָבן געבילדעט שטייפע, צוריסענע ליניעס. הויך איבער אַלץ האָט מיט שפּאָט זיך געלויכטן, באַזונט און ניט־דערגרייכבאַר, דער איידל־צאַרטער אופשוואונק פון די באַשנייטע באַרג־שפּיצן.

דער פרעמדער האָט זיך איינגעבויגן די פּים אונטער זיך, זיך צוגעקוקט. דעם מאַסיוון, אָנבערדיקן, בלאַסן פּנים אָנגעשפּאַרט אָן דער האַנט. פון איבער דער קליינער, טעמפּער נאָז האָבן אַרויסגעקוקט אומעטיק־גרויע אויגן, זיי זיינען צו גרויס געווען פאַר דעם קורצן, פליישיקן קאָפּ. זיי האָבן געלאָדערט אין שווערמוטיקן גלאַנץ, און אַ טעמפּע, דריקנדיקע, יאושדיקע טרויעריקייט האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. דער שטערן איז ברייט, שווער און נידעריק געלעגן איבער די זייער־געדיכטע ברעמען, דעם עלנבויגן אָפּן קני, די באַק אָן האַנט אָנגעשפּאַרט, איז ער געזעסן, געקוקט.

איז דען דאָ פאַראַן געווען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט? אײן זאַך האָט זיך געקײַקלט מיט דער אַנדערער, פון דער אױ־בערשטער װעלט געניִדערט אין דער אונטערשטער, יעדער מענטש־לעכער פּנים האָט ערגעץ־וואו אויף דער ערד געמוזט האָבן זײַן צוגלײַכונג. ער האָט געזוכט אַ שטיק וועלט, פון וואַנען עס זאָל אים אַנטקעגנקומען אַ מענטשלעכער פּנים, גרעסער, פאַרשטענד־לעכער, ווײכטיקער, דער פּנים פון יענעם מענטשן, מיט וועמען ער איז פאַרקניפּט געווען. ער האָט געזוכט דעם שטראָם, וואָס האָט יענעם, און אויך אים גופא, געבונדן מיט שטערנס, וואָרט און אומענדלעכקײַט.

ער האָט זיך נאָך נידעריקער געבויגן, האָט עפּעס גע־פּרעפּלט מיט אַ פינסטערער, געבראָכענער, ברומענדיקער שטים, האַלב־זינגענדיק, קאַפּיטלעך פון דער הייליקער התגלות. הויט, פלייש, ביינער, אָדערן, זײַנען נאָר אַ קלייד, אַ שאָל, און נישט דער מענטש אַליין. אָבער אין דער געאָרדנטקײַט פון דעם מענטשלעכן גוף זײַנען פאַרבאָרגן די געזעצן פון דער העכסטער חכמה. די הויט איז אַ צוגלײַך צו די הימלען, זיי פאַרציִען זיך איבער אַלץ און דעקן אַלץ צו, ווי אַ געוואַנט. די פלייש איז אַ צוגלײַך צו דער מאַטעריע פון דער וועלט. די ביינער און די אָדערן זײַנען דער כסא־הכבוד פון גאָט, וואָס דער נביא באַזינגט. דאָס זײַנען גאָטס טעטיקײַט־איברים. אָבער דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ מלבוש. און פּונקט אַזוי ווי דערווירקלעכער מענטש איז אינעווייניק, אַזוי איז אויך דער הימלשער מענטש אינעווייניק און אַלץ אין דער אונטערשטער וועלט איז גלײַך, ווי אין דער אויבערשטער. און אַזוי ווי אַפן הימל־געצעלט, וואָס שליסט אײַן די ערדע, זײַנען אײַנגעקריצט שטערנס און שטערנבילדער, וואָס אַנטפּלעקן פאַר אונדז די פאַרבאָרגענישן און טיפע סודות, אַזוי זײַנען אויך אין דער הויט פון אונזער גוף אײַנגעקריצט ליניעס און קנײטשן און סימנים און פּאַסיקעס, און זיי זײַנען די שטערנס און שטערנבילדער פון לײַב, זיי פאַרמאָגן זייערע אייגענע סודות, און דער חכם לייענט אין זיי און טײַטשט זיי אויס.

קום און זע! דער גייסט פורעמט אויס דעם פּנים און דער

ווּיסנדיקער דערקענט אים. בשעת עס געשטאַלטן זיך די גייסטער און נשמות פון דער אויבערשטער וועלט, האָבן זיי זייער פּורעם און זיכערע געשטאַלטונג און זי שפּיגלט זיך שפּעטער אָפּ אין פּנים פון דעם מענטשן.

ער איז אַנטשטומט געוואָרן. נישט טראַכטן. אַזעלכע זאַכן טאָרן ניט געטראַכט ווערן, מען צוברעקלט זיי נאָר אין טראַכטן. מען דאַרף זיי נאָר באַקוקן אָדער אין רו לאָזן.

איז דאָס געווען דער פּנים, וואָס ער האָט געזוכט? ווּיסטעניש, אייז און אָפּגעריסענע שטיינער, דער שפּאָטיש־בלויער גלאַנץ איבער דעם, אַ מיט מאַטערניש אַרויסשטראָמענדיקער קליינער וואַסערל? פעלזן, אַף צעבראָשטשעטן אייז, געשטאַלטנדיק ווילד־גרוּיליקע ליניעס. איז דאָס געווען דער פּנים, וואָס ער האָט געזוכט?

ער איז טיפער אין זיך פאַרזונקען געוואָרן. ער האָט אָפּגעטויט יעדן ריר, וואָס האָט זיך געצויגן ווייטער פון דעם, וואָס ער האָט געזוכט. דריי רונצלען, שאַרף, טיף, קורץ, שיפּועדיק איבער דער נאָז, האָבן פאַרקווער צושניטן זיין שטערן, און האָבן אויסגעמאַכט דעם הייליקן אות שין, דעם אָנהויב פון דעם שם־המפורש, שדי.

דער שאָטן פון אַ גרויסן וואָלקן האָט פאַרטונקלט דעם גלעטשער, די באַרג־שפּיצן האָבן ניט דערגרייכבאַר און מיט מילדן שפּאָט זיך געליוכטן אין דער אומענדלעך־צאַרטער ליניע פון זייער בלענדנדיקן שניי. אַ רויב־פויגל איז געשוואומען אין דער בלויער כוואַליעניש, זיך געלאַסן געקרייזלט איבערן פאַרשטיינערט־ווילדן געשניט פון די בערג.

דער מענטש, זיך בויגנדיק איבערן אָפּהאַנג, נישטיק אין דער גרענעצלאָזער לאַנדשאַפט, האָט געזאַפּט די ליניעס אין זיך. פון שטיין, פון דער וויסטקייט, פון צעבראָשטשעטן אייז. דעם צאַרטן, איראָנישן לייכטן, דעם וואָלקן, דעם פויגל־פלי. די פינסטער משונהדיקע ווילדקייט פון די פעלזן דעם געפיל פון מענטשן און פון זיך פאַשנדיקע שאָף אין דער טיפעניש; ער האָט קוים געעטעמט, ער האָט געקוקט, פאַרכאַפּט, באַגריפן.

צום סוף, כמעט צוטומלט פון אַזאַ געשפּאַנטן ניט־רירן־זיך, האָט ער זיך אופגעהויבן, אויסגעשעפּט, באַפרייענדיק דעם שטערן פון די איינגערונצלטע צייכנס, אין טיפן צוזאַמענגענומענעם אומעט, האָט מיט מאַטערניש, נאָך האַלב געליימט, געניידערט אין טאָל.

אונטן, פון דעם ערשטן פון די דריי געזינדן, איז אים אַנטקעגן אַרויס אַ פעטער, בלאַסער מענטש, האָט אים פאָרשנדיק אָנגעקוקט, דער פּנים געלאַסן, געוואָלט ריידן, אַ ברית אין האַנט. ר' גבריאל איז אים אַריינגעפאַלן אין וואָרט. „פון יוסף זיס", האָט ער געזאָגט, אַזוי פון אויבן אויף, פונקט ווי דער מענטש און זיין שליחות וואָלטן אים שוין פון לאַנג אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט אַן אָפּגעוואַרטע זאַך. ניקלאַס, ניט פאַרחידושט, וואָס דער פרעמדער קען אים, האָט זיך פאַרנייגט. „איך קום", האָט געזאָגט ר' גבריאל.

די גרעפֿין איז נאָך צען טעג בֿרוגזנדיקער טעטיקייט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טעמפּן וואַרטן. אין באַטריבֿטער אָפּליימונג איז זי געזעסן צווישן לאַפּיסלאַזולי און גאָלד, פּעט, די ענערגישע באַקן אָנמעכטיק, די אָרעמס אָפּגעלאָזן. שטענדיק האָט זי דאָ קאָמאַנדירט מיט יעדער קלייניקייט, אַלץ קאָנטראָלירט. און איצט האָט זי, געראַנקענלאַז, זיך געלאָזט פֿון אירע דינסטן מאַסירן, פּוצן, וויקלען אין קליידער און הערלעכקייט. בײַנאַכט האָט זי געלאָזט ברענגען קאַספּאַרא בעבערין, דער מכשפֿה און אַלץ וויסנדיקער, אָבער די פֿאַרשמאָלצענע זקנה, צושראָקן און צעטומלט פֿון דער אַרומיקער פּראַכט, האָט נאָר געשטאַמלט זינלאָזע משוגעתן. און דער מכשף און מקובל, וואָס יצחק לאַנדויער האָט איר צוגעזאָגט צו ברענגען, איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

די שלוחים פֿון דעם נעכלאַכער יאַגד=שלאָס האָבן שטענדיק געבראַכט די זעלביקע נײַעס. דער הערצאָג איז געגאַנגען אויף יאַגד, געפּראַוועט מאָלצײַטן, געשלאָפֿן מיט דער אונגאַרין, אָבער נאָכדעם האָבן אין ראַפּטומדיקער ענדערונג, טאָג=טעגלעך זיך גענומען אַריבעריאָגן איבעראַשנדיקע ידיעות. דער געהיימראַט שיץ האָט זיך, העפֿלעך און העפּטיק, דאָך צוגעמאַכט צום הערצאָג. אויפֿן אַנדער טאָג איז אין נעסלאַך אָנגעקומען דער עלעגאַנטער פּרעלאַט וויסענזע, דער היינטמאָדישער דיפּלאָמאַט פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער עלף=קאָמיסיע. דער הערצאָג האָט צוויי שעה צײַט גערעדט מיט שיץ, די אונגאַרין איז נאָך דעמזעלביקן טאָג אָפּגעשיקט געוואָרן קיין לודוויגסבורג, און אין אָוונט האָט עבערהארד לודוויג שוין אויפֿגענומען דעם גלח אָסיאַנדער, דעם טומלער מיטן אָקסענעם קאַרק, דעם היציקסטן אָנהייגער פֿון דער הערצאָגין.

באַקומען די בשׂורה אין ווילדבאַד, האָט זיך די גרעפֿין שוין מער ניט געקענט האַלטן. אַ, אָסיאַנדער באַם הערצאָג, אָסיאַנדער! זי האָט געבושעוועט. בשעת זי האָט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל איר דערמאָנען אין דער טעגלעכער קירכלעכער תּפֿילה, האָט דער אומגעלומפּערטער, נידערטרעכטיקער כּלב זיך גערייסט צו זאָגן: זי שטייט שוין דאָרטן, לייז אונדז אויס פֿון אַלדאָס בייז! און איז נאָכדעם מיט אַ ברייטיקן הנאה אַרומגעשוואומען אויפֿן געלעכטער=

אויסגוס פון גאַנץ דייטשלאַנד. דער הערצאָג האָט דעמאָלט ניט געקענט פועלן באַ זיך משלח צו זיין דעם פּאָפּולערסטן גלח פון ווירטעמבערג, ער האָט אים מער באַ זיך ניט אופגענומען און איצט איז ער געווען אין נעסלאך. האָט געלאַרעמט קעגן איר מיט פויערשע וויצן. ניין, ניין! וואַרטן? אומזין. זי וואָלט ניט אויסגעהאַלטן פון ווייטערדיקן צוקוקן זיך, אפילו צו וואַרטן אָף דער קאַרעטע האָט זי ניט געהאַט קיין געדולד. באַפעלן אין פיבערדיקער געשווינדקייט: אינטענדאַנט, סעקרעטאַר, קאַמער-מיידלעך, לאַקייען זאָלן נאָכפאָרן, זי אַליין נאָר מיט אַ רייטקנעכט, איז געפלויגן קיין נעסלאך רייטנדיק, זיך ניט פאַרגונען קיין צייט צום עסן, איז געפלויגן, ווי אַ דראַגונער, ווי דער שד אַליין.

אָנגעטראָפן דעם הערצאָג אין דער סביבה פון זיינע הויבערטוס-ריטער, אָנטרייבנדיק מיט פערד, טומלדיק, עבערהארד לודוויג, אומבאהאָלפן, איבעראַשט, צווישן אנטשטומטע, העפלעך טיף-פאַרנייגטע, און געהיים קוועלנדיקע פריצים, שטאַרק-רויט, פלאַטערנדיק אין פאַרלעגנהייט, האָט געסאָפּעט מיט דער פליישיקער נאָז, אַריינגעפירט די גרעפין אין שלאָס, באַפוילן מאַכן אַ וואַנע, דערפרישונגען, אַ ביטערע נקבה דאָס איז! אַזאַ ריט דורכצומאַכן! אַ ביטערע נקבה, די קריסטל!

די גרעפין האָט אים געצוואונגען, נאָך אין רייט-קלייד, הייס פון אָנשטרייננגונג, געדיכט פאַרשטויבט, זיך אויסצושמועסן, איצט זיך ניט אַרויסמאַכן, אָנהאַלטן, צוקוועטשן. פעסט אַרופדריקן דעם דעקל פון שכל אָף די שטורעמדיקע האַרץ. שאַרף קוקן, אַריינבליקן אין דער ניט-געזעענער פינסטערניש, רואיק, יעדער קליינער טעות פון אויג קען אַלץ איבערפירן, אָנכאַפּן דאָס אומבאַשטימטע, זיך אַרויסדרייענדיקע, אויסווייכנדיקע, פלאַטערנדיקע, ניט-קלאָרע, ווייטער פעסט אַריינקריגן אין האַנט. פּאַקן גראָד איצט, אין דער איבעראַשונג און צוטומלעניש. ווען קיין אַנדערער מישט זיך דאָ ניט אַריין, גיט אים ניט איין קיין קלוגע, חוצפהדיקע, אָפּהאַלטנדיקע עצות. רואיקייט, איר צופּנדיקע נערוון, דו, ברויזנדיקע האַרץ — באַרואיק זיך.

זי האָט געערדט אַזוי פון אויבן אוף, האָט קליינע זופּעלעך

געטאָן פון לימאָנאַד, זיך געוויצלט איבער זיינע נידעריקע פאָדערונגען; די הובערטוס-ריטער, די קליינע טענצערין, ער פאַרקויפט זייער ביליק זיין געזעלשאַפט. נאָכדעם מילדע פאַרוואורפן. דעם אָסיאַנדער האָט ער ניט געדאַרפט אופנעמען. יאָ, זי פאַרשטייט, ער וויל, אַז דער אַלטער שווערפעליקער פויער זאָל אים אַביסל פריילעך מאַכן מיט זיינע גראָבע וויצן, אָבער דאָס ווערט פאַלש אויסגעטייטשט. עבערהאַרד לודוויג, אין שטאַרקער פאַרלעגנהייט, האָט ניט געוואוסט, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן פון דעם גרויען גלאַנץ פון אירע אויגן, האָט זיך געדרייט, געשוויצט אין זיין שווערן ראָק, געפרייכט. די פרוי! די קריסטל! אַזאַ מין רייטן! איינס און צוויי איז זי אַראָפגעקומען און אַריינגעלויכטן אין זיין טאָפל-מצב, אין זיין ניט-אין-ניט-אויס. נאָכדעם האָט זי גראַד געשטעלט אַ פראַגע: די מעשה מיט דער הערצאָגין, מיטן שלום-מאַכן און אַזוי ווייטער, דאָס איז דאָך נאָר אַ פלאַפלעריי. אָדער ניט? ער, מיט אַ פאַרלעגענעם געדויש אונטערהוסטנדיק: „יאָ, נאַטירלעך, דאָס איז נאָר געפלאַפלט". זיי האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן געגעסן וועטשערע, געטרונקען, אַליין, אָן די הובערטוס-ריטער. קיין שיץ, קיין אָסיאַנדער. די גרעפין האָט מיט איר זיבערער, לאַרעמדיקער מונטערקייט אויסגעפילט דעם צימער, אינגאַנצן אין דעם פאַרוויקלט דעם אויסגעלייזטן עבערהאַרד לודוויג. צום טייוול! דער ריט! די פרוי! די טייוולשע נקבה!

די גרעפין איז דורכגעשלאָפן אַ נאַכט אָן חלומות, טיף, פריילעך, לאַנג. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפט, איז שוין דער הערצאָג ניט געווען. מיט דער גרעסטער סודותדיקייט, אין גרויעם באַגינען, האָט ער זיך אָפגעטראָגן. זי, — דעם הכנעהדיקן, אַקסל-צוקנדיקן, אין זיך-שמייכלענדיקן שלאָס-אופזעער אויסגעפאַטשט, — נאָך דעם הערצאָג, ווי אַ פייל פון בויגן, אַף אויסגעמוטשעטע פערד. אין לודוויגסבורג איז דער שלאָס פוסט. ניטאָ קיין הערצאָג. דער הערצאָג איז אַוועק קיין בערלין, גיט אָפ אַן ענטפער-וויזיט דעם קיניג. דער גלענצנדער סוויטע, וואָס דאַרף אים באַגלייטן אַפן באַזוך, וועט ער אָפוואַרטן פון יענער זייט גרענעץ. זי, אַרויס פון די כלים, פאַרקרימט, פּאָכנדיק מיט דער

רויט=ביטשל. צווישן די לאַקייען, וואָס זיינען גרין=און=געל געווען
פון איינגעהאַלטענעם לאַכן, דורך די ליידיקע זאַלן. צום סוף, אין
לעצטן קאַבינעט, באַם אַרבעטס=טיש פונם הערצאָג, צווישן די
ביוסטן פון אויגוסט און מאַרק אורעלי, פאַרן בילד פון דעם אי=
טאַליענישן מייסטער, וואָס האָט פאָרגעשטעלט איר מיט די
ראַנג=אָפּצייכנס פון דער הערצאָגין, האָט זי אָנבאַגעגנט אַ מאַן
אין פאַריק פון אַ הויכן באַאַמטן, אויסטערליש העפלעך, טיף=
פאַרבויגן, זיס=שמייכלענדיק: שיץ. אַנדרעאַס היינריך שיץ, איר
מענטש, איר שיץ, וועמען זי האָט געאַדלט, געמאַכט פאַר אַ
געהיימראַט. דער דיפּלאָמאַט, די אוניפאָרם מיט אַלע פּיטשעווקעס
לויט דער מאָדע, האַלב=איידלשטיינער אַף די שיך, וואָס איז
ערשט מיט דריי וואָכן צוריק אין פאַריז אופגעקומען, האָט כסדר
פונדאָסניי מיט טיפע קאָמפּלימענטן געבויגן די שופר=נאָז, געשאַרט
מיטן פוס אַף הינטן, און אין אַ געלויפיק=נאָזיקן און אונטערטע=
ניקסט=מליצהדיקן פראַנצויזיש פאַרזיכערט, אַז איין גאָט האָט צו
וויסן געגעבן זיין דורכלויכט וועגן דעם אָנקום פון איר עקסע=
לענץ, זיין דורכלויכט האָט אָבער, ליידער, ניט געקענט וואַרטן
און האָט באַגליקט זיין אונטערטעניקן דינער מיטן אופטראָג, צו
עסן צוזאַמען מיט איר עקסעלענץ און איר דערביי עפּעס צו
זאָגן. די גרעפין, מיט אַ ברענענדיקן פּנים, ווילד סאָפּנדיק, האָט
אים העפטיק אָנגעשריען, ער זאָל ניט מאַכן קיין העוויות און איר
זאָגן אַף דייטש און פשוט, וואָס דאָ קומט פאָר, אָדער — און
זי האָט אָנגעוויזן אַף דער ביטש, אָבער דער געהיימראַט, ניט=
אָפּטרעטנדיק, העפלעך, איז געבליבן פעסט באַ דאָס זייניקע, אַז
ער איז אומגליקלעך, ניט צו קענען דינען זיין הויכגעשטעלטער
פרינצין אָבער ער איז געבונדן מיט שטרייגגע באַפעלן.

ענדלעך, באַם טיש, מיט הונדערט קאָמפּלימענטן באַפוצט,
האָט ער איר איבערגעגעבן דעם באַפעל פון הערצאָג, אַז זי מוז
פאַרלאָזן די רעזידענץ, צוריק אָפּטרעטן אין איר־ע הויפן. זי האָט
אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן, הילכיקן געלעכטער. „ווי־צלינג שיץ!“
האָט זי זיך פאַרכלינעט, „וויצלינג וואָס ער איז!“ דער אַלטער
דיפּלאָמאַט איז געזעסן שטיל, הכנעהדיק, מיט די שאַרפע, העלע

אויגן נאָכקוקנדיק דער אופגעשפּרונגענער, אַרוף- און אַראָפּ-גייענדיקער. אין זיך האָט ער איר באַוואונדערט, ווי עכט און ניט-קוועטשיק איר געלעכטער האָט געקלונגען, ווי גוט זי האָט געשפּילט.

די גרעפין איז געבליבן. זי האָט גאָרניט געטראַכט וועגן דעם, צו פאַרלאָזן לודוויגסבורג. זי האָט געהאַט משוגענע צאָרן-אויסברוכן, האָט געפייניקט די דינערס, געשליידערט און געבראָכן פאַרצעלאַן, שיין, קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס. ער האָט נאָר אַן אופטראָג געהאַט, איר איבערצוגעבן דעם באַפעל פון זיין דורכלויכט, האָט מיט אַ סך פיין-געטאָקטע ווערטער זיך געפרייט, וואָס ער האָט נאָך ווייטער דעם פאַרגניגן און דעם כבוד פון איר דערבייזיין, אָבער זי פאַלט דערמיט אַריין אין אַ זיכערער סכנה פון אומחן און צאָרן. זיי האָבן צוזאַמען געגעסן. דער אַלטער, אין אַלע וואַסערן געבריטער אינטריגאַן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן בײַ יעטווידער ממשלה, האָט געהאַט אופריכטיקע סימפּאַטיעס פאַר דער גרעפין, פאַר דער דרייסטקייט פון איר אַרופשטייגן, און פאַרשטענדיקע באַוואונדערונג פאַר די קאָמפּליצירטע געשעפטלעכע שפּיצלעך, מיט וועלכע אירע אידן האָבן רואיק איבערגעפּעקלט קיין אויסלאַנד אירע אָנגערויבטע רייכטימער. דער אויסגעטריקנטער אויסגענוצטער קאַוואַלער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער וועט נאָך פאַרערן אַ פעטע, אַלט-ווערנדיקע פרוי מיט אַזאַ אופריכטיקייט און התמדה. זיצנדיק בײַם טיש, האָבן זיי געפירט גייסטרייכע, מיט אָנצאָליקע חוצפּהדיקע אָנדייטונגען, צוגעפּעפּערטע שמועסן, און ער האָט מיט געשפּאַנטקייט געוואַרט, ווי לאַנג נאָך זי וועט ווידערשפּעניקן אין עבערהאַרד לודוויגס שטרייַנגען באַפעל.

אין בערלין איז דער הערצאָג ניט לאַנג פאַרבליבן. שיין האָט דער גרעפין מיטגעטיילט, אַז די הערצאָגין איז געבעטן געוואָרן צו קומען אין דעם שלאָס טייגאַך. אויך די דעפּוטאַטן פון לאַנדטאַג זיינען אַהין איינגעלאַדן געוואָרן, דאָסגלייכן די אַמבאַסאַדאָרן פון באַדען-דורלאַך, קורבראַנדענבורג, קאַסעל. דער הערצאָג וויל זיך פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק און פון דער

מלוכה איבערבעטן מיט זײַן פֿרוי. לאַנג, שטילשווײַגנדיק האָט די גרעפֿין אָנגעקוקט דעם געהײמראַט, וועלכער האָט איר ערנסט און אויפֿמערקזאַם צוריק באַטראַכט. נאָכדעם האָט זי, מיט אַ פֿאַרשטיקטן געשרײַ געוואָלט אויפֿשפּרינגען, און איז אָנמאַכטיק געפֿאַלן הינטערווײַלעכס. ער האָט געהאָרעוועט אַרום איר, אַרײַנגערופֿן אירע פֿרויען, און אָוונט איז ער ווײַטער צו איר אַרײַן, געפֿרעגט, וואָס זי וועט באַפֿוילן. דערשלאָגן און שטיל האָט זי געענטפֿערט, אַז זי פֿאָרט אָפּ אין איר שלאָס פֿרײַדענטאַל, צו איר מאַמען, וועמען זי האָט פֿאַר פֿינף יאָרן אַהין אַראָפּגעבראַכט. שיין האָט געפֿרעגט, אויב ער זאָל איר מיטגעבן אַ שמירה. ער האָט פּחד געהאַט פֿאַר צאָרן־אויסברוכן מצד דעם פֿאָלק. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט אײַנגעצויגענע ליפּן האָט זי זיך אָפּגעזאָגט.

אַף מאָרגן האָט זי פֿאַרלאָזן לודוויגסבורג. אין זעקס עקיפּאַזשן, טיף געבויגן, איז דער געהײמראַט געשטאַנען באַם אַרויספֿאָר פֿון שלאָס און צוגעקוקט, ווי אירע פֿערד רירן זיך. הינטער די פֿאָרטיערעס פֿון די הויכע פֿענסטער האָבן חוזק־מאַכנדיק געקוקט די הערצאָגלעכע לאַקייען, די בירגער האָבן שטום צוגעקוקט, ניט געגריסט; צו שפּאָטן האָבן זיי זיך ניט געדרייסט. אָבער די קאַרקעדיקע חוזק־אויסרופֿן פֿון די גאַסן־אינגלעך האָבן זיך לאַנג נאָכגעטראָגן נאָך איר קאַרעטע.

זי האָט שוין פֿאָרויסגעשיקט אַ גאַנצן קאַראַוואַן פֿורן מיט מעבל און פּוצזאַכן. נאָך איר אָפּפֿאָר איז דער שלאָס אינגאַנצן ליידיק געווען. אַפֿילו דעם הערצאָגס מײערער טינטער האָט געפֿעלט און די ביוסטן פֿון אויגוסט און מאַרק אורעלי זײַנען זײַער פֿליק געשטאַנען פֿאַרן בילד פֿון דעם איטאַליענישן מײַסטער, וואו די גרעפֿין איז אויסגעמאָלן געווען מיט די ראַנג־אָפּצײכנס פֿון דער הערצאָגין.

מיט אַ שמײכעלע האָט שיין איר געלאָזט באַלעבאַטעווען.

פון די פיר צימערן, וואָס זים האָט באַוואוינט אין דער שטערן=אַכסניא אין ווילדבאַד, האָט ער צווי געמוזט אָפּטרעטן. פרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער פון ווירטעמבערג, קייזערלעכער פעלד=מאַרשאַל און גובערנאַטאָר פון בעלגראַד, איז אָנגעקומען פריער, ווי מען האָט אים דערוואַרט און ער האָט נויטיק געהאַט די צימערן. דער פרינץ האָט שטאַרק פיינט געהאַט דער גרעפין. ער איז געווען אַן פאַראורטייל. „אַ לייטישע זונה. — יאָ, גיט איר אַהער!" פלעגט ער זאָגן; „אָבער אַ פאַרגרעבטע זונה, דאָס איז אַ טינופדיקער, טייוולאָנישער געקעכץ". און דער גרעפין האָט ער געהאַלטן פאַר אַזאַ פאַרגרעבטער זונה. דעריבער האָט ער גע=וואָלט אָפּוואַרטן, ביז זי וועט אַוועקפאָרן, כּדי אויסצומיידן אַ באַ=געגעניש מיט איר. אַזוי ווי זי איז אוועק פריער, האָט ער גע=קענט פאַרקירצן זיין אופהאַלט אין ווירצבורג.

די ווילדבאַדער קורגעסט האָבן נייגעריק געגאַפט אַף דער קאַרעטע פון אָנקומענדיקן פרינץ, קאַרל אַלעקסאַנדער, זיגער פון פעטערוואַרדיין, פרינץ אייזשענס רעכטע האַנט, און גרויס חן באַם ווינער הויף. אומעטום אין דייטשלאַנד, באַזונדערס אין שוואַבן, איז געהאַנגען זיין בילד, ווי ער דראַפּעט זיך באַרג אַרוף בעתן שטורעם אַף בעלגראַד, אונטער דעם טערקישן קוילן=רעגן מיט זיבן הונדערט זעלנער. אַן אופרעקנדיקער בילד. אַ העלד. אַ גרויסער גענעראַל. בראַוואָ. וויוואַט. אָבער פּאָליטיש אומבאַדייטנדיק, אַ קליינער פרינץ פון אַ זייטיקער ליניע, לחלוטין ניט=געפערלעך. אגב, אַ גאַלאַנטער קאַוואַלער, אַ געפעליקער חבר, אַ גוטער מענטש. דער אַלגעמיינער ברוך=הבא איז אים אַרויס אַנטקעגן, באַזונדערש די דאַמען האָבן זיך אינטערעסירט מיטן מלחמה=העלד און די טאָכטער פונם אַמבאַסאַדאָר פון די גענעראַל=שטאַטן האָט אים אַריינגעוואָרפן אין זיין קאַרעטע אַ לאָרבערן=צווייגל.

זיין אַריינפאָר איז ניט געווען זייער פרעכטיק. אַ גערוימיקער סאָלידער, אַביסל אָפּגענוצטער עקיפּאַזש. דער פרינץ גופא אפילו זייער עלעגאַנט, אַן אָפּענער, פריילעכער פנים, איצט אַף דער נסיעה, אָן אַ פּאַריק, אין אַ ראַם פון שיינע, לאַנגע, בלאָנדע האָר. די הויכע קרעפטיקע געשטאַלט איַמפּאָזאַנט אין דעם רייכן בגד.

אָבער די סוויטע זייער אָרים. אַ לייבהוזאַר, אַ הייַדוק, דער קוטשער, דאָס איז געווען אַלץ. נאָר איין, אין די אויגן זיך וואַרפנדיקער, לוקסוס: אַפּן הינטערזיץ — אַ ברוין־שוואַרצער, שוויַגע־דיקער, טויט־ערנסטער חברה־מאַן, אַ מאַמעליוק, אָדער עפּעס ענלעכעס. דער פּרינץ האָט אים מסתמא אַריבערגעבאַפּט ערגעץ אַף אַ מלחמה־פעלד.

זים און יצחק לאַנדויער זיינען, בעת דער פּרינץ איז אָנגעקומען, געשטאַנען פאַר דער אכסניא, צווישן אַ פאַרגאַפטן, הורא־שרייענדיקן המון. זים האָט מיט קנאה געגלאָצט די אויגן אַפּן ריזיקן, עלעגאַנטן מאַן. טויזנט דונערס! דאָס איז דאָך באמת געווען אַ פּרינץ און אַ גרויסער הער. די אַלע, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין ווילדבאַד, האָבן אים דאָך ביז די אַקסלען נים געגרייכט. דער ברוינשוואַרצער יונג האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק אַף אים. יצחק לאַנדויער אָבער האָט גרינגשעציק און מיט גוטמוטיקן מיטלייד אָפּמאַקסירט די קאַרעטע און ליוורייע. „אַן אָרימער מענטשל, דער הער פעלדמאַרשאַל. איך זאָג אייך, ר' יוסף זים אַפילו קיין צוויי טויזנט טאָלער איז דאָס נים ווערט".

דער פּרינץ איז געווען אין דער לעבעדיקסטער שטימונג. דריי יאָר צייט איז ער שוין נים געווען אין דייטשלאַנד, האָט לאַנג פאַרבראַכט צווישן די געצנדינער און די האַלב־ווילדע פון זיין סערביען, זיך כסדר אַרומגעשלאָגן אַף טייוול קום אַרויס. איצט האָט ער, דער רייפער, פינפאונפערציק־יאָריקער מאַנסביל, מיט הנאה איינגעטאַטעמט די לופט פון דער היימאַט.

נאָך דער לאַנגער נסיעה האָט ער זיך אָפּגעבאָדן, האָט זיך פון זיין לייבהוזאַר נייפער געלאָזט איינרייבן מיט עסענצן די אונטערהינקענדיקע פוס, אַן אָנדיינק פון דעם געשלעג בא קאַסאַנאָ, איז געזעסן באַם פענסטער, אין שלאָפראָק, צופרידן, פלוידערנדיק מיטן קאַמערדינער, אין דער צייט, וואָס דער שוואַרצברוינער איז געזעסן דערביי אַף דער פאַדלאָגע.

ער איז טיכטיק אַרומגעטריבן געוואָרן, פון זיין צוועלפטן יאָר אָן איז ער געווען אַ סאָלדאַט, געווען אין געפעכטן אין

דייטשלאַנד, איטאַליען, אין די נידערלאַנדן, אין אונגאַרן און סערביען. באַלד נאָך פּרינץ אייזשען, פּאַר וועמען ער האָט זיך אופריכטיק געבוקט, איז ער געווען דער ערשטער גענעראַל אין דער מלוכה. ער האָט דורכגעמאַכט די קאַוואַלער־אויסבילדונג אין ווענעדיג און אין ווין, און זיינע אימפּאָזאַנטע מאַנירן, זיין גוטמוטיקער, אַ ביסל טומלדיקער הומאָר איז באַליבט געווען בײַ פּרויען, בעת אַ הוליאַנקע, אַף יאַגד. אַלץ, וואָס אַ קליינער דייטשער פּרינץ פון אַ זייטיקער ליניע האָט געקענט דערגרייכן, האָט ער דערגרייכט: אינטימער פריינט פון פּרינץ אייזשען, ווירקלעכער געהיימראַט, קייזערלעכער פעלדמאַרשאַל, אויבערקאָמאַנדיר אין בעלגראַד און סערביען, שעף פון צוויי קייזערלעכע פּאָלקן, ריטער פון „גאָלדענעם שעפּסנפעל".

אין בעלגראַד האָט זיך אַרום אים שטענדיק געדרייט אַ מחנה אָפיציערן און פרויען. ער האָט זיך זייער גוט געפילט אין דעם ציגיינערשן לעבן, די אָרימע פאַרזאָרגונג פון וועלכן עס איז געלעגן אין די הענט פון דעם לייבהוזאַר און דעם שוואַרצברוינעם, און צוליב וועלכן דער בעלגראַדער שלאָס איז פאַרוואַנדלט געווען אין אַ מלחמה־לאַגער. דעם פּאָסטן פון סערבישן מדינה־פאַרוואַלטער האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין פריינט, דעם פּרינץ אייזשען. די מיליטערישע פּאַרפעסטיקונגען אין לאַנד האָט ער דורכגעפירט אַף אַזאַ גלענצנדן אופן, אַז מען האָט זיינע מעטאָדן אויפגענומען ווי באַווייזלעכע משלים אין אַלע מלחמה־אַקאַדעמיעס. און וואָס אָנבאַלאַנגט דער אַדמיניסטראַציע — צו אַלדי רוחות! דערביי האָט ער זיך אָפּטער געלאָזט פירן פון זיין אימפּולס, איידער פון זיין זאַך־קענטעניש; אָבער אין דער סכנהדיקער מדינה איז אַ מלחמה־מענטש, אויב ער איז אַפילו אַנדערע מאָל נכשל געוואָרן, ווערטפולער געווען פון עפּעס אַ פאַרמעטענעם חמור פון דעם הויפישן מלחמה־ראַט אין ווין.

אויב דער לוסטיקער און לעבנספולער סאָלדאַט האָט געהאַט זאָרגעניש, איז דאָס שטענדיק געווען נאָר איינע: געלט. זיין שבירות איז געווען קליין, זיין פּרינצלעכע הכנסה לעכערלעך. און ער האָט ניט געקענט קאַרגן. ער איז געזעסן ווי אַ

קייזערלעכער מדינה=פֿאַרוואַלטער צווישן אופגעשוואָלענע אונגאַרישע באַראָנען און פֿאשאס פֿון דעם גרויסן הער, וועלכע האָבן ממש געפּלאַצט אונטער דער משא פֿון די גרויסע רייכטימער פֿון מלכה=שוא. ער איז ניט געווען צופּיעשטשעט, ער האָט שוין געלעבט, ווי דער פּשוטסטער זעלנער, האָט געפֿרעסן אַלע פֿאַסקודסטווע, אַזוי, אַז די אינגעווייטן האָבן זיך אים איבערגעדרייט, איז געשלאָפֿן אַף איינגעפֿראָרענע מיסט. אָבער ער האָט דאָך ניט געקענט זעצן זיינע חברים באַ ליידיקע טישן, זיינע קעמפס=ווייבער לאָזן אַרומלויפֿן אין שמאַטעס, זיין שטאַל אָנפּאַקן מיט פּאַדלעס.

אַפֿן ווינער הויף האָבן אַ קנאַפּן רושם געמאַכט זיינע פֿלאָגן, און מען האָט געצוקט אַף דעם מיט די אַקסלען. נו, נו, ווען דער פּרינץ וויל ניט. זיינען אין לאַנד פֿאַראַן גענוג פּריצים און נגידים, וועלכע לעכצן צו באַקומען דעם שטאָלצן פּאָכטן פֿון סערבישן גובערנאַטאָר, און זיי זיינען גרייט פֿון דער אייגענער קעשענע צו דעקן אַלע רעפּרעזענטאַציע=הוצאות. די ווינער באַנקירן האָבן שוין באַ געלעגנהייטן אויסגעהאָלפֿן דעם פּרינץ מיט קליינע סומעס: איצט זיינען זיי געווען שווער צו הייבן, כמעט חוצפּהדיק.

ערנסטן מיטגעפֿיל האָט אים ערשט אַרויסגעוויזן אין ווירצבורג דער פֿירשט=בישאָף. ער איז שוין פֿון לאַנג באַקאַנט געווען מיט דעם דיקן, פֿריילעכן מאַן, שוין פֿון די פֿריערדיקע יאָרן אין ווענעדיג. דאָרטן האָבן זיי, דער פּרינץ, דער איצטיקער פֿירשט=בישאָף און יאָהאַן אייזענביום, איצט פֿירשט=גלח אין איינזידעלן, אין דער שווייץ, געשלאָסן גוט=פֿריינטשאַפֿט. די דריי יונגעלייט, אַלע דריי קליינע, זייטיקע צווייגעלעך פֿון חשובֿע הייזער, האָבן פֿאַרבראַכט אין ווענעדיג, כדי זיך אויסצולערנען פּאָליטיק און די קונסט פֿון לעבן. די אַלט ווערנדיקע רעפּובליק, שוין פֿון לאַנג אַ יורדטע, האָט, ווי אַ זונה, וואָס ס'פֿאַלט איר שווער צו מאַכן אַ סוף, זיך נאָך אַלץ פֿעסט געהאַלטן אָן דעם פּיר פֿון אַ וועלט=מלוכה, האָט אין אַלע הויפֿן געהאַלטן אַמבאַסאַדאָרן, די כיניאָריאַ*) האָט פֿאַרשפּרייט איבער אייראָפּע און דער נייער וועלט אַ נעץ פֿון

---

*) די רעגירונג פֿון ווענעדיג.

אינטריגעס, מיט גרויס אָנשטריינגונג נאָכפֿעלשנדיק די אויסערלעכקייט פֿון אַ גרויסער, לעבעדיקער פּאָליטיק. און גראָד דערפֿאַר, וואָס די מאַשין איז געווען אָן אַ תּוכן, האָט זי גוט און לייכט פֿונקציאָנירט. און דער גאַנצער אייראָפּייאישער יונגער אַדל האָט אין דער פּאָליטישער געזעלשאַפֿט פֿון ווענעדיג שטודירט די פּראַקטיק פֿון דער הויכער דיפּלאָמאַטיע.

די ביידע יונגע וועלטלעך-גייסטלעכע פֿירשטן האָבן פּאַר-שטענדעניספֿול באַוואונדערט אָט דעם פֿולקומענעם מעכאַניזם און האָבן זיך, ביידע אופֿגעהאָדעוועט אין דעם יעזואיטן-גייסט, מיט ווילדן ברען געוואָרפֿן אַפֿן שטודירן. דער שוואַבישער פּרינץ איז אָבער, גאָרנישט פֿאַרשטייענדיק, לאַכנדיק געשטאַנען אין דעם געווירבל; וואָס ער האָט ניט געכאַפּט, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זיינע הענט. און אַזוי האָט ער זיך אָנגעהאַלטן נאָר אָן דעם רוישיקן, גלאַנציקן לעבן פֿון די געזעלשאַפֿטן, מאַסקן-בעלער, קלובן, אָן טעאַטער, שפּילזאַלן און בתּי-זונות. די יעזואיטן האָבן זיך לוס-טיק געמאַכט איבער זיין זעלנעריש-נאַאיווער גראַדליניקייט, האָבן אים אופֿריכטיק ליב באַקומען, ווי אַ גוטמוטיקן, גרויסן, אומגעשיקטן הונט, און האָבן זיך מי געגעבן, דעם אומראַפֿינירטן, ליבנסווער-דיקן מענטשן גאַנצערהייט דורכצופֿירן דורך די ווירבל-כוואַליעס פֿון דעם ווילדן און געפֿערלעכן ווענעדיגער לעבן.

אַף דעם יסוד איז אַנטשטאַנען די פֿריינטשאַפֿט פֿון דעם פּרינץ מיט ביידע יעזואיטן. זיי זיינען איצט געוואָרן פּרעלאַטן, מען האָט פֿאַר זיי פּחד געהאַט. זיי זיינען געשטאַנען אין רעכטן מיטן פֿון דער גאַנצער גרויסער פּאָליטיק. ער, דער פּרינץ, איז געזעסן דאָרטן, בײַ דער מזרחדיקער גרענעץ פֿון דער מלוכה, אַ העלדישער און באַרימטער גענעראַל, פֿון יענע, וואָס שמידן דעם דייטשן גורל, איבער וועלכן מען האָט לייכט און גוטווינטשנדיק געשמייכלט. ער האָט נישט געשפּירט דעם שמייכל. ער איז זיך בהרחבה און גראָד-אויס געגאַנגען זיין וועג, און דאָס איינציקע, וואָס האָט אים געמאַטערט, איז געווען זיין דוחק אין געלט.

אין ווירצבורג, בײַ דער מאָלצייט, אויך דער פֿירשט-גלח פֿון איינזידעלן איז געקומען, האָט ער אָפֿן גערעדט מיט די ביידע

פרײנט װעגן זײן פלאָג. נישטאָ קײן געלט, די קרעדיטאָרן זײנען חוצפהדיק, ס'איז אַן אײביקע צרה. מען האָט פעסט אָפגעגעסן און אַרײנגעטרונקען, די קירך=פירשטן האָבן זיך אופגעקנעפּלט דעם אוניפאָרם.

דעם בישאָפס פרינציפ איז געװען, קײנמאָל אַף דער שטעל ניט צו געבן קײן ענטפער. ער האָט צוגעזאָגט, דעם ענין צו באַטראַכטן.

נאָכדעם, װי דער פרינץ איז אַװעק, זײנען די פרעלאַטן געזעסן אין פאַרק, האָבן פון אַ פאַרשאָטנטן אָרט געקוקט אַף דער שטאָט און אַף די װײנבערג. דעם פרינץ װעט מען, פאַרשטײט זיך, באַהילפיק זײן; עס איז זײער לײכט געװען, אים צו העלפן. מעגלעך, אַז מען װאָלט אים געקאָנט העלפן, און צו דער גלײכער צײט אױך טאָן אַ מצוה. מיט אַ שמײכעלע האָבן זײ זיך אָנגעקוקט, זײ האָבן בײדע צוגלײך געטראַכט אײן זאַך. זײ האָבן דעם פרינץ אָפּט אין װענעדיג, אין װין, איצט אין װירצבורג, געװיזן קאַטױלישע גאָטעסדינסטן, זײ האָבן זיך געפרײט איבער זײן נאַאיװן באַגײסטערט װערן פון גלאַנץ און װײרױך. אַ קלײנער פרינץ פון אַ זײטיקער ליניע, צװישן אים און דעם טראָן איז געװען אַזאַ מהלך, קײן גרױסער אינטערעס איז דערבײ ניט געװען; יעדנפאַלס, אַ מיטגליד פון דעם פאַרבײסן=פראָטעסטאַנטישן װירטעמבערגער הױז װעט געװאױנען זײן פאַר רױם, דער אָרדן=גענעראַל װעט דעם דערפאָלג פאַרשרײבן, אים ניט איבערשאַצן.

די אַרבעט האָט, פאַרשטײט זיך, ניט געזאָלט אָפגעטאָן װערן פאַרטאַטשיש, קינסטלעריש, מיט פײנע פעדים גענײט. אַלץ האָט געמוזט גײן, װי פון זיך אַלײן. די בײדע גײַסטע קירך=פירשטן האָבן זיך פאַרשטאַנען אָפן האַלבן װאָרט; עס איז דאָך אַזױ לײכט געװען, אַן אָנגעמערקטער װעג. קודם=כּל װעט מען קאַרל אַלעקסאַנדערן הײסן זיך װענדן אין פראָטעסטאַנטישע ערטער, צו זײן שװעסטערקינד, דעם הערצאָג, ער איז דאָך אין קלעם בײַ דער גרעפין, צו די לאַנד=פאַרטרעטער, זײ זײנען אײנגהאַרציק, קאַרג; אַף יעדן פאַל קאָן מען אונטערבורענען, מען זאָל זיבער זײן אין זײער אָפזאָג. דער פירשט=בישאָף האָט עמיצן אין זײן

הויף, דעם געהיימראַט פיכטעל, אַ ספּעציאַליסט אין אַלע שוואַבישע ענינים, ער וועט דאָס זיכער דורכפירן, און ווען דער פרינץ וועט דעמאָלט זיצן פאַרקלעמט, פאַרבימערט איבער דער יעוואַנגעלישער קמצנות, דעמאָלט וועט מען פלוצלונג לאָזן אויפשווימען אַ קאַטוילישע פרינצעסין, למשל די רייכע רעגענסבורגערין, די טורן און טאַקסיס*), און די קירך נעמט אויף מיט גאָלד און ווייריך אין רוים, אַ נייעם זון אין איר שויס.

געלאַכן און גוטוויליק, מיט האַלבע, נאָבלעסיקע ווערטער, האָבן ביידע פרעלאַטן געשפּונען דעם פּראָיעקט; פון דעם באַשטאַמטן אָרט אין פּאַרק, אייז-וואַסער זופּנדיק, האָבן זיי אַראָפּגעקוקט אויף דער שיינער שטאָט און די זון-אָפּגעגאָסענע וויינבערג.

איצט האָט דער פירשט-בישאָף אויסגעהאָלפן קאַרל אַלעקסאַנדערן מיט אַ קליינער סומע, און דער פרינץ האָט אָנגעגעבן אַ בקשה דעם ווירטעמבערגער פּאַרלאַמענט, מען זאָל אים העכערן זיינע הכנסות, אָדער, לכל-הפחות, אים אַרויסגעבן אויף דעם אַ גרעסערן אַוואַנס. דער דאָקומענט איז דורכן געהיימראַט פיכטעל אַזוי קלוג און פאַרדרייט און פאָרמולירט געווען, אַז דער פרינץ איז אַזוי גוט ווי זיכער געווען אין זיין דערפאָלג.

נו, איז ער געזעסן אין ווילדבאַד, מיט דער זיכערער אויסזיכט צו באַקומען געלט, אין דער מונטערסטער שטימונג. אין די פענסטערן פון זיין צימער האָט אַריינגעקוקט אַ כוואַליעדיקער, פריינטלעך באַוואַלדיקטער פּייזאַזש. ער האָט זיך געפילט, נאָכן באָד און מאַסאַזש פון דער אונטערהינקענדיקער פוס, גוט אָפּגעפרישט. דער אָרט איז אים, נאָך דער קויטיקייט און פאַרבראָדזשעטקייט פון די סערבישע און אונגאַרישע דערפער, פאָרגעקומען טאָפּלט אַזוי שיין און זויבער, און ער האָט געוואַרט אויף גוטע צייטן. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זיך אַזוי ברייטלעך אַרויסגעקוקט פון פענסטער און זיך געלאָזט גאָלן דורך נייפער, איז אָנגעקומען אַ היידוק פון דער פרינצעסין פון קורלאַנד און

*) פון דער משפחה, וואָס האָט געהאַט די מאָנאָפּאָל איבער דער פּאָסט.

געבראַכט די אונטערטעניקסטע איינלאַדונג אַף אַ קאָסטיום=באַל, אַ פויערים=מאַסקאַראַד, וואָס די פּרינצעסין אָרדנט מאָרגן איין, קאַרל אַלעקסאַנדער האָט קיין קאָסטיום ניט געהאַט, נייפער האָט געפרעגט דעם בעל=הבית, און יענער האָט געזאָגט, אַז דער הויף= און מלחמה=פאַקטאָר יוסף זיס אָפּענהיימער וועט דאָ אפשר קענען באַהילפיק זיין. אָפּענהיימער? קען אידן האָט דער פּרינץ גאָרנישט ניט געהאַט, מעג דער קאַמערדינער קרימען זיין פּנים, וויפיל ער וויל. אָבער אָפּענהיימער האָבן געהייסן די ווינער באַנקירן, די זעלביקע, וועלכע האָבן אים אַזוי שלעכט באַהאַנדלט. נאָר דערווייל איז שוין דער באַזאָרגטער בעל=הבית אַריבערגעלאָפן צו זיס און ער האָט געבראַכט זייער אַ פּאַסיקן אונגאַרישן פויערים=קאָסטיום, וואָס נייפער האָט מיט עטלעכע שטאָכן צוגעפּאַסט צו דער סטאַטור פון דעם פּרינץ. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט דורך נייפער געשיקט צו זיסן אַ דוקאַט, אָבער זיס האָט דאָס אָפּגעגעבן נייפערן, פאַר טרינקגעלט. דער פּרינץ האָט ניט געוואוסט, זאָל ער דעם אידן אָנשלאָגן, זאָל ער לאַכן. אָבער ער איז געווען גוט געשטימט, און ער האָט געלאַכט.

אַפן באַל האָט זיך אַלעמענס נייגעריקייט און באַוואונדערן געדרייט אַרום אים. די פּרינצעסין, אָנגעטאָן ווי אַ פּויערטע, האָט אויסגעזען פרישער און רייצנדער, ווי ער האָט דערוואַרט פון דער באַזאָרגטער פרוי. און זי האָט אים אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און חן נאָך בולטער, ווי די פרייקייט פון מאַסקאַראַד. האָט דאָס דערלאָזן, ער האָט נאָך ניט בייגעוואוינט קיין פויערים=מאַסקאַראַד —— די מאָדע איז ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק אויפגעקומען באַם דרעזדענער הויף —— די פויערים=קליידער, די דאָרפישע מידות, וואָס מען האָט געזוכט נאָכצומאַכן, די גאַנצע פאַרגרעבטע אַטמאָספער פון דעם אָוונט, דאָס אַלץ איז אים געפעלן געווען. ער איז לעבעדיק אַרומגעשוואומען אַף די כוואַליעס פון מענערישן דרך=ארץ און פון דער ווייבלעכער זיך=חנדלדיקער גרייטווויליקייט. נאָכדעם האָבן אַלע געסט פאַרוויילט זיך פאַרביי געצויגן אין אַ פּראָצעסיע, און אַ טיבינגער פּראָפעסאָר און דיכטער אין אַ קאָסטיום פון אַ מעסער=שלייפער האָט יעדע פּאָרל מקבל=פּנים געווען מיט

ניט שטאַרק־ציכטיקע גראַמען, וואָס זיינען דורכן גאַנצן עולם אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנקייט און מיט לוסטיקע אויסרופן. אפילו דער גאוהדיקער זאַקסישער מיניסטער האָט מיט אַ זויערן שמייכעלע באַקומען זיין פּאָרציע ברוד. נאָר דער יונגער לאָרד סאַפאָלק, אין אַ פּראַכטפולן רוימישן קאָסטיום, האָט זיך געוואָלט אַריינמישן, אָבער מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז מער ניט, ווי אַ וויץ. די דאַמע פון פּרינץ איז געווען די באַלעבאָסטע, די קורלענדערין, אים האָט דער גראַמענפלעכטער ערנסט באַגריסט און אונטער די פרייד־אויסגעשרייען פון די געסט האָט ער אים אָנגערופן — דער ווירטעמבערגער אלכסנדר מוקדון, דער דייטשער אכילעס.

קאַרל אַלעקסאַנדערן איז אויפגעפאַלן, וואָס יעדער פון די געסט האָט באַקומען זיין גראַם, נאָר איינער ניט. דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש, פון אַ זייער גוטער געשטאַלט, ער האָט, אַזוי ווי נאָך אַ פּאָר אַנדערע, געטראָגן אַ האַלבע מאַסקע. צו טראָגן דעם קאָסטיום פון אַ פלאָרענטינער גערטנער האָט ער, ווי עס שיינט, שוין פריער גע׳האַט באַשלאָסן מיט זיין דאַמע, דער טאָכטער פונם אַמבאַסאַדאָר פון די גענעראַל־שטאַטן, ווייל איר ריזנגרויסע הוט מיט די סך אַראָפּהיינגענדיקע סטיינגעס האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין מלבוש. ער איז ניט פאַרחידושט געווען, ווען מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך געצויגן פאַרביי דעם גראַמענמאַכער. ער האָט אויפגענומען די באַשיינפערלעכע כבוד־פאַרמינערונג זיך גוט־האַלטנדיק, האָט באַשיידן זיך געשטעלט באַם פענסטער, צוגעקוקט זיך. דער פּרינץ האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף דעם מענטשן. אַ צי מיט די אַקסלען: דאָס איז געווען דער איד, דער פראַנקפורטער פאַקטאָר, יוסף זיס אָפּענהיימער.

אַהאַ, דאָס איז דער געווען יענער, וואָס וואוינט אין זיין אכסניא, וועלכער האָט אים אויסגעליִען דעם שיינעם קאָסטיום, יענער מיטן דוקאַט. דער פּרינץ האָט אויסגעטרונקען, איז גוט געשטימט. איינגטלעך, וואָלטן געקענט אויסריידן מיטן אידן אַ פּאָר ווערטער. ער שטייט דאָ אַזוי באַשיידן און איינזאַם. אפשר וועט

מען אים גאָר קענען מאַכן צום נאַרן, זיך אַ ביסל באַלוסטיקן איבער אים. דער פּרינץ גייט צו צום אידן, אַלעמענס בליקן באַגלייטן אים: „ווייס ער דער איד, אַז איך האָב אים שיעור ניט אָנגעשלאָגן, צוליבן דוקאַט?" זים נעמט תיכּף אַראָפּ די מאַסקע, פאַרנייגט זיך, שמייכלט, קוקט אָן דעם פּרינץ פון אונטן אַרויף מיט אַ הניפּהדיקער חוצפּה: „איך וואָלט גאָר ניט געווען אין קיין שלעכטער געזעלשאַפט. אַף וויפל איך ווייס, האָט אויך דער גרויסוויזיר פון פּאַדישאַך באַקומען קלעפּ פון דעם הויכן פּרינץ, און דער מאַרשאַל פון פראַנקרייך". דער פּרינץ לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער: „הער נאָר, ער פאַרשטייט דאָך גאָרניט שלעכט זיך אַרויסצודרייען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געלערנט אין ווערסאַיל". די פלאָרענטינערין מישט זיך אַריין, היציק: „ער איז אויך געווען אין ווערסאַיל, פּרינץ". און זים, זיך באַשיידן באַרימענדיק: „יאָ, איך קען דעם מאַרשאַל, וועלכער האָט די קלעפּ באַקומען. ער רעדט וועגן דעם פּרינץ מיטן גרעסטן רעספּעקט. איך קען אויך פּריינט פון איער דערהויבנקייט. דעם הויכגעשטעלטן פּרינץ פון סאַוואָיען".

„אַהאַ, ער באַלאַנגט צו די ווינער אָפּענהיימערס?" האָט קאַרל אַלעקסאַנדער פאַראינטערעסירט געפרעגט. „נאָר אַ גליד־שוועסטערקינד", האָט דער איד געענטפערט. „אָבער איך קען די ווינער ניט ליידן, זיי האָבן ניט די אמתע אינערלעכע פאַרשטענ־דעניש פאַר גרויסע הערשאַפטן. זיי טראַכטן נאָר וועגן זייערע ציפערן".

„ער געפעלט מיר, איד". און דער פּרינץ האָט אים אַ פריינטלעכן זעץ געטאָן אין פּלייצע און אים צוגעוואונקען, איידער ער איז צוריק צו צו דעם רינג געסט, וואָס איז געשטאַנען אַרום זיי.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געשיכּורט, געטאַנצט, געמאַכט די פרויען אָנשטויסיקע קאָמפּלימענטן. שפּעטער איז ער געזעסן באַם שפּילטיש, הויך אויסטייטשנדיק יעדן אויסשפּיל און אָנווער, העכער, ווי ס'איז אָנגענומען געווען. דעם באַנק האָט געהאַלטן דער יונגער לאָרד סאָפאַלק, שטייף צערעמאָניעל,

פאַרשווינג, שפּאָרעוודיק אין די באַוועגונגען. דער פּרינץ האָט געוואונען, אַרום האָט מען פאַרשפּילט. צום סוף איז ער געבליבן דעם ענגלענדערס איינציקער קעגנער, היציק, באַטויבט. האָט גאָר אין אַ קורצער צייט פאַרלאָרן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. האָט אַביסל געצוואונגען געלאַכט, צו זיך קומענדיק. אַרום אַ קרייז געשפּאַנטע צושויער. מען האָט געמיינט, דער ענגלענדער וועט אָנבאָטן קרעדיט. אָבער יענער איז געזעסן פאַר דעם דערהיצטן, פאַרלעגענעם פּרינץ העפלעך, קאָרעקט, שטום. האָט געוואַרט. מיטאמאָל איז זים געשטאַנען האַלב הינטער אים, זיך צומאַכנדיק, געשיקט, שטיל: אויב דער פּרינץ וויל אים פאַרגינען דעם גרויסן כבוד. דער פּרינץ האָט אָנגענומען, געוואונען.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער דעם אידן מודיע געווען, ער האָט אָנגעזאָגט נייפערן, אים צוצולאָזן צו דעם פרימאָרגן־אופנעם.

זים איז געשטאַנען פאַרנייגט, טיף אָטעמענדיק, געקושט באַם פּרינץ די האַנט.

יצחק לאנדויער האָט, צוזאַמען מיט זיס, רעגולירט די געשעפטן פון דער גרעפין. די ענערגיע פון דער גרעפין, איר אַנטשלאָסנקייט אין קאַמף פאַרן הערצאָג האָט ער מיט גרויס סימפּאַטיע אָפּגעשאַצט, און ער האָט זיך געמיט, מיט שלויקייט צו דערפירן דעם סיכסוך צו אַ צווּעקמעסיקן סוף. מיט דער הילף פון פלענער, וואָס האָבן זיסן פאַרחידושט, האָט ער אין דער גרויסער הלוואה אַריינגעצויגן די שאַרפסטע שונאים פון דער גרעפין, אַזוי, אַז גראַד אירע קעגנער זיינען איצט מאַטעריעל פאַראינטערעסירט געווען אין אויפהאַלטן דער גרעפינס גיטער. אָבער ווי זיס האָט ניט באַוואונדערט לאַנדויערס געשעפטלעכע גאונות, האָט ער דאָך, לויט מעגלעכקייט, געזוכט מיט אים וואָס ווייניקער צוזאַמענצוקומען. ער האָט איינגעזען, אַז דער אַלטער מאַכט אים אָן בזיונות פאַרן פרינץ. יענער האָט הילכיק געלאַכט פון דער קאַפּאָטע און די פאות, האָט געפרעגט זיסן, אויב ער זאָל ניט אַריינשיקן צו אים זיין פריינט נייפערן, כדי ער זאָל אים אויסקעמען דעם פּאַריק. לאַנדויער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמייכלט: „איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט צו חשבונען, ר' יוסף זיס. וואָס פאַרלירט איר צייט און געלט מיט דעם אָרימען חברהמאַן, וועלכער איז אפילו קיין צוויי טויזנט טאַלער ניט ווערט ?"

און זיס האָט, אין דער אמתן, ניט געהאַט אַף דעם, וואָס צו ענטפערן. געוויס, אין דעם פרינץ האָט ער געזען אַן אידעאַל פון אַריסטאָקראַטישן באַנעמען זיך. די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, די זיכערקייט פון זיין האַלטן דאָס טומלדיקע, הערשערישע באַ דער גאַנצער גוטמוטיקייט, דאָס פירשטלעך טיכטיקע באַ דער גאַנצער אָרימקייט אין מיטלען, דאָס האָט אים אימפּאָנירט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען קיין ענטפער. אַסך אַנדערע זיינען אים אויך געפעליק געווען און אים אימפּאָנירט, אָבער צוליב דעם שטעקט מען נאָך ניט קיין געלט אין אַזאַ ניט־זיכערן קונד. אים האָט געטריבן צום פרינץ עפּעס אַן אַנדערע, טיפערע סיבה. זיס איז ניט געווען קיין שפּילער, אין פשוטן זין, אָבער ער איז זיכער געווען, מזל איז אַן איינגעשאַפט. ווער עס האָט ניט

פֿאַרמאָגט יענעם געהיימען ווייסן, יענע פֿייאיקייט, זיך צו פֿאַרשטיין אַף מאָמענטן, זיכער. פֿעסט, אַז דער אָדער יענער אונטערנעמען, דער באַשלוס, דער מענטש ברענגט גליק, דער האָט זיך בכלל געמעגט מיאש זיין פֿון געשעפֿטן, זיך אָפּזאָגן פֿון יעטווידער אַרופֿשטייגן אין לעבן. און אַ ניט־אָפּנאַרנדיקער חוש האָט אים צוגעבונדן צו קאַרל אַלעקסאַנדער. דער פּרינץ איז זיין אָקרענט געווען. דער אָקרענט האָט איצט געמעגט אויסזען אָפּגערוימט, אָרים, ניט אָנציענדיק. קלוגע פֿינאַנסלייט, ווי יצחק לאַנדויער, האָבן געמעגט קרימען מיט דער נאָז. אָבער ער, זיס, האָט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין אָקרענט, און ער האָט זיך אָנגעטרויט אָטדער, זיך אין די אויגן ניט־וואַרפֿנדיקער שיף, אָן וועלכן ניט איז תּנאי און מיט אַלעמען, וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט געהאַט.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט זיך באַצויגן צו אים מיט מער צוטרוי, ווי אַנדערע הויכגעשטעלטע הערשאַפֿטן, אָבער דערפֿאַר, האָט ער אים, אָפּהיינגיק פֿון זיין געשטימט זיין, אָפֿטמאָל זייער גראָב באַהאַנדלט. קיין פֿרימאָרגן האָט זיס ניט אויסגעפֿעלט באַם אופֿנעם. איינמאָל, נייפֿער האָט אים ניט אָנמעלדנדיק אַריינגעלאָזן, האָט זיך אַ מיידל דערשראָקן אַריבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. דער פֿעלדמאַרשאַל האָט בעת דער ברוינשוואַרצער האָט אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער פֿון קובל. געהירזשעט און גערעדט צו דער מיידל, אַז זי זאָל זיך ניט שעמען פֿאַרן איד, און פֿאַרשעמט און צופֿרידן האָט זיך פֿון אונטער דער קאָלדרע אַרויסגעהויבן די יונגע שטובמיידל, מיט וועלכער זיס איז אויך ניט איינמאָל געשלאָפֿן.

די פֿאַרטרוילעכקייטן פֿון דעם פֿעלדמאַרשאַל האָט זיס אויפֿגענומען, ווי טייערע מתּנות, און אַף אַלע זיינע אויסברוכן האָט ער קיין פֿאַריבל ניט געהאַט. ווען דער פּרינץ האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אים באַשטעלט אַף באַטאָג, געלאָזט זאָגן דורך נייפֿער, אַז היינט איז ער ניט געשטימט איינצוזאַפּן אין זיך אידישן עיפּוש, איז ער פֿונדעסטוועגן אין אָוונט ווייטער געקומען מיט דער גלייבער, שמייכלדיקער און אייפֿערדיקער דינסטגרייטקייט.

קיינמאָל האָט אים אַ מענטש ניט אַזוי צוגעבונדן צו זיך, ווי קאַרל אַלעקסאַנדער. ער האָט מיט שטילער אויפמערקזאַמקייט שטודירט איטלעכע קלענסטע תנועה זיינע, זיינע פאַרטרוילעכקייטן האָבן אים גליקלעך געמאַכט, זיין גראָבע באַהאַנדלונג האָט אים אימפּאָנירט, אַלץ, וואָס דער פּרינץ האָט געטאָן, איז געווען אַ מיטל, כּדי פעסטער צוצוהעפטן צו זיך דעם אידן.

דערווייל האָט זיך צוריקגעקערט ניקלאַס פפעפלע און געזאָגט, אַז ר' גבריאל וועט קומען.

די גרעפין איז שוין מער ניט געווען, פאַר זיינע געשעפטן האָט זים מער ניט נויטיק געהאַט דעם מקובל. די פאַרבינדונג מיט דער גרעפין, דאָס באַטייליקן זיך אין יצחק לאַנדויערס אונטערנעמונגען, איז דאָך שוין געשען. זים, דער גליקלעכער מענטש פון מאָמענט, האָט שוין פאַרגעסן דעם אויסרייד, מיט וועלכן ער האָט דעם רבין אַראָפּגערופן, ער האָט נאָר דאָס געוואוסט: אַז ער האָט אים קיין אַנדער סיבה ניט אָנגעגעבן, אַחוץ דעם דרינגנדן פאַרלאַנג אים צו זען און צו הערן. ער איז זיך אַליין פאָרגעקומען זייער איידל און גרויסהאַרציק, וואָס ער האָט זיך געדרייסט, אויפצורירן דאָס פאַרדעקטע, פאַרצוויגענע. און ער האָט פאַרווישט יעדן זכר וועגן דעם, אַז ער האָט געלאָזט רופן דעם שווערן, ניט-געמיטלעכן גאָר צוליב אַנדערע טעמים.

אָבער ווען ר' גבריאל איז פאַר אים געשטאַנען, איז זיין עלעגאַנטע, פראַנטעוואַטע זיכערקייט מיטאַמאָל און רעטענישפול פאַרשוואונדן. ער האָט נאָר געטראַכט: ווי אַלטמאָדיש ער איז דאָס שטענדיק אָנגעטאָן! אָבער דאָס האָט ער, אייגנטלעך, געטראַכט נאָר אגב-אורחא, ניט גרינטלעך. דער שרעקעדיקער, טעמפּער געפיל איז געווען איבער אים, אומעטום, וואו נאָר ר' גבריאל האָט זיך באַוויזן, געלעגן אויסגעשפּרייט איבער אַלץ, אומפאַרמיידלעך, ווי די לופט.

„דו האָסט געשיקט נאָך מיר צוליב דער מיידל?" האָט דער סקריפּעדיקער, שלעכט-געשטימטער קול געפרעגט. יענער האָט געוואָלט ענטפערן, העפטיק זיך אָפּוערן, ער האָט צוגעגרייט אַסך פלינקע, שיינע פראַזן, אָבער דער ברעגלאָזער,

אומעט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון די שווערמוטיק־גרויע אויגן, האָט אים אָפּגעליימט, זיך פֿאַרדרייט אַרום אים, ווי אַ פּענטע. „אָדער ניט צוליב דער מיידל ?" און טראַץ דעם, וואָס די שטים האָט איצט אָפּגעקלונגען מאַט און איינטאָניק, האָט זי געשניטן מיט איראָניע, און זיס, מיט זיין גוטן האַלטן זיך און אין זיינע פּרעכטיקע קליידער האָט אויסגעזען מערקווירדיק קליין און נישטיק לגבי דעם גראָבלעכן, ניט־אָנזעגלעכן מענטשן, וועלכן מען האָט געקענט אָנעמען פֿאַר אַ העכערן באַאַמטן, אָדער פֿאַר אַ בירגער.

ער האָט דאָך שטענדיק אַזוי זיכער און איבערצייגנדיק גערעדט. אָ, ווי פֿלינק די ווערטער זיינען אים געשפּרונגען פֿון די ליפּן, האָבן זיך געדראַפּעט אַפֿן צד שכנגד און זיך פֿעסט צוגעטוליעט צו יעדן שוואַכן ווינקעלע, צו יעדן ווינציק באַשיצטן אָרט. פֿאַרוואָס איז איצט זיין ריידן אַראָפּגעפֿאַלן אַזוי מאַט און ניט איבערצייגנדיק, און ער איז אַנטשטומט געוואָרן אַף דער האַלבער פֿראַזע, נאָך איידער ער איז דערגאַנגען ביזן סוף ? געוויס, האָט ער צוגעגעבן, ער האָט טאַקע צוגעזאָגט, דעם קינד צו נעמען צו זיך, אָבער עס וועט ניט גוט זיין, ווען ער וועט דאָס איצט טאָן, ניט פֿאַר אים און ניט פֿאַרן קינד. ער האָט אוודאי טויזנט געשעפֿטן, און איז כסדר, ווי אַף אַ העץ־יאַגד, עס טרייבט אים אַרום אַהין און אַהער. און בײַ ר' גבריאלן איז דאָך נעמי אינגאַנצן אַנדערש אָפּגעהיט, און אויב ער, זיס, אינטערעסירט זיך טאַקע מיט בילדונג און מיט גייסטיקע ענינים, אָבער פֿאַר דער מיידל איז דאָך ניט וויכטיק דווקא די וועלט־לעכקייט, פֿאַר איר זיינען וויכטיקער די יעניקע לימודים, וואָס זיין פֿעטער פֿאַרשטייט זיך אַף זיי בעסער פֿון אים.

ער האָט די ראיות צוזאַמענגעשטוקעוועט האַסטיק, אומרואיק און מאַכטלאָז. איז אַנטשטומט געוואָרן. האָט געזען פֿאַר זיך די אומעטיק־גרויע אויגן, אין דעם מאָסיוון, בלוטלאָזן פּנים די קליינע נאָז, דעם ברייט־אַראָפּהייגעדיקן שטערן, שיפּועדיק איבער נאָז צושניטן פֿון דריי קנייטשן, שאַרף, טיף, קורץ; און ער האָט

געזען, די רונצלען האָבן געבילדעט דעם הייליקן אות, דעם שין, דעם אָנהויב פון דעם שם־המפורש, שדי.

ר' גבריאל האָט זיך ניט גענומען די טרחה, צו ענטפערן אַף יענעמס רייד. ער האָט אים נאָר אָנגעקוקט, פּאַמעלעך, מיט די אומעטיקע, שטיינערנע, ווייסנדיקע אויגן און האָט געשוויגן.

און פאַר דער צייט פון דער שטילשוויַיגעניש איז מיטאַמאָל ווייטיקדיק אופגעשפרונגען דאָס פאַרגעסענע, און יענער יאָר איז געלעגן אַנטבלויזט. יענע זעלטזאַמע און אומבאַגרייפלעכע שטיק לעבן, דער יאָר אין דער קליינער, האָלענדישער שטעטל, וואָס זים האָט מיט היץ און דאָך מיט אַ געהיימער גאוה באַהאַלטן פון זיך אַליין און פון דער גאַנצער וועלט. ווי עפּעס אַ שטער, ווי ניט קיין פּאַסיקע זאַך. ער האָט געזען דעם צאַרטן, אומדורכ־דרינגלעכן פּנים פון דער פרוי, פול הכנעה און דאָך אַזוי מאָדנע פרעמד, ער האָט געזען די רירנדע, בלויזע גלידער, ער האָט געזען די טויטע, וועלכע האָט אויסגעצאַנקט אַזוי ווי זי האָט אופגעפלאַקערט, קוים די נייע ליכטעלע אָנגעצונדן. ער האָט געזען דעם קינד, זיך אַליין אין אַ גליקלעכער און גלייכצייטיק אַזוי שווער דריקנדער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט זייער זעלטן, מיט הפסקות פון גאַנצע יאָרן, געזען דעם פעטער, וועלכער איז מיטאַמאָל אופגעשוואומען און מיטאַמאָל ווייטער פאַרשוואונדן מיטן קינד אין די ערגעצן.

„די מיידל איז איצט פערצען יאָר אַלט", האָט צום סוף געזאָגט ר' גבריאל. „איר פאָטער מאָלט זי זיך אוים לויט מיינע ווערטער. אָבער עס איז ניט גוט, ווען דער וואָר וועט זיך אַזוי פּאַנאַנ־דערגיין מיט מיין וואָרט. איך בין געגליכן צו בלעמען", האָט דער מקובל ווייטער גערעדט מיט אַ קרומען שמייכעלע, „איך דאַרף שילטן, בשעת איך דערצייל איר וועגן דיר, און איך מוז גאָר בענטשן, איך וועל איר ברייננגען אַהער". האָט ער פאַרענדיקט, „זאָל זי דיר זען".

זים איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. דער קינד! דער מענטש דאָ איז זיך געזעסן אים אַנטקעגן, קאַלטבלוטיק און

געלאָסן, און האָט אים גאָר פּשוט געזאָגט: איך צושטער דיין לעבן. איך וואַרף אַריין אין מיטן פון דיין לעבן, פול גלאַנץ, פרויען און געווירבל, דעם קינד, די טאָכטער, נעמי. איך הויב דיין לעבן אַרויס פון די פּעטליעס. איך רייס אויף דעם שאָכטל, איך רייס אַרויס דיין האַרץ פון די פּעטליעס.

„איך בלייב נאָך דאָ", האָט דער מקובל געזאָגט, „דיר צו באַקוקן פון דער נאָענט. ווען איך ברענג איר, וואוהין, ווי, דאָס וועל איך דיר נאָך זאָגן".

נאָך ר' גבריאלס אַוועקגיין איז יענער געבליבן זיצן אין צאָרן און צוטומלעניש. נאָך אַ אינגל זייענדיק האָט ער אויך ניט צוגעלאָזן, מען זאָל אים אַזוי זידלען און מאַכן צום נאַרן. אָבער ער וועט דאָס שוין זאָגן דער אַלטן, ער וועט שוין געפינען די ריכטיקע ווערטער. ער וועט אים שוין צודינען, דעם אַלטן מכשף אין זיין אָפּגעבליאַקעוועטן, אַלטפרייַנקישן ראָק.

אָבער טיף אין זיך האָט ער געוואוסט, אַז דעם קומענדיקן מאָל וועט ער אויך אַזוי ווי איצט, זיצן שטום און דערשלאָגן.

אין שלאָס פריידענטאַל איז פאַר דער גרעפין געשטאַנען איר מוטער, א מאַוומדיקער פלייש-באַרג, וואָס איז מיט גרויס מאַטערניש ביכולת געווען זיך צו באַוועגן, מיט אַן ערדפאַרביקן פויערשן פנים אונטער אייזגרויע האָר, האָט די זקנה מיט האַרטע זשעדנע בליקן געטראָגן די השגחה איבער שלאָס און הויף: געשונדן די פעל פון דינערס און פויערים, געריסן געלט, גיריק ניט אָנצוזעטיקן.

די גרעפין האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן, געגוואַלדעוועט: „אוים, מאַמע, אַלץ איז אוים! אַרויסגעיאָגט. פון הויף פאַרטריבן. ער האַלט אין שטוטגאַרט די אַלטע אויסגעטריקנטע גאַנז און די גאַנצע וועלט קוקט זיך צו. ער וויל איר אַ קינד מאַכן. אַרויסגעטריבן. נאָך דרייסיק יאָר לעבן אַרויסגעיאָגט, ווי די לעצטע, גראָשנדיקע זונה".

„קוועטש אים צו, טאָכטער", האָט די אַלטע אויסגערופן מיט אַ כאָרכלענדיק-טיפער, הייזעריקער שטים, „לאָז אים אָפּלויפן מיט בלוט. אויב ס'האָט אים געקאָסט געלט, בעת ער איז היציק געווען, זאָל אים איצט, ווען ער איז אָפּגעקילט געוואָרן, נאָך מער קאָסטן. קוועטש אים! פרעס אים אויס ביזן לעצטן גראָשן".

„און פרידריך האָט אים די עצה דערצו געגעבן!" האָט זיך די גרעפין אופגערעקט — פרידריך ווילהעלם איז געווען איר ברודער. „באַווייז אים, מאַמע, שלאָג אים, מזיק אים!"

„איכ'ל אים לאָזן קומען, איכ'ל אויסהערן, איכ'ל אים ווייזן", האָט די אַלטע צוגעזאָגט. „אָבער דאָס איז ניט וויכטיק", האָט זי פאַרענדיקט און איז געזעסן, צוגייענדיק אין שמאָלץ, קאָלאָסאַל, ווי אַן אַזיאַטישער געץ, שפּעדיק אַרויסקוקנדיק מיטן ערדפאַרביקן פנים פון אונטער די אייזגרויע האָר אפער. „דו האָסט אַהער-געשיקט פורן מיט זאַכן, אַזוי איז גוט, טאָכטער. שיק וואָס מער. שיק אַרויס איבערן גרעניץ. דער עיקר איז האָב און גוטס. פאַרמעגן. געלט, פאַרמעגן, הפצים האָבן. אַלץ אַנדערע איז ניט וויכטיק".

די גרעפין האָט געוואַרט. האָט זיך געגרעמט. יצחק לאַנדויער איז געקומען, דערציילט, געבראַכט פאַפירן. אַלע געלט-

געשעפטן זיינען געגאַנגען גלאַט, גלענצנד. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אַפן מקובל. יאָ, ער איז שוין איצט געווען אַפן וועג קיין ווילדבאַד. איר עקסעלענץ דאַרף זיך נאָך געדולדן, אין צוויי, דריי וואָכן וועט ער אים אַראָפּברייינגען אַהער.

ווי נאָר דער אַלטער איז אָפּגעפאָרן, איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם צוזאַמענטרעפן פון דער הערצאָגלעכער פּאָר אין טיינאַך. אַלץ איז פאָרגעקומען פייערלעך, ווי בעת אַ חתונה. די אָפּגעבליאַקעוועטע הערצאָגין האָט אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק זיך און אירע הויפדאַמען, דעם גאַנצן פּאַדיקלעספּאַנאָפּטיקום, ווי די גרעפין האָט געחוזקט. אַלע אַמבאַסאַדאָרן וואָס האָבן זיך מיט עפּעס איינגעקויפט בײַ דער הערצאָגין, זיינען איינגעלאַדן געווען, דער גאַנצער קאַבינעט, איר ברודער, דער גרעפינס ברודער! אָט דער גאָרנישט. דער איבלדיק-גליטשיקער, דער גיפטיקער, האָט בײַם טיש געהאַלטן אַ רעדע. אויך די איינגערע קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט איז געלאַדן געווען. דער הויף-אָרקעסטער האָט געשפּילט:

איצט איז דער פיינט פאַרטריבן

דאַנקט גאָט נאָך אַ גרויסער נויט!

און איר ברודער, איר ברודער! איז געשטאַנען דערבײַ מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ און אַ פרומער מינע, און שיץ איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם שופר-נאָז פון גרויס געריכטקייט. דעם ערשטן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַלעט: אָדיסעאַס צוריקקער, עך, ווי זיי האָבן געוויס אַלע געלאַכט, בעת די שלעכטע צירצייע האָט זיך געוואָרפן אין פייערדיקן באַרג, און ווי די פאַרביכענע אַלטע הויף-שנאָבלס האָבן זיך געמוזט רייבן זייערע טריפנדיקע אויגלעך, ווען די פרומע פענעלאָפּע איז בײַם שפּינראָד געזעסן. אָבער זיי וועלן וואַרטן, זיי וועלן לאַנג וואַרטן, ביז זי וועט זיך וואַרפן אין דעם פייערבאַרג. נאָכדעם איז די הערצאָגלעכע פּאָר אַוועק אין שלאָפצימער, און בעת זייער צוזאַמענגיין האָט פאַר דער טיר פון צימער געשפּילט אַן איטאַליענישער קוואַרטעט. אַ גוטן אַפּעטיט, עבערהאַרד-ליבטט! זאָלסט זיך נאָר ניט צושטעכן אָן די שפּיציקע ביינער! אַפן צווייטן טאָג האָט

מען איינגעאָרדנט אַ פייערווערק, טראַסקעדיקע ראַקעטן האָבן פלאַמיק אויסגעשריבן אַפן הימל די איניציאַלן פון דער הערצאָגין. דער פאָלק, אָנגעשטאָפּט די בייכער מיט אומזיסטע הערצאָגלעכע וואורשטלעך, און פול מיט אומזיסטן הערצאָגלעכן וויין — ווען איר השגחה פעלט וועט דער שר־המשקה געווים אָנפּייפן אַף גאַנצע הונדערט מיט אַכציק גילדן — האָט געריסן די נעזער אין דער הויך און געגוואַלדעוועט: זאָל לעבן די הערצאָגין!

ווען די גרעפין האָט באַקומען די ידיעות, האָט זי זיך איינגעשלאָסן און געשריבן. דעם בריוו האָט זי מיט אַ שליח אָפּגעשיקט קיין שטוטגאַרט. ער איז געשריבן געווען צום הערצאָגס קאַמערדינער, און אים איז געלעגן אַ שטר אַף דרייהונדערט גולדן, און אַ צוזאָג אַף נאָך אַכטהונדערט, אויב ער וועט איר נאָר פאַרשאַפן אַ קאַפּעטשקע פון דעם הערצאָגס בלוט.

דער בריוו איז געווען צו איילִיק און נאַריש, און שוין אין עטלעכע שעה אַרום נאָך דעם שליחס אַוועקגיין, האָט די גרעפין חרטה געהאַט. אין לעבן וואָלט זי אַזאַ שריפט פון האַנט ניט אַרויסגעגעבן. צום ערשטן מאָל איז אַזוינס מיט איר געשען, אַז זי זאָל ניט לאָזן איבגאַנצן זיך אויסבושעווען דעם ווילדן כעס אין איר, איידער זי האָט עפּעס אָנגעהויבן טאָן. אויך יצחק לאַנדויער איז שולדיק געווען אין דעם מיט זיין מקובל, וואָס שלעפּט זיך אַזוי פאַרדאַמט־לאַנגזאַם.

ווען עבערהארד לודוויגס קאַמערדינער האָט באַקומען דעם בריוו, האָט ער זיך גענומען חשבונען, ביז דער צערעמאָניע אין טיינאַך וואָלט ער בלי־ספק געטאָן, וואָס די גרעפין האָט פון אים פאַרלאַנגט. איצט, נאָך דעם טיינאכער צוזאַמענקומען איז אָבער קלאָר געווען, אַז די גרעפין האָט שוין אויסגעשפּילט, און זי האָט מער ניט, אַף וואָס צו האָפן. פון איר האָט מען נאָך געקענט אַרויסבאַקומען די צוגעזאָגטע אַכטהונדערט גילדן, אפשר נאָך אַ פּאָר הונדערט, אָבער מער נישט. דער הערצאָג ווידער האָט טאַקע געוואָלט זיך אויסרוען פון דער גרעפין, ער וואָלט זיכער דאַנקבאַר געווען פאַר אַ תירוץ, איר אַרויסצוטרייבן פון לאַנד. אַזוי אַרום איז קלאָר געווען, וואו דער אמתער נוצן איז געלעגן.

דער קאָמערדינער איז אַוועק צום פּרעזידענט פֿון פּאַרלאַמענט.
האָט זיך פֿון אים געלאָזט באַצאָלן טויזנט גילדן פֿאַר זיין העל=
דישקייט און האָט דעם בריוו איבערגעגעבן דעם הערצאָג.
עבערהאַרד לודוויג, דער שווערער, טעמפּ=בלוטיקער מאַן,
איז איין אוינגבליק געשטאַנען שטייף, אומבאַוועגלעך, ניט געקענט
באַגרייפֿן. האָט נאָכדעם דערלאַנגט אַ העפטיקן וואונק דעם
דינער, ער זאָל גיין, האָט זיך פֿאַרכלינעט, געפֿרייכט, געטראַמפּלט
אַהין און צוריק, געסאָפּעט דורך דער נאָז. יעדער בלוט=חלק זיינער
איז געווירן אין טונקעלן גרימצאָרן. ער, ער! דער הערצאָג איז
אין משך פֿון דרייסיק יאָר אויסגענאַרט געוואָרן דורך אַ פֿאַר=
שאָלטענער מכשפֿה. די אַלע, די בירגער=קאַנאַליעס, די לאַנגווײַ=
ליקע שטרויזעק פֿון פּאַרלאַמענט, די פֿליק און טרוקן=דרשנדיקע
גלחים פֿון דער קאָנסיסטאָריע, דער אָפּגעבליאַקעוועטער פּרייסן=
קיניג, די אייביק=באַליידיקטע, לימענע=זויערע יאָהאַנאַ עליזאַבעטע,
זיי האָבן רעכט געהאַט, זיי האָבן דרייסיק יאָר, דרייסיק יאָר!
רעכט געהאַט קעגן אים, זייער הערצאָג.
צו אַלדי רוחות! ער האָט שוין געהאַט פֿרויען פֿון אַלע
מינים, בלאָנדע, שוואַרצע, ברוינע. האָט זיך פֿאַרגאַפֿט אין קליינע
בריסט און אין מעכטיקע, פֿאַרשוואומענע, אין קאָלאָסאַלע היפֿטן
און אין אינגליש=אָנגעשטראָמטע, אין דינע, לאַנגע, ברוין=גלאַנציקע
ליטקעס און אין ווייכע, ראָזיקע און פֿעטע. ער האָט שוין געהאַט
מידע, טעמפּעראַמענטלאָזע און אָפּגעלאָזענע פֿרויען און שטור=
מישע, וואָס האָבן ביז דאָס לעצט אויסגעזויגט דעם מאַרך פֿון די
ביינער. ווייבער אָן אַ צאָל זיינען נאָך אים געלאָפֿן, הערלעכע,
שפּעדיקע, באַטריבענע, צום טייוול! איז ער דאָך אַ יונג מיט
ביינער, אין פֿולן זאַפֿט און קראַפֿט, און ער שטייט אין גלאַנץ
פֿון דער וועלט. האָבן זיך געהאַנגען אַף אים מיט זייער האַרץ
און שוים און בלוט, האָבן פֿאַרלייכטערט זיך אָפּגעזיפֿצט אונטער
זיין מאַכטיקן אָנגריף. דערביי זיינען בעסערע פֿון קריסטל געווען.
אָבער ער איז באַ קיינער ניט געבליבן. ער האָט זיי אויסגענוצט
און האָט געלאַכט און איז אַוועק פֿון זיי.
דאָס, וואָס גראַד קריסטל האָט זיך אים אַזוי איינגעגעסן

אין בלוט, די טעמפּע צוגעבונדנקייט און צוגעטוליעטקייט, פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס איז ניט אָפּן כּשרן וועג דערגרייכט געוואָרן. און ער האָט דאָס ניט געמערקט, און איז אַרומגעגאַנגען מיטן סם און מיטן פאַרשאָלטענעם כּישוף אין זיין גוף. אָ, אָ! די זונה, די פּאסקודסטווע! די שורות פון יענעם פּראָטאָקאָל זיינען געקראָכן צו אים, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרעקלעכע, פאַרקרימטע שנוקעס. די שוואַרצע קו מיטן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, די טויבן מיט די דורכגעשניטענע העלזער.

אָבער איצט האָט ער איר געכאַפּט בײַ דער האַנט. איצט איז שוין געקומען אַ סוף צו דעם גאַנצן כּישוף און צו די פאַר־שאָלטענע שטנשע שפּיצלעך אירע. ער וועט איר באַווייזן, אַז אים איז שוין ניט געבליבן אפילו קיין איין טראָפּעלע פון איר גהנומשן סם און טייוול־געטראַנק.

ער האָט געשריבן, געזיגלט, אַרויסגערופן יועצים, אָפּי־צערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַסטיקע, געהיימע און וויכ־טיקע אַרבעט.

שוין אַף מאָרגן אינדערפרי איז אין דאָרף פרײַדענטאַל אַרײַנגעריטן אַ דעטאַשעמענט הוזאַרן. די זעלנער האָבן אַרומגע־רינגלט דעם שלאָס, באַזעצט אַלע אַרויסגייונג. דער פירער, הויפּטמאַן שטרײַטהאַרסט, באַגלייט פון זיין אַדיוטאַנט, איז פאַרביי דעם ציטערנדיקן קאַסטעלאַן, אַרײַן אין פאָרצימער. דאָ איז אים אַנטקעגן אַרויסגעקומען דער הויזמײַסטער, בײַ אַלע טירן האָט זיך געשושקעט די אופגערעקטע, צושראָקן־נײַגעריקע דינערשאַפט. עקסעלענץ קען ניט אופנעמען, האָט האַסטיק געזאָגט דער הויז־מײַסטער, עקסעלענץ איז נאָך אין בעט. ווען ער עטלעכע מינוט אָפּוואַרטן, האָט דער אָפיצער געלאָזן געזאָגט און זיך צוגעזעצט. און דער הויזמײַסטער אופדרינגלעך, איבעראײַלט: די פרוי גרעפין פילט זיך ניט אינגאַנצן, זי באַדויערט זייער, עס איז איר בכלל ניט־מעגלעך אופצונעמען. אויב דער הער אָפיצער האָט געבראַכט באַפעלן פון זיין דורכלויכט, זאָל ער זיי איבערגעבן דעם סעק־רעטאַר. דער הויפּטמאַן, אַלץ קאָרעקט און קיל: ער באַדויערט,

ער האָט אַ באַפעל, אונטער אַלע אומשטענדן צו ריידן מיט דער גרעפין אַליין.

בשעת מעשה האָט זיך באַוויזן די מוטער פון דער גרעפין, ווי אַ באַרג איז די ערדפאַרביקע זקנה געשטאַנען אין טיר, וואָס האָט געפירט אין דער טאָכטערס צימערן. דער אָפיצער האָט איר געגריסט, האָט איבערגעחזרט, געלאַסן און זאַכלעך, זיין שליחות. די אַלטע איז מיט איר כאָרכלדיקער, טיפער שטים אַרויף אַף אים, ער זאָל זיך אָפּטראָגן, ער ווייס אַזוי גוט ווי זיין באַלעבאָס, אַז איר טאָכטער איז אַן אומאָפּהייגיקע גרעפין, איז אונטערגעוואָרפן נאָר דעם רוימישן קייזער. דער אָפיצער האָט געצוקט מיט די אַקסלען, ער איז ניט קיין יוריסט, און זיין שליחות האָט אויך דערמיט ניט צו טאָן, און ער האָט דער פרוי גרעפין געגעבן אַ האַלב שעה צייט, אַף אָנצוטאָן זיך; נאָכדעם וועט ער לאָזן אויפברעכן די טיר. שילטנדיק און מאַסיוו האָט זיך די אַלטע איינגעשטעלט: דאָס איז דאָך פרידנסברוך, און מען וועט זיך באַקלאָגן בא דער שוואַבישער מלוכה-ריטערשאַפט, און זיין באַלעבאָס וועט דאָס גלאַט ניט אַראָפּגיין, און ער וועט מיט בזיונות אָפּגעלאָזן ווערן פון דינסט. עס זיינען נאָך געבליבן איצט זעקס און צוואַנציק מינוטן, האָט דער אָפיצער געענטפערט.

די גרעפין האָט דערווייל אין רעשדיקער איילעניש, אַרומגענישטערט אין אירע חדרים, פאַרברענט פאַפּירן, אָפּגעטיילט, פאַרזיגלט, איבערגעגעבן איר סעקרעטאַר. ווען דער אָפיצער איז צו איר אַריין, איז זי געלעגן אין בעט, אָנגעטאָן אין רייכע נאַכטמלבושים, האָט זיך אַ הויב געטאָן אַנטקעגן, אינגאַנצן באַליידיקטע אומשולד. האָט מיט אַ שוואַכער שטים געפרעגט, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איר. הער שטרייטהאַרסט האָט זיך אַנטשולדיקט, ער האָט אַ שטרענגען באַפעל פון הערצאָג אַליין אָפּצופירן איר עקסעלענץ אונטער אַ שמירה. געשרייען פון שטובמיידלעך, גיפטיקע, כאָרכלדיקע זלזולים פון דער אַלטער, חלשות פון דער גרעפין. דער אָפיצער—אומדערשיטערלעך. ווען זי איז געקומען צו זיך, אין דער צייט, וואָס די אַלטע האָט אין אַ גאַווערדיקן צאָרן אָנגערופן דעם אָפיצער מערדער, האָט זי גע-

זאָגט, — דער קול געבראָכן ווי פון אַ קליין מיידעלע, — זי איז אין זיין מאַכט, זי ווייס, אַז ער קען איר אַוועקפירן, איידער נאָך די מלוכה־ריטערשאפט האָט די מעגלעכקייט באַוואָפנטערהייט זיך אנטקעגנצושטעלן, זי איז ערנסט קראַנק, דער איבערפאַל האָט איר קיין גוטס ניט צוגעגעבן, און ווען ער באַשטייט ניט אַנ־דערש, איר אין דעם צושטאַנד אַוועקצופירן, וועט דאָס געוויס איר טויט זיין. זי האָט גערעדט מיט מאטערניש, שווער כאַפנדיק אָטעם, אַרום האָבן געיאָמערט די שטובמיידלעך. עס האָט זיך געצויגן פיר שעה, ביז דער הויפטמאַן האָט איר אַריינבאַקומען אין קאַרעטע, און האָט איר צווישן די רייטער געקענט אָפפירן אין דעם רעגנדיקן טאָג. אַפן וועג זיינען געשטאַנען די פויערים און האָבן נאַריש געגלאָצט. אָבער די פריידענטאַלער אידן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין שול, אין גרויסער שרעק פאַר זייער גוף און גוטס און האָבן תפילה געטאָן פאַר זייער באַשיצערין.

די גרעפין איז געבראַכט געוואָרן קיין אוראַך און געהאַלטן האָט מען איר דאָרטן בכבודיק, איין זאַך נאָר: זי האָט ניט געטאָרט אַרומ־גיין פון שלאָס און פון פאַרק, אין איר פלאַמיקן גרימצאָרן האָט זי אויסגעמאַטערט אַלע דינערס און האָט זיי פאַרפלעפט מיט אויסטערלישע טרינקגעלטער. די קאָמיסאַרן פון הערצאָג האָבן בא איר ניט באַקומען קיין שום ידיעות, זי איז אַ הערשנדיקע, אומ־אָפהייננגיקע גרעפין, און געבן אַן ענטפער איז זי מחויב נאָר דעם קייזער אַליין. בשעת די מלוכה־ריטערשאַפט האָט זיך אין דער זאַך אריינגעמישט און פראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס אירע רעכטן זיינען פאַרלעצט געוואָרן דורכן אַרעסט פון דער גרעפין אינם אומאָפהייננגיקן ריטער־שלאָס פריידענטאַל, האָט זי טריאומפירט, און איר אַדוואָקאַט אין ווין האָט זיך באַקלאָגט מיט אַזאַ מין לשון, וואָס ביז איצט האָט נאָך קיינער קעגן די ווירטעמבערגישע הערשער אַזוי ניט גערעדט. איבער אַלע ווינקעלעך פון דער מלוכה האָבן אירע אַגענטן צוטראָגן קלאַנגען וועגן דער גרויסער אומזיכערקייט אינם הערצאָגטום, וואו די פרייהייט פון ריטער־שאַפטלעכע פערזאָנען ווערט אויך ניט אָפגעהיט. יצחק לאַנדויער האָט גערעדט, דערביי פאַמעלעך וואַקלענדיק מיטן קאָפּ, צום

אמבאַסאַדאָר פון די גענעראַל־שטאַטן וועגן דעם, אז באַ אַזאַ מצב איז זייער ניט־גינסטיק צו האַלטן קאַפּיטאַלן אין ווירטעמ־בערג. זיינע ווערטער זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער די קאַנ־טאָרן פון די געלט־מענטשן און האָבן געהאַט אַ געפערלעכע השפּעה.

אין הערצאָגלעכן קאַבינעט האָט געהיימראַט שיץ אופ־מערקזאַם און באַוואונדערנדיק זיך צוגעקוקט צו אַלע שאָך־גיינג פון דער גרעפין. אַ לאַנגע צייט האָט ער איר געלאָזט טאָן, וואָס זי וויל, אָבער נאָכדעם האָט ער, צוזאַמען מיט דער גרעפינס ברודער, מיטאַמאָל אַ סוף געמאַכט. אָנהייבן האָט מען געמוזט פון די ריטערס. דער הערצאָג, אַליינהערשעריש, האָט זיי משונהדיק פיינט געהאַט, און האָט זיך מיט זיי שטענדיק אַרומגעריסן. ער איז רויט געוואָרן פון צאָרן, ווי נאָר מען האָט אים אָנגערופן זייער נאָמען, און אין זיין בלינדן כעס האָט ער מיט דער אוי־געגנער האַנט אַרויסגעשטרייכלט פון דער קירכן־תּפילה די ווערטער: „לאָז אונז שפּירן דעם כּח פון דיין זאַלבונג, שטאַרק אונז צו זיין צווישן דיינע ריטער”. אָבער דאָסמאָל האָט ער זיך געמוזט אָנטאָן אַ כּח, האָט געמוזט נאָכגעבן. אויב די ריטערשאַפט איז געווען דער שטן, איז די גרעפין געווען דעם שטנס באָבע. ער האָט אָנערקענט דעם אָנקלאָג פון די ריטערס, האָט זיך פאַר זיי העפלעך אַנטשולדיקט און האָט אַפילו דערקלערט, אַז ער איז גרייט זיי אַנדערע זאַכן אויך נאָכצוגעבן. קודם כּל איז ער גרייט נאָכצוגעבן אין דעם אַלטן סכסוך וועגן באַפרייען די ריטערס פון וויין־אָפּ־צאָל. אַזוי ווי באַ אַ וויטערדיקן קאַמף האָט מען געקאָנט געווינען מער ניט, ווי כּבוד, אָבער באַם נאָכגעבן וואָלט מען פאַרדינט בערך זיבעציק טויזנט גילדן, האָט די ריטערשאַפט צוריק אָפּגע־רופן איר פּראָטעסט. דערמיט איז אויך פון דעם ווינער אָנקלאָג גאָרנישט געוואָרן.

דער ווינט איז אָפּגעצויגן געוואָרן פון דער גרעפינס זעגלען, אירע אָנהייגער זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, תּיכּף ומיד האָט שיץ אויסגענוצט די אָפּגעשוואַכטקייט, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם גאַנצן משא־ומתּן. די גרעפין איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער

פֿעסטונג האָהען=אוראַך, איז דאָרטן געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ שטרײַנגערער באַוואַכונג. קײנער פֿון אירע פֿרײַנט האָט ניט געהאַט קײן צוטריט. עס זײַנען אָראָפּגעריסן געוואָרן די פֿאַרצװיפֿלונגען, וואָס האָבן ביז איצט אײַנגעהאַלטן דעם צאָרן פֿון פֿאָלק. אומעטום האָבן זיך באַוויזן פּאַסקווילן און קאַריקאַטורן, אין קאָנשטאַנץ האָט מען, אונטער אַ באַגײַסטערטן ליאַרעם פֿונם המון, אַרײַנגעשלעפּט אין אַ בית=הזונות אַ ליאַלקע מיטן פּנים פֿון דער גרעפֿין, נאָכדעם האָט מען די ליאַלקע געשמיסן און צום סוף איר אַוועקגעשלײַדערט אויפֿן שינדער=פּלאַץ.

דערווײַל האָט די מוטער זיך באַגעגנט מיט איר עלטסטן זון. דער גלאַטיקער, אײַזקאַלטבלוטיקער און הויכמוטיקער מיניסטער איז אײַנגעבויגן געזעסן פֿאַר דער זידלענדיקער זקנה, אַזוי ווי אַ פֿאַנטאָפּל=העלד. ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז דער מוטווילן און פּאָליטישע כּבוד=זוכערײַ פֿון דער שוועסטער האָט זײַ אַלעמען געקענט גרויסע צרות אָנטאָן, און ער האָט זיך געמוזט אַרײַנמישן. איצט, ווען זי איז שוין פּאָליטיש אַרויס פֿון שפּיל, וועט ער טאָן אַלץ, כּדי צו ראַטעווען איר אָפּגאַנג. ער טראַכט גאָרניט וועגן דעם, איר האָב=און=גוטס אָנצורירן.

דער אויסגלײַך, וואָס מען האָט דער גרעפֿין פֿאָרגעלייגט, איז פֿון אָנהייב אָן געווען גינסטיק פֿאַר איר. דערבײַ האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי פֿײַן יצחק לאַנדויער האָט אָפּגעטאָן זײַן שטיקל אַרבעט. די גאַנצע וועלט איז פֿאַראינטערעסירט געווען אַרויסצוראַטעווען דער גרעפֿינס פֿאַרמעגן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין ווירטעמבערג. דער קייזערלעכער אַמבאַסאַדאָר, איר ברודער, דער פֿאַרוואַלטער פֿונם שאַך=קאַמער, יעדער אײנער, וועער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל דעה אין די זאַכן, האָט געטאָן, וואָס ס'איז אים נאָר מעגלעך געווען. אַזוי אַרום האָט זי געמוזט אָפּטרעטן אַלע גיטער אירע און אַחוץ דעם נאָך צוזאָגן, אַז זי האָט ניט און וועט קײנמאָל ניט האָבן קײן טענות צו דער פֿירשטלעכער משפּחה, אויך קײנמאָל מער ניט צו קומען אין הערצאָגטום: אָבער יצחק לאַנדויער האָט אויסגעפֿועלט פֿאַר איר אַן אומגעהויערע סומע געלט, אַזאַ סומע, וואָס אַפֿילו אירע אײדן האָבן

זיך ניט געדרייסט הויך אָנצורופן, און אויך די אויסנוצונג פון א סך לענדערייען כּל־זמן זי וועט לעבן. און בשעת זי האָט פאַר־לאָזן דעם הערצאָגטום, האָט זי באלאַנגט צו די פאַרמעגלעכסטע דאַמען פון דער רוימישער מלוכה.

פון לאַנד האָט איר אַרויסבאַגלייט אַ שטאַרקע מיליטערישע שמירה. איר וועג איז געווען אויסגעזייט מיט א באַגייסטערט־זיד־לענדיקן און מיסט־באַוואָרפנדיקן עולם. פאָר איר, הינטער איר, אין אַן ענדלאָזער שורה, האָבן זיך געשלעפּט פורן מיט קליידער, מעבל, פּוץ־זאַכן.

ווען די לעצטע פור איז שוין געווען אריבערן גרענעץ, איז נאָכגעפאָרן די אַלטע, ערדפאַרבּיק, קאָלאָסאַל, אומבאַוועגלעך.

צום פּרעלאַט פון הירזאו, פיליפּ היינריך ווייסענזע, קאָנסיס־טאָריע־ראַט און מיטגליד פון דער איינגער פּאַרלאַמענט־גרופּע, איז געקומען אַ גאַסט, געהיימראַט פּיכטעל פון דעם ווירצבורגער פירשט־בישאָפס הויף. ביידע זיינען שוין זינט יאָרן באַפריינדעט געווען, דער שלאַנקער, וועלטמענישער פּראָטעסטאַנט, און דער לחלוטין עפּעקטלאָזער דיפּלאָמאַט פונם פירשט־בישאָף, מיטן קליינעם, קלוגן פּנים. ביידע ליירנשאַפטלעכע מאַריאָנעטקעס־שפּילער, ניט־דורכזיכטיק פאַר זייער סביבה, האָבן זיי איינער פאַרן אַנדערן אופגעעפנט די מעכאַניזמען פון זייערע קונצן, האָבן וואָוילקענעריש הנאה געהאַט פון די סך דיניקע ספּיריטואַלכלעך פון ווירטעמ־בערגיש־פּראָטעסטאַנטישער פּאַרלאַמענט־פּאָליטיק און הויפּיש־קאַטוי־לישער דיפּלאָמאַטיע, דער יעזואיטן־תּלמיד, ווי אויך דער פּראָ־טעסטאַנטישער גלח האָבן ליב געהאַט די פּאָליטיק צוליב פּאָליטיק גופא; זיי האָבן זיך ווייניקער אָפּגעגעבן מיטן ציל, מער מיט דער צוזעקמעסיקער, קינסטלערישער פּאַרפּאָלגונג זיינער.

ווייסענזע איז שטאַרק חשוב געווען אינם הערצאָגטום, אָבער עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, פאַר וועמען ער איז געווען אומבאַקוועם. זיין געלאַסענע ליבנסווירדיקייט און דער לייכט־סקעפּטישער אי־בערגעוויכט פון זיין ווייטזיכטיקער בילדונג האָבן ווי אויסגעבויט אַ דינע וואַנט פון פרעמדקייט און אומדורכדרינגלעכקייט צווישן אים און די סך באַקאַנטע, מיט וועלכע ס'זיינען פול געווען זיינע גרויסע געמיטלעכע חדרים. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מאַטעמאַ־טיקער, איז נאָענט באַפריינדעט געווען מיט די ביידע בעסטע טעאָלאָגן פון מעריבדיקן דייטשלאַנד, דעם שטילן, ערנסטן, באמת פרומען יאָהאַן אַלבערט בענגעל, און דעם גראַדליניקן, שטייפן געאָרג בערהאַרד בילפינגער, זיין קריטישע אויסגאַבע פון ברית־החדשה, פון וועלכער עס איז ביז איצט דערשינען נאָר דער קלענערער חלק, איז באַרימט געווען ווייט איבער די גרענעצן פון ווירטעמבערג, זיין וואָרט איז געווען פון גרויסער באַדייטונג אין דער קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט.

אָבער איין זאַך האָט געפעלט זיין פאַרשידנפאַרביקער טע־טיקייט — וואַרימקייט. אַלץ, צו וואָס ער האָט נאָר צוגעלייגט אַ

האַנט, האָט ער טאַקע ביז לעצטן ווינקעלע אויסגעפילט מיט אַרבעטזאַמקייט און צוועקמעסיקן פלייס. אָבער, וואָס דאָס איז ניט געווען: די ברית־החדשה, אָדער אַ רעפעראַט אין פּאַרלאַמענט, אָדער די פלאַנצונג פון אַ נייעם מין אין זיין פירות־גאָרטן, אַלץ האָט ער גענומען שפּילעוודיק. עס איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל אים איבער די נערוון, אַריינדרינגען אין האַרץ אַריין.

איבער די ברייטע חדרים, מיט די גרויסע, ווייסע פאָרהאַנגען, איז געוויקסיק און באַשיידן אַרומגעגאַנגען זיין טאָכטער מאַגדאַלען סיבילע, ניינצן יאָר, אַ ברוינלעכער, מענלעך־דרייסטער פּנים, ווייטע, בלויע, באַנומענע אויגן, זייער מערקווירדיק און פאַרווירנדיק אונטער די טונקעלע האָר. די מוטער איז פרי אָפּגעשטאָרבן, צו דער שטענדיק גלייכער, לעבלעכער פריינטלעכקייט פון דעם פאָטער האָט זי קיין וועג ניט געפונען, דורכן אומגאַנג מיט בעאַטאַ שטורמין דער טאָכטער פונם שטוטגאַרטער אַדוואָקאַט, און דורכן לייענען, סווערענבאָרגס ביכער, איז די איינזאַמע מיידל געקומען אין באַ־רירונג מיט פיעטיסטישע קרייזן.

ווייל אין לאַנד האָבן געבליט די פריוואַטע רעליגיעזע צו־זאַמענקונפטן, די ביבל־קאָלעגיעס, טראָץ אַלע איסורים און שטראָפן זיינען אין הערצאָגטום, אונטערן דרוק פון דער נויט, אויפגעקומען אַלץ נייע גלויביקע און אויפגעוועקטע. אין דעם קליינעם הירזאַו איז באמת ניט געווען נאָך אַזאַ הייליקע, ווי מאַגדאַלען סיבילעס פריינדין און פירערין, די בלינדע בעאַטאַ שטורמין, וועלכע האָט זיך אין אירע תפילות געראַנגלט מיט גאָט, אים כסדר געזשוזשעט אין די אויערן מיט אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט איר געמוזט דערהערן, אים געצוואונגען נביאות אַרויסצוזאָגן דורך צופעליק־אויפגעמישטע ביבלישע פסוקים. אָבער אין דעם שטילן, פאַר־וואָרפענעם ווינקל האָט געלעבט אַ געוויסער מאַגיסטער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער, וועלכער האָט זיך אָנגעלייענט מיט אַלע טע־אָלאָגישע ספרים, אַפילו מיט די פאַרווערטע ביכער פון דער „הייליקער יעוואַנגעליע" פון דער פילאַדעלפיער געזעלשאַפט. אַ גוטמוטיקער, ניט איבערגעשפּיצטער־מענטש, וועלכער האָט געפירט אַ באַשיידענעם לעבן, און האָט ליב געהאַט לאַנגע, פאַרטראַכטע שפּאַצירגייענג. ער האָט אָנגעפירט

אין הירזאו מיט אַ ביבל־קאָלעגיע. און אין דעם האָט זיך אויך באַטייליקט מאַגדאַלען סיבילע, די טאָכטער פונם פרעלאַט. די ווייטע, בלויע אויגן אונטער די טונקעלע האָר פאַרזונקען אין עפּעס ווייטס, אויסגעחלומטס, איז זי געווען, גרויס און שיין, מיט דעם מענלעך־דרייסטן, ברוינלעכן פּנים, צווישן די אַלע פרומע, רחמנות־דיקע, געדריקטע, בלאַסע, איינגעשרומפּטע ליבהאָבער פון ביבל. זי האָט געזוכט נביאות דורך צופעליקן אויפמישן די ספרים, זי האָט אין געבעט מלחמה געהאַלטן מיט גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּשיקן איר פאָטער לייטזעליקייט און דערוועקונג.

דער ווירצבורגער געהיימראַט איז איר שטאַרק דערווידער געווען, און זי האָט זיך מצער געווען צו זען איר פאָטער אין זיין וועלטלעכער, געצנדינערישער סביבה. דער קאַטויל האָט מיטגע־בראַכט די נייַמאָדישע געמישעכץ, וואָס די מענטשנפרעסער האָבן אויסגעפונען, קאַפע האָט דאָס געהייסן און דערפון האָט ער זיך געהייסן צוגרייטן אַ שוואַרצן, שאַרף־ריחדיקן געטראַנק. מיט צו־שראָקענע, פאַרעקלטע אויגן האָט מאַגדאַלען סיבילע זיך צוגעקוקט, ווי אויך איר פאָטער טרינקט די משקה פון שטן, און מיטן גאַנצן ברען אירן האָט זי מתפלל געווען, גאָט זאָל אים ניט לאָזן זיך דערמיט פאַרסמען.

די ביידע מענער זיינען געזעסן בײַ דעם געטראַנק, אָדער בײַם וויין, און האָבן אָן אַ סוף געשמועסט וועגן אַלע הבל־הבלימדיקע ענינים פון דער מלוכה און פון דעם פאַרשאָלטענעם קירכלעכן בבל*), פּאָליטיק, און געלט, און קאָנסטיטוציע, און טיטלען, און חייל, און פּראָצעסן; און דאָס איז אָנשטאָט דעם, צו ריידן וועגן גאָט און וועגן זיין גרויסקייט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דינער פון קריסטוס.

דער געהיימראַט האָט נאַטירלעך אַרופגעפירט דעם שמועס אויך אַפן פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט דאָ לעצטנס גאַסטירט בײַם פירשט־בישאָף. ווייסענזע האָט אויך געקאָנט דעם פּרינצן, אַ זייער ליבער מענטש. זיין באַרימטקייט האָט געגרייכט

---

*) רוים.

פון אונטערשטן דונאי ביז צום נעקאַר. אָן איידעלער בלאַט אַף ווירטעמבערגס צעדער־בוים. דער געהיימראַט האָט דערציילט וועגן די פינאַנסיעלע שוועריקייטן פונם פרינץ, אַף וויפיל ער ווייס, זאָל ער אַפילו האָבן אָנגעגעבן אַ בקשה צום פּאַרלאַמענט וועגן אַ הלוואה. יאָ, וויסנזע האָט די בקשה געלייענט, דער כּטיל אירער איז אים פאָרגעקומען באַקאַנט. אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם פרינץ איז דער דאָקומענט, יעדנפאַלס ניט אָנגע־שריבן געוואָרן; איצט, דאַכט זיך אים, אַז אין געוויסע פראַזן האָט ער דערקענט די מאַניר פון זיין פריינט, האָט ער מיט אַ שמייכל פאַרענדיקט.

ביידע זיינען געמיטלעך געזעסן אין דעם לעפלעכן אָוונט, האָבן געטרונקען. אָבער נאָכדעם, ווי די רייד איז אַריבער אַף דעם ענין, זיינען פראַגע און ענטפער שוין געפאַלן אָפּגע־וואויגענער, פּאַמעלעכער, און הינטער דער מאַסקע פון נאָכלע־סיקייט האָט זיך באַהאַלטן אַ גרייטקייט. בּאַ דעם איצטיקן מצב, האָט וויסענזע געמיינט, פאָרזיכטיק, ברייט אויסנעמענדיק, איז כּדאי זיך מיישב צו זיין וועגן באַוואליקן דעם פאַרדינסטפולן פרינץ אַזאַ נישטיקע סומע.

דאָס וועט דעם בישאָף, ווי אַ מענטש, געוויס זייער פריען, האָט לאַנגזאַם געענטפערט געהיימראַט פיכטעל. און פון זיין קלוגן, קליינעם פנים האָט מען געקענט אַראָפּלייענען, ווי פאָרזיכטיק ער האָט געפורעמט די ווערטער, אַז זיי זאָלן נישט אַרויסזאָגן, אָבער זיי זאָלן אַלץ באַטייטן. דער בישאָף איז זייער באַפריינדעט מיט דעם פרינץ. אָבער דעם בישאָפס פירשטלעכער טראָן האָט דאָך ניט קיין שום — זיין חשובער פריינט דאַרף אים ריכטיק פאַרשטיין — קיין שום אינטערעס אין דעם, צו דער פּאַרלאַמענט וועט העלפן דעם פרינץ, צו ניט. אין דעם בישאָפס קאַסעס איז פאַראַן געלט בשופיה; אויב זיין ערווירדן האָט געגעבן די ווירטעמבערגער הערשאַפטן די פאָרהאַנט, אַרויסצוהעלפן דעם פרינץ פון נויט, איז דאָס נאָר אַ העפלעכער זשעסט, מער נישט. דער געהיימראַט איז אַנטשוויגן געוואָרן, געזופט זיין קאַפע.

וויסענזע האָט אים אופמערקזאַם באַטראַכט, שטיל געזאָגט:

„אָף וויפל איך פאַרשטיי איך, מיין ליבער, איז דער בישאָף טאַקע ניט אָף אַ ברעקל פאַראינטערעסירט אין דעם, אויב מיר גיבן די געלט, אָדער ניט".

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, פאַרזיכטיק, פריינטלעך. דער קאַטויל האָט געזאָגט: „אַז איך וואָלט געזעסן אין דער קאָמיסיע, וואָלט איך געשטימט קעגן דעם. דווקא איצט, נאָך דער מפּלה פון דער גרעוויעניץ, טאָר מען דער פירשטלעכער משפּחה אין גאָרנישט נאָכגעבן".

און די ביידע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך געשמייכלט איינער צום אַנדערן, העפלעך, מיט פאַרשטענדעניש, סימפּאַטיזירנדיק, מיט דינע, פיינע ליפּן.

ווען די בקשה פון דעם פּרינץ איז אין דער איינגערער פּאַרלאַמענט-גרופּע פאָרגענומען געוואָרן, איז מען נוטה געווען איר צו דערפילן. נאָך דער מפּלה פון דער גרעפין זיינען די עלף געווען גוט געשטימט, גרייט צו געבן. רעפערירט וועגן דעם האָט דער אומגעלומפּערטער, טומלדיקער בירגערמייסטער פון בראַקענהיים יאָהאַן פרידריך הענער. ער האָט אויסגעפירט, אַז פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער איז אַ גרויסער מענטש און פעלד-מאַרשאַל, אַז ער טראָגט אויס איבער דער גאַנצער וועלט דעם ווירטעמבערגער רוף און פאַרשפּרייט צווישן די מאַווערן, טערקן און די אַנדערע געצנדינער דרך-ארץ פאַר שוואַבישער העלדיש-קייט און שוואַבישע פּרעשק; אחוץ דעם, האָט דער הערצאָג אָפּגעשאַפט די צופּאַקטע דבר-אחרטע, דעריבער מעג מען זיך אַרויסווייזן פאַר איידלמוטיק און געבן די פאָר טויזנט גילדן. בערך אַזוי איז אויך געווען די שטימונג פון די אַנדערע. און דאָ האָט זיך ווייסענזע אופגעהויבן, און מיט זיין פיינער, העפלעכער און בויגעוודיקער שטים האָט ער אַזוי, אגב אורחא, באַמערקט, אַז מען מוז בלי ספק הויכשעצן די גרויסמוטיקייט און נאָבעלע מאַניר פון די חשובע הערן קאָלעגן, אויך דעם פאַרדינסטפולן העלד פאַרגינט ער געוויס די געלט. אָבער עס איז אַ פראַגע, אויב עס איז פּאַסיק, דווקא איצט, דער הערצאָגלעכער פאַמיליע אַנטקעגן צו קומען. דער הערצאָג האָט סוף כל סוף פאַרענדיקט מיט דער

גרעפֿין, גוט. אָבער אייגנטלעך איז דאָך דאָס געווען זיין חוב, און ווען מען זאָל אים איצט אָפּדאַנקען דערפֿאַר מיט אַ באַזונדערן אַנטקעגנקומען, באַצייכנט מען דאָך דערמיט די זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ חסד. און אַף אַזאַ אופֿן סאַנקציאָנירט מען יענע עקשנות, וואָס דער הערצאָג האָט אַרויסגעוויזן אין משך פֿון דרייסיק יאָר צייט. דעריבער שטימט ער דערפֿאַר, מען זאָל אָפּזאָגן קאַרל אַלעקסאַנדערן אין זיין בקשה, אָבער דאָס זאָל לחלוטין ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פֿיינטלעכקייט קעגן דעם סימפּאַטישן פּרינץ.

די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע האָבן צוגעשאָקלט מיט זייערע שווערפֿעליקע שאַרבנס, האָבן זיך געוואַקלט. זיינען שוין איבערצייגט געווען, ווייסענזע האָט זיי געפּאַקט פֿאַר דעם שוואַכסטן אָרט. יאָ, דאָס איז עס געווען! באַווייזן דעם הערצאָג: מיר גיבן קיין איין טריט ניט נאָך. אונזערע פּריווילעגיעס זיינען ניט נאָר אַפֿן פּאַפּיר, מיר באַנוצן זיי טאַקע. דאָס איז שוין געווען עפּעס.

די בקשה פֿון דעם פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער, דעם קייזערלעכן פֿעלדמאַרשאַל, איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן:

ר׳ גבריאל האָט אין ווילדבאַד געלעבט שטיל, צוריקגעצויגן. אין די פאַרנאַכטן איז ער געגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן. מיט אַמאָל איז אַ רעגן=וועטער געוואָרן. ער איז געגאַנגען דורך דער פייכטער, לעפּלעכער לופט, מיט שווערפעליקע טריט, דעם רוקן אַביסל געבויגן, דעם קאָפּ גראַד פאַר זיך, אַף קיינעם ניט אָפּשטעלנדיק דעם בליק. ער איז געגאַנגען צווישן פאַרשטומטע, אַרופקוקנדיקע, איבעראַשטע. הינטער אים האָט זיך געטראָגן אַ מורמלעריי, די דיבורים וועגן דעם אייביקן איד האָבן פונדאָסניי גענומען אופשווימען, דריי מאָל האָט די פּאָליציי איבערגעקוקט און דורכגעפאָרשט די פּאַפּירן פון דעם משונהדיקן זקן. זיי זיינען געווען אין אָרדענונג. ער איז לעגאַליזירט געווען דורך די גענעראַל=שטאַטן ווי אַ מינהער גבריאל אָפּענהיימער וואן=סטראַטען. ער האָט פאַרמאָגט אַ רייזע=פּאַס, וואו אַלע מאַכט=פאָרשטייער זיינען געבעטן געוואָרן אים אין אַלץ אַנטקעגנצוקומען.

פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער האָט, נאַטירלעך, זיך אויך דערוואוסט וועגן דעם מאָדנעם גאַסט, וואָס האַלט זיך אוף צוזאַמען מיט זיין לייב=אידן, מיט זיס. דער פּרינץ איז שוין אומגעדולדיק געוואָרן, וואַרטנדיק אַף די געלט פון פּאַרלאַמענט, און ער האָט אָנגעהויבן זיך צו לאַנגווייליקן. אין ווענעדיג, אויך שפּעטער, האָט ער, ווי שוין אַסך אַנדערע פּריצים, און באַזונדערש זיין פריינט, דער פירשט=גלח פון איינזידעלן, זיך אינטערעסירט מיט לייענען אין די שטערנס און בכלל מיט שוואַרצער קונסט. דאָ ניט לאַנג, אין ווירצבורג, האָט דער פירשט=גלח דערציילט וועגן אַ מכשף, וואָס ער האַלט איצט באַ זיך אין הויף און ער האָט צו אים גרויס צוטרוי. און דער פּרינץ האָט, אָן שהיות, אופגעפאָדערט זיסן, ער זאָל בריינגען צו אים דעם מקובל. זיס האָט זיך געזוכט אויסצודרייען, ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ גבריאל וועט אַף דעם ניט איינגיין, וועט זיך ניט לאָזן פאָרוויזן. צום סוף האָט ער געפונען אַן אויסוועג. ווען דער רבי וועט באַ אים זיין וועט ער וועגן דעם געבן צו וויסן דעם פּרינץ; אויב דער פּרינץ וויל, זאָל ער זיך דעמאָלט מטריח זיין צו אים און ער וועט זיך

צוזאַמענטרעפֿן מיטן רבין. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט, לאַכנדיק, מסכּים געווען דערויף.

דער מקובל האָט געזאָגט צו זיסן: „איך וועל ברענגען די מיידל קיין שוואַבן. אין דער שכנות פֿון הירזאַו, האָב איך געפֿונען אַ קליינע דאָרפֿישע הייזעלע, אַן אָפּגעלעגענע, אינמיטן וואַלד, ווייט פֿון מענטשן. לאָז די הייזעלע אָפּקויפֿן. דאָרטן קען צו איר קיין שלעכטס ניט דערגרייכן".

זיס האָט שטום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „עס וואָלט גוט געווען", האָט ר' גבריאל מיט זיין סקריפּעדיקער שטים ווייטער גערעדט, ווען דו וואָלסט זיך אויך אָפּגעטרייסלט פֿון דיינע געשעפֿטן. ווען דו זיצסט אין דער שטילקייט, בײַם בּרעג, דעמאָלט דערקענסטו, אַז דער גאַנצער גערויש און האַוועניש איז מער ניט ווי אַן אופגעווירבלטע פּוסטקייט. ס'איז אַ נאַרישקייט, וואָס איך רייד דאָס צו דיר", האָט ער קאַלט אָפּגעהאַקט. ער האָט געזען פֿאַר זיך דעם פּנים פֿון זיס, ער האָט געזען פלייש און ביינער און בלוט, אָבער ניט קיין ליכט, און אין אים האָט אופגעזידט אַ צאָרן אַף יענעם טיפֿן און געהיימען צובונד, וואָס האָט אים דווקא בײַ דעם מענטשן געצוואונגען צו גיין אַף כּסדרדיקע מפּלות. עך, וויפֿל שטראָמען האָבן זיך געדאַרפֿט נעמען באַוועגן, ביז מען וועט קענען אַרויסבאַקומען פֿון דעם שטיין לעבן.

ווי נאָר ער האָט געוואָלט אַרויס, איז די טיר אופגעריסן געוואָרן, און פֿאַרבײַ די דינערס איז אין צימער אַריין דער פּרינץ, לייכט הינקענדיק, לאַרעמענדיק: „אַ, ער האָט אַ גאַסט, זיס?" און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ פֿאָטעל. זיס איז געשטאַנען טיף געבּוקט, און ר' גבריאל האָט זיך לייכט פֿאַרנייגט, ניט טיף און אָן איילעניש, און האָט געלאַסן און אופמערקזאַם באַטראַכט דעם פּרינץ. אונטערן רואיקן, פֿאַרטריבט-גרויען בליק פֿון דעם מקובל, האָט דער פּרינץ אָנגעוואָרן זיין טומלדיקע זיכערקייט, אַ שווערער שווייגן האָט זיך אויסגעלייגט צווישן זיי דרייען, ביז זיס האָט די שטילקייט פֿאַרטריבן: „דאָס איז זיין דערהויבנקייט, פּעטער, דער פּרינץ פֿון ווירטעמבערג, מיין חשובער פֿריינט". ר' גבריאל האָט נאָך אַלץ געשוויגן, און דער פּרינץ האָט געזאָגט

מיט אַ ניט־גאָר פֿרייעם געלעכטער: „ער איז דאָס דער סודות־פֿולער פֿרעמדער, וועגן וועלכן אַלע ריידן דאָ? ער איז אַן אַלכימיסט. פֿאַרשטייט צו מאַכן גאָלד, האַ?"

„ניין", האָט ר' גבריאל געזאָגט, אומבאַוועגלעך, „איך קען קיין גאָלד ניט מאַכן".

דער פּרינץ האָט אַראָפּגעצויגן זיין הענטשקע, האָט געפּאָכעט מיט איר קעגן זיין קני. פֿון דעם מאַסיוון, אָנבערדיקן פּנים, מיט דער קליינער, פּלאַטשיקער נאָז, האָט מיט אַ טרויעריקן, פֿאַרטריבטן פֿייער, אים אומגעמיטלעך אַנטקעגנגעקוקט אַ פּאָר צו־גרויסע, גרויע אויגן. גאָר אַנדערש האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם מכשף; ער האָט זיך דערמאָנט דעם הנאהדיקן קיצל, מיט וועלכן ער האָט ביי־געוואוינט געוויסע מאַגישע סעאַנסן. דאָ איז אָבער אַזוי פֿאַרשטיקט געווען, פּונקט ווי די לופֿט וואָלט ביסלעכווייז אָפּגעצויגן געוואָרן פֿון צימער.

„איך האָב גרויס אינטערעס פֿאַר אַלכימיסטישע עקספּע־רימענטן", האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, „אויב איר ווילט זיך אַריבערקלייבן צו מיר קיין בעלגראַד" — איצט האָט ער אים, אָפֿן העפֿלעכן שטייגער, גענומען אירצן — „איך בין ניט רייך, אייער פּלימעניק ווייס דאָס מן הסתם בעסער פֿון מיר, אָבער אַ לייטישע יערלעכע שכירות וואָלט איך דאָך קענען צוזיכערן".

„איך בין ניט קיין גאָלדמאַכער", האָט דער מקובל איבערגעחזרט.

פֿונדאָסניי די שטילשווייגעניש, וואָס האָט אומעטיק און אָפּליימענדיק, פֿאַרגאָסן דעם צימער, זיך געוויקלט אַרום די מענטשן, פֿאַרטריבן זייער זיכערקייט און פֿעסטקייט. מיטאמאָל, מיט אַ העפּטיקער באַוועגונג, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט קייטן צורייסן, האָט דער פּרינץ אויפֿגעהויבן זיין לינקע האַנט, זיך פֿאַרמאָסטן דעם מקובל אַנטקעגן די אויגן. „אָבער דאָס וועט איר מיר ניט איינריידן, מכשף!" האָט ער געלאַרעמט, מיט אַ פֿאַרכמורעטן געלעכטער. „זאָגט מיר, וואָס לייגנט איר דערפֿון אַרויס?" און ער האָט אים אונטערגערוקט אונטערן פּנים זיין

פלאַכע האַנט. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע האַנט. אין דער, צייט, וואָס איר אויסנזייט איז געווען שמאָל, לאַנג, האָריק ביינערדיק, איז איר פלאַכע זייט געווען פליישיק, פעט, קורץ.

ר' גבריאל האָט ניט געקענט אויסמיידן אַ בליק צו געבן אַף דער האַנט. ער איז אָפּגעטראָטן אַ האַלבן טריט אַף צוריק, קוים דערשטיקנדיק אין זיך אַ ווילדע, דערשראָקענע תנועה. עס האָט אַראָפּגענידערט אַ גרויע, איינגע און דריקנדע קלעמעניש. „רעדט דאָך"! האָט דער פּרינץ געשטורעמט. „איך בעט אייך, לאָזט מיר אָפּ!" האָט געענטפערט דער מקובל, זיך קוים באַהערשנדיק.

„און אויב איר האָט מיר אפילו וואָס שלעכטס צו זאָגן, מיינט איר, איך פאַל אין חלשות, ווי אַ בלוטאָרימע בתולה? איך האָב דורכגעמאַכט הונדערטער מלחמות, איך האָב זיך דועלירט אַף טייוול קום אַרויס, דער טויט איז שוין ניט איינמאָל הארט באַ מיין נאָז פאַרביי". ער האָט געפּרואווט זיך פאַנאַנדערלאַכן. „מיינט איר, אַז איך וועל ניט קענען אויסהערן, ווי אַן אַלטער אידל וואָרזאָגט מיר אומגליק?" און ווען יענער האָט נאָך אַלץ געשוויגן: „פאַרקריכט זיך ניט אין עקשנות, ווי אַ שנעק אין זיין הייזל! אַרויס מיט לשון, מיין קאַלכאַס*), מיין דניאל!"

„איך בעט אייך, באַפרייט מיר דערפון!" האָט דער מקובל געזאָגט. די שטים האָט ער ניט אופגעהויבן, אָבער זיינע אויגן האָבן געקוקט אַפן פּרינץ, ווי צוויי אייז-פאַרצווייגענע עזערעס. אַזוי, אַז יענער האָט אַף אַ מאָמענט ניט געפונען, וואָס צו זאָגן, שאַרף, טיף, קורץ, ווי אַ פרעמדער, שרעקעדיקער אות, האָבן די דריי קנייטשן זיך געשניטן אין דעם רבים ברייטן שטערן, אָבער מיט-אַמאָל האָט דער פּרינץ דערזען זיסן, וועלכער האָט זיך אָפּגערוקט, געשפּאַנט און צושראָקן, און ער איז גרימצאָרניק געוואָרן, וואָס ער איז לגבי דעם אַלטן אַזוי לעכערלעך און קליין, און אים נאָכאַמאָל שטופנדיק די האַנט אונטער די אויגן, האָט ער הערשעריש גע-שריען: „רייד!"

ר' גבריאל האָט גערעדט, און זיין וואָרטשנדיקער, וואַכע-

---

*) אַ נביא און אַ כהן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

דיקער טאָן האָט אַף דער אופּרעקונג פֿונם פּרינץ געווירקט פּחדימדיקער פֿון בלערליי קונציקע תּנועות און כּישוף־שפּיצלעך: „איך זע אַן ערשטע זאַך און אַ צווייטע. די ערשטע זאָג איך אייך ניט, די צווייטע איז אַ פּירשטלעכע קרוין".

דער פּרינץ, פֿאַרפּלעפֿט, האָט געלאַכט דורך דער נאָז. „טויזנט דונערס! אָט איר רעדט קלאָר, מכשף־לעבן. גינגאָלד. ניט אַזוי פֿון אויבן־אויף, ווי עס ריידן געוויינטלעך כּיראָמאַנטן און אַסטראָלאָגן: גרויסער גלאַנץ און רום, אָדער נאָך אַזוינס. פּשוט און קלאָר, אַ פּירשטלעכע קרוין. דונער און בליץ! נו, מעג זיך מיין קוזין פֿרייען".

ר' גבריאל האָט נישט געענטפֿערט. „איך פֿאָר היינט אָוונט", האָט ער זיך געווענדעט צו זים, „עס בלייבט דערביי, ווי איך האָב דיר געזאָגט". ער האָט זיך פֿאַרנייגט פֿאַרן פּרינץ, איז אַוועק.

„ער איז ניט זייער העפֿלעך, זיין פּעטער", האָט קאַרל אַלעקסאַנדער געזאָגט צו זים און האָט געפּרובט, זיין צוטומלעניש צושטרייען מיט געלעכטער. „איר מוזט אים מוחל זיין, פּרינץ", האָט זיך דער איד געאײַלט צו ענטפֿערן, און אויך ער האָט זיך געמיט, צו באַהערשן זיין אופּרעקונג. „ער איז אַ מורמלער און בכלל אַ משונהדיקער פֿאַרשוין, און צוליב דעם, וואָס זיין מאָדע איז אַלץ צו באַקלאָגן און צו טאַדלען", האָט ער פֿאַרענדיקט ווייטער באַהערשט און פֿונדאָסניי דער זעלביקער, „איז זיין נביאות־זאָגן נאָך דערפֿרייַלעכער".

„יאָ", האָט דער פּרינץ געזאָגט, פֿאַרקלערט קוקנדיק פֿאַר זיך און אויסמאָלנדיק מיטן שווערד ליניעס צו זיינע פֿיס, „אָבער דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרשוויגן".

„ער האָט שוין אַזעלכע משונהדיקע געדאַנקען", האָט זים באַרואיקט. „אונזערער א מענטש, וואָס קוקט אָן דעם לעבן, אַזוי, ווי ער איז אין דער אמתן, מאַכט חוזק פֿון דעם, וואָס ער האַלט פֿאַר וויכטיק און פֿאַר אַ גרויסן אומגליק. אַ פּירשטלעכע קרוין איז דאָך אַ ממשותדיקע זאַך. דער אומגליק, וועגן וועלכן ער האָט

ניט געוואָלט ריידן, איז געווים אַ חלום, אָדער עפּעס אַן ענין, וואָס ליגט אונטערן שכל הישר".

„די פירשטלעכע קרוין!" האָט דער פּרינץ געלאַכט. „זיין פּעטער זעט אומגלויבלעך ווייט. דער טויט וועט האָבן אַ סך אַרבעט, ביז מיין ריי וועט אָנקומען. דערווייל לעבט נאָך מיין קוזין און אַחוץ דעם זיין דערוואַקסענער זון, און זיי טראַכטן גאָר ניט וועגן דעם, זיך אַריבערצוכאַפּן אַף יענער זייט. ער האָט אַפילו געשלאָסן מיט זיין פּרוי הערצאָגין שלום, כדי איר נאָך מער לע־בעדיקע קינדערלעך צו מאַכן". דער פּרינץ האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגערעקט. „נו, איד! וועט ער מיר אפשר אַרויסגעבן אַ אַ הלוואה אַפן ווירטעמבערג טראָן?" און מיט אַ דונערדיקן גע־לעכטער האָט ער אים געקלאַפּט איבערן פּלייצע. זיס האָט אים מיט גרויס יראת־הכבוד אַריינגעקוקט אין די אויגן: „איך בין גרייט צו דינען דעם דערהויבענעם פּרינץ מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג". „מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג", האָט ער איבערגעחזרט. דער פּרינץ האָט איבערגעריסן זיין געלעכטער און האָט אָנגעקוקט דעם פינאַנסמאַן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים זייער ערנסט און מיט נאָך אַ גרעסערן דרך־ארץ, ווי שטענדיק. „גענוג זיך וויצלען!" האָט קאַרל אַלעקסאַנדער פּלוצלונג געזאָגט, אויסגעגלייכט די אַקסלען, אַזוי, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עפּעס פרעמדס און לעסטיקס און האָט זיך שטראַם אַוועקגעשטעלט. „די קליינע קאָזעל האָט געבעטן בא מיר טערקישע שיך", האָט ער געזאָגט מיט זיין געוויינטלעכן טאָן, „מיט קליינע בלויע שטיינער. זאָל ער מיר דאָס שאַפן, איד! און פון דעם בעסטן!" און אין דער צייט, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַ ביסל אונטערהינקענדיק: „אָבער אַף מער, ווי דריי דוקאַטן, זאָל ער מיר ניט אָנפּייפן" און ער האָט זיך הילכיק צולאַכט.

ר׳ גבריאל האָט פאַרלאָזן ווילדבאַד אין דער געווינטלעכער
פּאָסט=קאַרעטע אין זיין סאָלידן, אַלטפרייענקישן ראָק, ווי מען
האָט געטראָגן אין האָלאַנד מיט צוואַנציק יאָר צוריק, גרעבלעך,
דער רוקן אַ ביסל אויסגערונדערט, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ
ברוגזדיקער בירגער, אָדער ווי אַ העכערער באַאַמטער, אַ נגע=
צרעת. ביז זיין אַריינקום, האָט אין דער פּאָסט=קאַרעטע געפלאַ=
טערט אַ מונטערער שמועס, אָבער איצט זיינען אַלע געזעסן
שטום און דערשלאָגן, און ר׳ גבריאלס שכן האָט אומבאַמערקט
זיך אָפּגערוקט פון אים.

באַלד נאָכן אַרויספאָר, האָט די פּאָסט באַגעגנט אַ גלענ=
צנדיקע רייזע=קאָמפּאַניע. דאָס איז געווען דער פירשט אַנזעלם
פראַנץ פון טורן און טאַקסיס, דער רעגענסבורגער, וועלכער האָט
מיט אַ סך גלאַנץ און מיט אַ גרויסער סוויטע זיך אַריבערגעצויגן
אין דעם וואַלדשלאָס ערמיטאַזש, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען.
דער פירשט, אַ פיינער, עלטערער מאַן, אַן אַלמן, מיט אַ לאַנגען,
אַריסטאָקראַטישן קאָפּ, איז געפאָרן אין באַגלייטונג פון זיין איינציקער
טאָכטער, מאַריע אויגוסטע, די פּרינצעסין, מיט איר שיינקייט,
ווייט איבער די גרעניצן פון דייטשלאַנד באַרימט. אַרויסרופנדיק
באַוואונדערונג אויף פּילצאָליקע מאָלערייען און פּאַסטעלן, איז גע=
זעסן בײַ דער זייט פון איר פאָטער מיט דער געוואוינטער קאַלט=
קייט פון אַ שיינער פרוי, וועלכע ווייס, אַז אַ סך אויגן קוקן נאָך
יעדער באַוועגונג אירער. מיט נאַכלעסיקער נייגעריקייט האָט זי
באַקוקט די געפּאַקטע פּאָסט=קאַרעטע און דעם מקובלם בליק האָט
ניט פאַרפעלט צו דערזען איר לייכטן, אַ ביסל=חוזקדיקן, שטאָלץ=
ליבנסווירדיקן שמייכעלע. איר פאָטער האָט איר אין זיין שטילער
מאַניר מרמז געווען, אין ווילדבאַד וועט זי האָבן אָנצונעמען וויכ=
טיקע, און ווי ער האָפט, אָנגענעמע באַשלוסן. און אַזוי איז זי
איצט געפאָרן אין דעם פּראַכטפולן עקיפּאַזש, גרייט אויף יעדער
איבער־לעבעניש גיכער יאָ צו זאָגן, איידער ניין, יונג, נאַכלעסיק,
אָבער דאָך זשעדנע. פון אונטער שטראַלנדיק=שוואַרצע האָר האָט
אַרויסגעקוקט דער פּנים קליין, צירלעך, שלאַנגיש, מאַטפאַרביק,
ווי אַלטער, איידעלער מירמלשטיין, צוגעשפּיצט אַראָפּלויפנדיק,

מאַנדל־אויגיק, אַ קלאָרער, לייכטער שטערן, אַ פיינע, געגלידערטע נאָז, די מויל קליין, געוועלבט, חוזקדיק.

די דאַמען אין ווילדבאַד זיינען פאַרביטערט געווען איבער דעם נייעם גאַסט. די פּרינצעסין פון קורלאַנד און די טאָכטער פון אַמבאַסאַדאָר פון די גענעראַל־שטאַטן, צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָבן הויכמוטיק פאַרצויגן די ליפּן און האָבן איינגעפּונען, אַז די טורן און טאַקסים איז להוט נאָך מענער און חנדלט זיך שטאַרק. זי האָט אָבער זייער הויך געהאַלטן דעם קליינעם, שיינעם קאָפּ, און איז מיט אַ נאַכלעסיקן, שווער־באַגרייפלעכן שמייכעלע זיך געגאַנגען איר וועג. וועלכער איז אויסגעזיים געווען מיט באַ־וואונדערער און פאַרערער.

דער ערשטער אָוונט, וואָס פּרינצעסין מאַריע אויגוסטע האָט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט, איז געווען פאַר יוסף זיס אַ גוטער אָוונט, להיפּוך צו די אַנדערע — און ער האָט גע־שטעלט די טראָפּ אַף דעם היפּוך — האָט ער דעם קלענסטן פּרוב נים געמאַכט, כּדי צו ווערן פאָרגעשטעלט פאַר די הויכע געסט. אין דער צייט, וואָס דער יונגער לאָרד סאַפאָלק האָט מיט זיין גלאָצנדיקער, פאַרשטאַרטער, פאַרפּלעפטער פאַרליבטקייט זיך לעכערלעך געמאַכט, האָט זים נים אָפּגעטראָטן פון די פאַר־שטויסענע דאַמען, וועלכע זיינען פריער אויך לייטזעליק געווען צו אים און באַ וועמען ער איז איצט געשטאַנען אין נאָך גרעסערן חן. נאָר זעלטן, ווען זיינע דאַמען האָבן דאָס נים גע־קענט מערקן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיינע גרויסע, ברוינע אויגן אַף דער פּרינצעסין, אָבער פון זיין שניי־ווייסן פּנים האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט אַזאַ גרענעצלאָז־הכנעהדיקע באַוואונדערונג, אַז מאַריע אויגוסטע האָט מיט אָפענער נייגעריקייט פון צייט צו צייט אַרופגעקוקט אַף דעם שיינעם, עלעגאַנטן מאַן. און מיט אַ אַ שטילן, אופריינצנדיקן שמייכעלע, גראַציעז און אַ קאָפּעלע חוזקדיק, האָט זי געטריפלט דורך די אַלע כּיבודים פון דעם אָוונט.

פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער, וועלכער איז שטענדיק געווען דער הויפּט־העלד באַ אַזעלכע בעלער איז, קעגן אַלע דערוואַר־

טונגען, ניט געקומען צום אָוונט. צאָרנדיק איז ער געזעסן אין זיין צימער אין דער שטערן־אכסניא, אליין, אפּן טיש און איינ־איינציקע ליכטל. ער איז געזעסן אין שלאָפראָק, דעם פּאַרוויאַונ־דיקטן, פּאָדאַגרישן פוס, וואָס האָט היינט באַזונדערס געוויטיקט, פאַרוויקלט אין טיכער. ער איז געזעסן בײַ אַ פלעשער און קאראפן. פון דעם חושך איז פון צייט צו צייט אַרופגעשוואומען נייפער, דער קאַמערדינער, כּדי אָנצוגיסן דעם כּוס און אין שאָטן האָט געהאַקט דער שוואַרצבּרוינער. דער פּרינץ איז געזעסן, געשתּיהט, געשאָלטן. דעם פּאַרלאַמענט האָט ער באַגאָסן מיט זלזולים פון אַלע לשונות, מיט אַלע ברודיקע קללות פון מלחמה־לאַגער. נאָכמיטיק האָט ער מיט דער געוויינטלעכער בּריוו־פּאָסט באַקומען אַ שרייבן פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע, וואו מען האָט אָן קונצן אים אָפּגעזאָגט אין זיין בקשה וועגן א הלוואה.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געבושעוועט. ער האָט געוואוסט, אַז אין הערצאָגטום איז ער פּאָפּולער. זיין בּילד איז געהאַנגען אין אַסך שטיבער, דער המון האָט אים באַגעגנט מיט הוראַ־געשרייען. און דאָ שיקן אים אַריין אָט די קאַנאַליעס פון פּאַרלאַמענט, די פאַרפוילטע טריפלנאָז־חברה און די גאוהדיקע בלאַזנס, אַזאַ מין פאַסקודנע שמירעכץ.

אַזוי איז ער געזעסן, געשיכּורט, געשאָלטן. האָט אַראָפּגעריסן די פעלצן, מיט וועלכע נייפער האָט אים אַרומגערינגלט די פוס, זיך געבּריקעט. אַ קרויז! דער אַלטער אידליק האָט אים דאָך צוגעזאָגט אַ קרוין. דער שאַרלאַטאַן! אַ שיינע קרוין! ער איז דאָך נאָר אַ גאָרנישט און אַן אָנגעלאָפּענער שנאָרער, וועמען די קאָמפּאַניע האָט די חוצפה צוצוּוואַרפן אַזאַ טינופדיקן בּריוו. ער האָט אַזוי גרוויזאַם און לעסטערנדיק גערעשט, אַז זים האָט שפּעט צוריקקערנדיק זיך פון באַל, געפרעגט דעם קאַמערדינער, וואָס ס'איז געשען. אָבער נייפער, וועלכער האָט דעם איד ניט געקענט ליידן, האָט אויסגעמידן יעדן ענטפער.

אַף מאָרגן אום האַלבן טאָג, — פאַר דעם צווייַ מאָל געהאַט אָנגעפרעגט און ביידע מאָל אָן דערפאָלג — האָט זים באַזוכט דעם פּרינץ. ער איז פאַמעלעך אַריין אין צימער. ער האָט

געטראָגן ניי־מאָדישע זאַכן, וועלכע ער האָט געוואָלט באַווייזן דעם פּרינץ; דער פּרינץ האָט שטענדיק געהאַט גרויס אינטערעס פאַר מאָדעס. אויך וועגן דעם נעכטיקן באַל האָט ער אים געוואָלט דערציילן. ער האָט אים אָבער נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי גרימצאָרניק. דער פּרינץ איז געשטאַנען אינגאַנצן נאַקעט און ריזיק, און נייפּיִר מיטן שוואַרצבּרוינעם האָבּן געגאָסן אַף אים קוּבּלען וואַסער און אים אַלץ פונדאָסניי אָפּגעריבּן. ער האָט אים צוגעוואָרפן דעם בּריוו פון פּאַרלאַמענט און פאַר דער צייט, וואָס זיס איז געשטאַנען געבּויגן און איז מיט אַ פלינקער אויג דורכגעלאָפן די שורות, האָט דער פּרינץ, שפּריצנדיק און שנויפנדיק, געשריען צו אים: „אַ פיינער מכשף, זיין פעטער! ער האָט מיר ווי געהעריק אָנגעפּיפן! זי זעט גאָרניט שלעכט אויס מיין קרוין!‟

זיס איז בּאמת אופגעבּראכט געווען אַפן גראָבּן אָפּזאָג פון פּאַרלאַמענט, און ער האָט זיך שוין געפלייסט מיט געשיקטע רייד אַרויסצוזאָגן דעם פּרינץ זיין בּעסדיקע פאַראַכטונג קעגן אַזאַ מין חוצפּה און אים צו פאַרזיכערן אין זיין גרייטוויליקער געטריישאַפט. אָבּער דער פּרינץ, אופגערייצט קעגן איטלעכן, ווי ער האָט אַזוי געזען זיסן, עלעגאַנט געקליידט, מיטן נידערטרעכטיקן בּריוו אין האַנט, האָט פלוצלונג בּאַפוילן: „נייפּער! אַטמאַן! גיסט אָפּ דעם אידן! זאָל ער זיך אויסלערנען שווימען!‟ און דער קאַמערדינער און דער שוואַרצבּרוינער האָבּן תּיכּף אַרופגעגאָסן אַף זיסן די גאַנצע וואַסער פון קוּבּל, בּילנדיק איז דעם פּרינצס הונט אַרופגעשפּרונגען אַף אים, און דער איד האָט גיך און דערשראָקן זיך אָפּגעטראָגן, די הויזן און די נייע זאַכן דורכגעווייקט, די שיך איבּערגעפּירט, הינטער אים דער הילכיקער געלעכטער פון דעם פּרינץ און די דינערס.

זיס האָט אָבער ניט בּאַזונדערס פאַריבּל געהאַט אַפן תעלדמארשאַל. גרויסע פּריצים האָבּן שוין אַזעלכע המציאות, דאָס איז אַ כּלל. זיי האָבּן געהאַט רעכט אַף דעם. מען האָט זיך געמוזט דערצו צוגעוואוינען. און בּעתן איבּערטאָן די נאַסע קליידער האָט ער געטראכט וועגן דעם, אַז ער וועט זיך נאָכאמאָל אויך

פאַרשטעלן אַזוי העפלעך, און נאָך הכנעהדיקער, מעגלעך, אַז ער וועט בעסער אופגענומען ווערן.

דעם זעלביקן טאָג איז אָנגעקומען דער ווירצבורגער געהיימראַט פיכטעל. דער נים-מאַרקאַנטער מענטשל מיטן קליינעם, קלוגן פנים איז באַלד נאָכמיטיק אוועק צום פרינץ. יאָ, אין ווירצבורגער הויף ווייס מען שוין וועגן דער אומגעריכטער און אויסטערלישער חוצפּה פון פּאַרלאַמענט. דער הער פירשט-בישאָף איז טיף דערצאָרנט און פול מיט פאראכטונג אף דער נידער-טרעכטיקער און קליינלעכער קמצנות, וואָס די שוטים האָבן זיך דערוועגט אַרויסצואווייזן לגבי אַזאַ גרויסן און חשובן מלחמה-פירער. אָבער דער בישאָף האָט מיט זיין חכמה צוגעטראַכט אַן אַנדער רפואה, וואָס זאָל אַרויסהעלפן דעם פרינץ פון זיין נויט, און זאָל גלייכצייטיק דינען ווי אַ מוסר השכל פאַר די צו הויך-פאַרקראָכענע גאָרנישטן.

אָבער איידער ער האָט זיך גענומען צו די ווייטערדיקע דערקלערונגען, האָט ער געבעטן דערלויבניש צוצוגרייטן פאַר זיך דעם קאָפע-געטרייניק, אָן וועלכן ער האָט זיך ניט געקענט באַגיין. און ווען ער איז, — איצט נאָך טאָפּלט קלענער לגבי דעם ריזיקן פרינץ, ווי אַלעמאָל, — געזעסן באַם הייסן, שוואַרצן קאָפע, האָט ער אים שטיל און זאַכלעך פאַנאַנדערגעלייגט דעם שידוך מיט דער פרינצעסין פון טורן און טאַקסיס, דער שענסטער פרינצעסין אין דער רוימישער מלוכה און דערצו נאָך דער רייכסטער. דער יונגאַטשישער און ווידערשפעניקער פאַרלאַמענט ווידער וועט זיך ערגערן גרין און געל, ווען דער פרינץ וועט ווערן אַ קאַטויל. דער הער פירשט-בישאָף איז, פאַרשטייט זיך, גרייט אויסצוהעלפן דעם פרינץ אויך דעמאָלט, ווען ער וועט ניט איינגיין אפן שידוך. אָבער ער האַלט דעם פּלאַן פאַרן בעסטן און ער פאַרגינט פון פולן האַרצן דעם פרינץ די סך געלט און די שיינע פרוי, און דעם פאַרלאַמענט די האַרץ-פּלאַצעניש. און דער געהיימראַט האָט מיט הנאהדיקע קליינע זופּעלעך געטרונקען די קאָפע.

ווען קאַרל אַלעקסאַנדער איז געבליבן אַליין, האָט ער גע־נומען טראַמפּלען אַרויף און אַראָפּ, דער מח נאָך באַנומען פון דעם באַנאַכטיקן איינזאַמען שיכורן, האָט געפרייכט, זיך געגראָבן מיט די פינגערן אין די געדיכטע, בלאָנדע האָר. די פוקסן! קוק נאָר אָן די פוקסן! פאַר אַ קאַטויל ווילן זיי אים מאַכן. דער ליידאַק, פרידריך קאַרל, דער גוטער, לוסטיקער, פריינטלעכער חברה־מאַן. אַזאַ מין פוקס!

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. אַ וויץ! צו אַלדי רוחות! אַן אויסגעצייכנטער וויץ! דער גרעסטער טייל פון די אָפיצערן איז געווען קאַטויליש, די קאַטוילן זיינען געווען די בעסטע זעלנער. ער איז, זינט ווענעדיג, בכלל געווען פריי אין הלכות רעליגיע, דער קאַטוילישער גאָטעסדינסט איז אים שטענדיק בעסער געפעלן געווען, פאַר די זעלנער איז אויך מער צוגעפּאַסט געווען דאָס קאַטוילישע — מיט ווייַרויך, הייליקע בילדער און קלויסטער־מלבושים. און ווען ער טוט דערמיט אַ געפעליקייט זיינע פריינט אין ווירצבורג און ווין, איז נאָך בעסער. זיך וועט ער דערמיט געוויס קיין רעה ניט טאָן. אַ שיינע, רייכע פּרינצעסין. אַ סוף צו דעם אייביקן אומגעלומפּערטן בעטלען, אויס מיט דעם חלשן נאָך אַ גראָשן. היינט דער וויץ, דער הערלעכער, אויסגעצייכנטער וויץ, וואָס ער וועט אָפּטאָן דער פאַרשאָלטענעם פאַרלאַמענט. צו אַלדי רוחות! אָנקוקן וועט ער זיך די רעגענסבורגעריז, אַף יעדן פאַל.

ווען זיס איז, אין אַ טאָג אַרום, אַריין צו אים, האָט ער הילכיק און גוטגעלוינט אים אויסגערופן אַנטקעגן: „ביסטו טרוקן, איד! איז די באָד דיר גוט באַקומען?" „יאָ", האָט זיס געענט־פערט. „אויב דעם פּרינץ האָט דאָס פאַרשאַפט הנאה". „ווען איכ'ל איצט פאַרלאַנגען דרייסיק טויזנט גילדן, וועסטו מיר דאָס געבן?" „באַפעלט נאָר!" „און דו וועסט מיר צוקוועטשן דעם גאָרגל. האַ! איך האָב אָבער עמיצן, וועמ עס גיט מיר די געלט אָן אַ גראָשן פּראָצענט!" „איר קלייבט זיך אויס אַן אַנדער געלטמענטשן?" — האָט דער איד דערשראָקן געפרעגט. „ניין", האָט דער פּרינץ צופרידן געלאַכט. „קודם־כל האָב איך דיר איצט

נויטיק נאָך מער, ווי פריער. איך וועל דאָ נאָך בלייבן, לכל הפחות, אַ וואָכן צוויי; אָבער איך וויל אַרויס פון דער לאָך. זאָל ער דינגען פאַר מיר די ווילע מאָנביזשו! איינאָרדנען זאָל ער איר אַזוי, אַז אין ווערסאַיל גופא זאָל מען אויך אין איר קיין חסרון ניט געפינען, מיט מעבל און דינערשאַפט. איך באַשטים אים פאַר מיין הויף-פאַקטאָר און קאַסע-פאַרוואַלטער". זיס האָט געקושט באַם פרינץ די האַנט, איז זיך פאַרגאַנגען אין דאַנק-זאָגן.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט דעם שוואַרצברוינעם אָפּגעשיקט אין דעם שלאָס ערמיטאַזש, פרעגן, ווען ער קען קומען זיך פאָרשטעלן. איז נאָכדעם געפאָרן אַהין אין זיין גרויסער קאַרעטע, וועלכע האָט, טראָץ דער נייער לאַקירונג, נאָך אַלטפרייטנקיש אויסגעזען; נייפערן און דעם קוטשער אָבער האָט זיס שוין אויס-געפוצט אין נייע ליווריייעס.

אין ערמיטאַזש איז דער פעלדמאַרשאַל אופגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט. אַחוץ דעם פירשט און מאַריע אויגוסטע איז נאָך דערביי געווען דער ערשטער טורן און טאַקסישער אינטענדאַנט און דער געהיימראַט פיכטעל. פראַנץ אַנזעלם פון טורן און טאַקסיס איז געווען אַן אַלטער, געניטער, זייער סקעפּטישער מענטש. גוטוויליק, אופגעראַמט, נייגעריק, מיט צערעמאָניעלע, זייער גוטע מאַנירן, האָט ער האַלט געהאַט געזעלשאַפט, מיט גרויס חשק געטריבן לשון-הרע, און האָט אין גאַרנישט און אין קיינעם ניט געגלויבט. זיי האָבן אַזוי פיל געמיינזאַמע באַקאַנטע געהאַט, באַם ווינער הויף, אין ווירצבורג, אין דער אַרמיי, צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַדל. דער פירשט האָט געמאַכט קליינע, בייסיקע באַמערקונגען, קאַרל אַלעקסאַנדער האָט לעבהאַפטיק און אַ סך גערעדט, צוגעשטימט, זיך איינגעשטעלט. דער פירשט האָט געהאַלטן דעם פיינעם, לאַנגען קאָפּ, ווי באַ אַ יאַגד-הונט, העפלעך צוגעבויגן, האָט זיך אופמערקזאַם צוגעהערט. קאַרל אַלעקסאַנדער איז אים געפעלן, געוויס, ער איז געווען אַ ביסל אומגעלומפּערט און האָט זיך געהיצט, וואָס אייגנטלעך טאָר מען דאָס ניט; ער האָט אויך געהאַט ווייניק פייאיקייטן צו אורטיילן. אָבער ער האָט געהאַט טעמפּעראַמענט און, אַחוץ דעם, איז ער געווען אַ

העלד, א פעלדמאַרשאַל, מען האָט פון אים פאַרלאַנגט נצחונות, אָבער ניט שכל.

מאַריע אויגוסטע האָט אינאָנהויב גערעדט ווייניק. זי איז געזעסן דערבײַ, זייער פירשטלעך אין דער טויבן־גרויער סאַמעט־קלייד, מיט די קליינע, פליישיקע, געפּיעשטשעטע הענט, מאַנירלעך אונטערהאַלטנדיק די אויבערשטע פאַלטן פון דעם מעכטיק־אויסגעבריימן ראָק, ווי דער מנהג האָט פאָרגעשריבן. זייער ווייס האָבן זיך פון פיינע געליינקען אַרויסגערונדעט די אַנטבלויזטע אָרעמס, וועגעדיגער שפּיצן זיינען אַריבערגעפאַלן איבער די עלנבויגנס. מיט דעם מאַטן גלאַנץ פון אַלטן, איידעלן מירמלשטיין האָבן פון אונטער שפּיצן, אַרויסגעלייכט ברוסט און נאַקן, האָט זיך די שלאַנקע האַלז אַרויסגעהויבן. פון אונטער די שטראַלנדיק־שוואַרצע האָר האָט קליין, צירלעך, באַוועגלעך אַרויסגעקוקט דער פאַסטעל־פיינער פּנים, מיט ניט־באַהאַלטענער, גוטגעפעליקער ניײַגעריקייט פון אירע לעבהאַפטיקע, שטראָמענדיקע, אומגעדולדיקע אויגן האָט זי באַקוקט דעם פּרינץ, וועלכער האָט זיך געוויכטיק איינפלאַצירט זייט באַ זייט מיט איר שלאַנקן פאָטער, אומגעהויער ברייט און מענלעך.

דער געהיימראַט פיכטעל האָט דערציילט עפעס אַ העלדישקייט פון קאַרל אַלעקסאַנדער. מאַריע אויגוסטע האָט דערציילט, — און בעת מעשה אָנגעקוקט דעם פּרינץ, — וועגן אַ איטאַליענישער אָפּערע מיטן העלד אַכילעס, וואָס זי האָט געזען אין ווין, און וואו אַכילעס, נאָכדעם, ווי ער האָט אַוועקגעשלעפּט דעם טויטן קערפּער, האָט געזונגען עפּעס זייער אַן איידעלן ניגון. „יאָ“, האָט דער פירשט געזאָגט, „אין יענע צייטן איז מען בכלל איידל געווען“. קאַרל אַלעקסאַנדער איז אַרויסגעשפּרונגען דערמיט, אַז ער טוט אַלץ לויטן אויגנבליקלעכן געפיל און ער גלויבט ניט, אַז ער זאָל פאַרמאָגן אַ צו גרויסע נטיה צו איידלמוטיקייט. די פּרינצעסין האָט אופגעהויבן די אויגן אַפן צורויטלטן פּרינץ, האָט געשמייכלט, אייגנטלעך, איז דאָך גאָרניט געקומען צו רייד וועגן אים. און אַלע האָבן געלאַכט.

מען האָט דערלאַנגט איז־אָפּגעקילטע משקאות, פאַרן קליינעם ווירצבורגער געהיימראַט קאָפע.

אין די אויגן פון דעם בלאָנדן ווירטעמבערגער האָט די טונקל־האָריקע פרינצעסין גאָר באַזונדערס אויסגענומען. טויזנט דונערס! ווען אַזאַנע וועט אָנפירן מיט אַ באַל אין דעם פּאַרוואָרפענעם בעלגראַדער שלאָס, אָט וועלן זיי דאָס מאַכן אויגן, טערקן און אונגאַרן, און דער גאַנצער ווילדער פעבל. דאָס איז אַ גובערנאַטאָרשע, מיט וועלכער מען קאָן זיך ווייזן, אין ווין און אומעטום. און דערצו וועט זי נאָך אַריינברייִנגען די דוקאַטן אַף צו באַנייען דעם חרובן בעלגראַדער שלאָס. אָט דאָס איז אַ פוקס, דער ווירצבורגער, דער ליידאַק, און אַ פריינט, צו אלדי רוחות, אַן אמתער פריינט און אַ גוטער חבר, אים אַזאַ מין זאַך צוצושאַרן. און זי איז ניט נאָר בכבודיק געווען — אַזאַ באַנדיט, ער וויים, וואָס גוט איז — די אויגן, די מויל! דאָס איז שוין איינמאָל אַן אַנטיק. זיין פנים האָט געשיינט, און ער האָט זיך געמוזט איינהאַלטן, כדי פון התפעלות ניט א שנעל צו טאָן מיט דער צונג. פון דער קליינער, געשמאַקפולער האָרנאָדל אין די שטראַלנדיקע שוואַרצע האָר — אָהאָ, וואָס פאַראַ געדיכטע האָר זיי האָבן די רעגענסבורגער, — ביז צו דער אַטלאַסענער שיכעלע, וואָס האָט אָפטמאָל אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם טויבנגרויעם, מעכטיקן סאַמעט־ראָק, — אַ פרינצעסין, און דאָך אַן עפעקטפולע פרוי. זי איז אַנדערש געווען פון דער זויערער דורלאַכערין, דער פרוי פון זיין קוזין, דעם הערצאָג. דאָ וואָלט שוין דער קייזער און די גאַנצע מלוכה זיך ניט געדאַרפט מטריח זיין און שטאַרק בעטן, מען זאָל איר מאַכן קינדער. און ווי קלוג זי פאַרשטייט צו פלאַפלען! ווי זי האָט געדרייט מיט דער צונג, די שעלמע, און ווי זי האָט אים אופגעגעסן מיט די אויגן! אָט דאָס וועט זיין אַ גוטע פּאָרל, ער און זי. עבערהאַרד לודוויג וועט שוין גלאָצן מיט די אויגן. ער, קאַרל אַלעקסאַנדער, האָט ניט נויטיק אָנצושאַפן זיך אַ געלטגיריקע זונה. זיין געזעצלעכע ווייב וועט זיין שענער און בעסער פון דער טייערסטער פרעמדלענדישער מעטרעסע, און זי וועט ניט אויסליידיקן זיין קאַסע, זי וועט איר אָנפילן.

און דער פאַרלאַמענט! די פאַרשאָלטענע בירגער־קאַנאַליעס!

ער האָט הויך זיך אָפּגעעטעמט פֿון אומגעקוואָלענער באַפֿרידיקונג. קראַנק, געל און קראַנק וועלן זיי ווערן פֿון ערגערניש. צוליב דעם אַליין לוינט זיך שוין צו ווערן קאַטויליש.

ער האָט אָנגעקוקט מאַריע אויגוסטע, דער פֿירשט האָט גראָד געשמועסט מיט די אַנדערע צוויי, ער האָט איר אָנגעקוקט מיט דעם תּאוהדיקן, אָפּמעסטנדיקן, פֿאַרגוואַלטיקנדן, פֿאַרווילדערטן בליק פֿון אַ זעלנער, וואָס איז איינגעוואוינט אָן לאַנגע מחזקות אַריינצוקולערן פֿרויענצימער אין בעט. און די פּרינצעסין האָט מיט איר, קליינעם שווער־באַגרייפֿלעכן שמייכעלע, זיך אין דעם בליק אונטערגעטויכט.

באַם אַוועקגיין איז שוין קאַרל אַלעקסאַנדער פֿעסט אַנטשלאָסן געווען צו ווערן אַ קאַטויל.

יוסף זיס האָט דעם שלאָס מאָנביזשו איינגעאָרדנט מיט גרויס פֿאַרשווענדערישקייט. באַזונדערש שטאָלצירט האָט ער מיט דער קליינער בילדער־גאַלעריע און מיט דעם שכנותדיקן געלן זאַל. דעם זאַל האָט צוזאַמענגעשלעפּט ניקלאַס פּפעפֿלע, וועלכער האָט אויפֿגערודערט אַלע הענדלער און בעלי־מלאכות פֿון ווייט און ברייט אַרום.

דעם פֿעלדמאַרשאַלס נייער מקום מנוחה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס פּראַכט און דער פּרינץ האָט געקלאַפּט זיסן איבערן אַקסל: „ער איז אַ מכשף, זיס. און אַף וויפֿל פּייפֿט ער מיר דאָ אָן, באַ דעם געשעפֿט?" דער פּרינץ האָט געשיינט פֿון צופֿרידנקייט. און אַפֿילו נייפֿער, וועלכער האָט אַף אידן אַ צאָן געהאַט, און האָט דורך שטענדיקע קליינע אינטריגעס גערייצט ניקלאַס פּפעפֿלע און אים געזוכט אַרויסצוברייגען פֿון זיין געלאַסנקייט, האָט אויך געמוזט צוגעבן, אַז אַפֿילו ער אַליין וואָלט דאָס אויך ניט בעסער געמאַכט.

אויך געהיימראַט פֿיכטעל, וועמען קאַרל אַלעקסאַנדער האָט באַוויזן די נייע דירה, איידער ער האָט געמאַכט דעם חנוכּת־הבית, האָט שטאַרק געלויבט. אין דער שטיל אָבער האָט ער אין אַלץ איינגעזען אַן איבערכאַפּן די מאָס, אַן אויפֿגעקומענעם געשמאַק, און ער האָט געראָטן דעם פּרינץ פֿון דאָ און דאָרטן עפּעס צונעמען, איבערשטעלן, צו זיין באַלעבאָס. דעם פֿירשט־בישאָף, האָט ער געשריבן, דער פּרינץ האָט זיך געלאָזט איינמעבלירן דורך אַ אידן; עס איז קיין וואונדער ניט, אַז אין זיין שטוב לאָזט זיך פֿילן דער מזרח, און אַז זיין ווילדבאַדער שלאָס שמעקט מער מיט ירושלים, איידער מיט ווערסאַיל.

ענלעכע געפֿילן האָט אויך געהאַט דער אַלטער פֿירשט אַנזעלם פֿראַנץ אַף דעם פֿייערלעכן אָוונט, וואָס קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געגעבן. דער אַלטער פֿירשט, וואָס האָט גרויס ווערט געלייגט אַפֿן גוטן אויסזען, איז געווען אומצופֿרידן צוליב דעם, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פֿאַר דעם אָוונט אַ בלאַסגעלן ראָק, אָבער דער מלבוש האָט זיך ניט גוט צוגעפּאַסט צו דעם בלאַסגעלן הויפּטזאַל פֿון מאָנביזשו. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געלאַד

צו אַ קליינער שפּיל־אָפּערע: „די נקמה פון צערבינעטאַ“, ווייל ער האָט געוואוסט, מאַריע אויגוסטע האָט זייער ליב געהאַט קאָ־מעדיע, מוזיק, באַלעט. זיס האָט אין גרויס איילעניש געמוזט צוזאַמענפּויקן די טרופּע, און דורכגעפירט האָט ער דאָס מיט דער הילף פון זיין מוטער, וועלכע האָט געוואוינט אין פראַנקפורט און געהאַט אַ סך באַציאונגען מיט טעאַטער־לייט.

דער עולם איז געווען אַ קליינער, אָבער אַ גלענצנדער. אין אָנהויב האָט דער פּרינץ געוואָלט באַזייטיקן זיסן, אָבער צום סוף האָט זיין גוטמוטיקייט ניט געקענט שטעלן זיך קעגן די הונגעריקע און הכנעהדיק־בעטנדיקע אויגן פון זיין פאַקטאָר, און צו נייפערס גרויסע שברי־לב איז ער דאָך געקומען. אין הויש־ברוינעם, מיט זילבער באַשטיקטן ראָק, פלינק און גליקלעך, האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן די געסט. פּונקט ווי דער גאַנצער באַל וואָלט איינגעאָרדנט געוואָרן פון זיין כבוד וועגן, האָט ניי־פער געסמט.

מער פון אַלעמען האָט אָבער געצייגן אויף זיך אַלעמענס בליקן מאַריע אויגוסטע, וויינרויט, אין אַטלאַס און בראָקאַט אָנגע־טאָן. אַרום איר ברוסט האָט זיך שטאָלץ געוויקלט די שאַל פון דעם טורן און טאַקסישן הויז־אָרדן, אויף די אופגעפופטע אַרבל האָט זי געטראָגן, אין דיאַמאַנטן איינגעראַמט, דעם שטערן, וואָס דער קייזער האָט איר געגעבן אַ מתנה. גערעדט האָט זי ווייניק. אָבער דער פּרינצעסין פון קורלאַנד און דער טאָכטער פינגם גע־זאַנדטן פון די גענעראַל־שטאַטן — זיי ביידן האָט זי מיט אונטער־טעניקסטער ליבנסווירדיקייט באַגריסט, ווי עלטערע פון זיך — האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון אַלע ווינקעלעך דערטראָגט זיך צו זיי די קינדישע, קלינגעדיקע שטים. זיי האָבן זיך אַ נדר געגעבן, אין קיין געזעלשאַפט מער ניט צו זיין מיט דער רעגענסבורגעריו, און בכלל וועלן זיי שוין אין די נאָענטסטע טעג פאַרלאָזן ווילד־באַד. ביידע האָבן זיי, אומאָפּהייענגיק איינע פון דער אַנדע־רער, באַשלאָסן דאָס זעלביקע און זיס האָט יעדע פון די ביידע דאַמען מיט גלייכע ווערטער פאַרזיכערט אין דעם, ווי טרייסטלאָז ער וועט דעמאָלט זיין.

מען האָט גערעדט וועגן דער לעצטער ידיעה, וואָס עס איז אָנגעקומען פֿון שטוטגאַרט: דער הערצאָגין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי איז מעוברת. הייבאַמען און דאָקטוירים האָבן איר געשטיצט אין איר גלויבן, די קאָנסיסטאָריע האָט שוין מתקן געווען ספּעציעלע תּפֿילות פֿאַר איר. און תּמימותדיקע מענטשן האָבן מיט התפּעלות באַקוקט דעם אויסגעטריקנטן דאָרן אין איינזידל, וואָס הערצאָג „עבערהאַרד מיט דער באָרד" האָט אַמאָל פֿאַרפֿלאַנצט נאָך זיין צוריקקער פֿון פּאַלעסטינע און וואָס האָט איצט פּלוצלינג אָנגעהויבן פֿונדאָסניי צו בליען. אַ מזלדיקער סימן!

געהיימראַט פֿיכטעל האָט גערעדט אַ ביסל ניבול-פּה וועגן עבערהאַרד לודוויג און זיין זויערן, פֿון דעם קייזער באַפֿוילענעם, ליבעסגליק; די פֿריינטשאַפֿט פֿון בראַנדענבורג צו ווירטעמבערג איז שטענדיק געווען אַ ספֿקדיקע, און אויך אין דעם פֿאַל האָט דער פּרייסישער קיניג, דער שדכן, אים אַ קנאַפּע טובה געטאָן. גענומען פֿאַרגלייכן די פּרטים פֿון דער הערצאָגינס קערפּער-געביי מיט דער געשטאַלט פֿון דער פֿאַרטריבענער גרעוועניץ. די מענער, וואָס זיינען געזעסן אין ווינקעלע, אַרום דעם געהיימראַט, האָבן זיך באַלעקט, דער פּנים פֿון פֿירשט איז פֿול געוואָרן מיט יצר-הרעדיקע פֿעלטעלעך. די דאַמען האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער סיבה פֿון אַזאַ פֿריילעכער שטימונג. זיס האָט איבערדערציילט. אַ פֿאַרשטיקטער געלעכטערל. מען האָט גענומען דעם אידן אַפֿן שוואונק בנוגע דעם בליען פֿונם פּאַלעסטינער דאָרן. אַלע האָבן הילכיק געלאַכט, אפילו דער שווער-באַגרייפֿלעכער שמייכעלע אַף מאַריע אויגוסטעס פּאַסטעל-פּנים האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אין אַ האַרציק-שאַלנדיקן געלעכטער.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געחוזקט: „אַ שיינער מכשף, דיין פֿעטער! דער ירושה-פּרינץ גליקלעך פֿאַרהייראַט, דער אַלטער הערצאָג בריינגט אַף דער וועלט אַרויס אַ צווייטן יורש. האָסט מיר פֿיין אָנגעפּיפּן מיטן כּישוף-מאַכער דיינעם".

מאַריע אויגוסטע האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נאָענט ניט אָנגעזען אַ לעבעדיקן אידן. מיט אַ דערשראָקענער נייגעריקייט האָט

זי זיך נאָכגעפרעגט: „שעכט ער אויך קינדער?" „זייער זעלטן נאָר", האָט געהיימראַט פיכטעל איר געטרייסט, „בכלל דרייט ער זיך בעסער אַרום רייכע פריצים". מיט אַ פאַרזאָרגטן פנים האָט די פרינצעסין זיך געוואָלט דערוויסן, אויב די אידן, וואָס האָבן געקרייציקט קריסטוסן, האָבן אויך אַזוי אויסגעזען. דער איז דערביי. בלי ספק, ניט געווען, האָט דער געהיימראַט פאַרזיכערט.

פירנדיק אַ קלוגע טאַקטיק, האָט זיס וואָס וויניקער זיך געשטופּט אין קרייז פון דער פרינצעסין, און האָט זיך באַגנוגנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט איר פון אַ רעספּעקטפולן מהלך באַוואונדערט מיט זיינע הייסע, געוועלבטע אויגן. נאָך דער אָפּערע האָט זי אים צוגעלאָזן זיך פאָרצושטעלן פאַר איר. מיט זיין גרענעצלאָזער הכנעה האָט ער באַ איר אויסגענומען. „ער איז דאָך גאָר אַזוי ווי אַלע מענטשן", האָט זי פאַרחידושט געזאָגט צו איר פאָטער. קאַרל אַלעקסאַנדער איז אין אירע אויגן אויסגעוואַקסן העכער, צוליב זיין פיינעם, גאַלאַנטן הויף־ און לייב־אידן. אפילו באַלד נאָך דעם ערשטן קוש, בעת קאַרל אַלעקסאַנדער איז נאָך איבערפילט געווען מיט דער וואַרימקייט פון איר קליינעם, פולן מיילכעלע, האָט זי געשמייכלט, זיך צורעכטגלעטנדיק איר קלייד: „וואָס פאַראַ געפעליקן הויף־איד דער פרינץ האָט!" דערביי האָבן זיי פאַרלאָזן דעם קליינעם קאַבינעט און זיך צוריקגעקערט אינם הויפטזאַל.

אגב האָט דער פרינץ, געענווי ניט ווייסנדיק וואָס און ווען, געהאַט עפּעס אַ געפיל, אַז אָט דער ווילדער און גוט אויסגעפירטער קוש, מיט וועלכן זי האָט אים איצט באַשאָנקען, איז באַ איר ניט געווען דער ערשטער.

אין דער עלף=קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט איז מען געווען שלעכט געשטימט. די ידיעה וועגן דער הערצאָגינס מעוברת=זיין איז געווען מער ניט ווי אַ טעות, און איצט איז נאָך אָנגעקומען די בשורה פון פּרינץ קאַרל אַלעקסאַנדערס באַפּאָרשטייענדיקן פאַרקנסן זיך מיט אַ קאַטוילין און זיין אַריבערגאַנג — די יעזואיטן האָבן דאָס אין זייער חוצפּה אָנגערופן שמד — צו דער רוימישער קירך. אויב מען האָט געוואָלט זיין ערלעך ביזן סוף האָט מען געמוזט צוגעבן, אַז מען איז אַליין אויך ניט אינגאַנצן אומשולדיק אין דעם פאַרדראָסלעכן גלויבן=אויסבייט פון דעם פּאָפּולערסטן מאַן אינם הערצאָגטום.

דער פּרעלאַט ווייסענזע האָט, שוין בײַ די ערשטע ידיעות וועגן דעם פּרינצס פּאַרקער מיט די רעגענסבורגער, באַלד דערקענט די פּעדים, פאַר וועלכע דער ווירצבורגער הויף און זיין פּריינט פיכטעל האָבן געצויגן דעם ווירטעמבערגער. מיט אַ געפעליקן שמייכעלע האָט ער אָנערקענט די פיינע סטראַטעגיע; אָבער בײַ דיעם שפּילעוודיקן, בלוטאָרימען אינטערעס, מיט וועלכן ער האָט באַטריבן זיין פּאָליטיק, האָט ער דעם אָפּפאַלן פונם פּרינץ זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרויסגעזען, אַז אין דער פּאַרלאַמענט=קאָמיסיע וועט מען אים קרום אָנקוקן, ווייל ער איז געווען דער הויפּט=שולדיקער, וועלכער האָט אַרײַנגעטראָגן דעם פּאָרשלאַג וועגן אָפּזאָגן אין דער הלוואה. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער, מיט זיין רייפן שכל, וועט זיי אַלעמען איבערצייגן, און ער האָט צוגעגרייט פאַר זיך אַן איינדרוקספולע פאַרטיידיקונג. אַחוץ דעם, איז ער טאַקע זיכער געווען, אַז דער אַריבערגאַנג פון דעם פּרינץ האָט, פּראַקטיש, זייער אַ נישטיקן באַטייט. די האָפענונג אויף דער הערצאָגינס מעוברת=זיין האָט אַפילו געפּלאַצט, אָבער צווישן דעם פּרינץ און דעם טראָן זיינען נאָך אַלץ געווען אסך מניעות. ער האָט זיך געשטעלט די קשיא, אויב ס׳האָט זיך געלוינט, צוליב אַזאַ מין אומבאַשטימטער אויסזיכט, אַוועקצולייגן אַזוי פיל טרחה, ווי די יעזואיטן האָבן אָנגעווענדט אויף אַריבערצובאַקומען דעם פּרינץ, נו יאָ, דער הערצאָגטום און זיין פּאַרלאַמענט זיינען געשטעלט געווען

נאָר פּאָר בלויזע פּאַקטן, זיין פּאָליטיק איז בכלל געווען קורצ־טערמיניק; אָבער די קאַטוילישע קירך, און ער האָט מיט קנאה זיך אָפּגעזיפּצט, איז דאָך געווען אַזוי אַלט, אייביק ווי אַ פעלז, די יעזואיטן איז גוט געווען, זיי האָבן געקענט טרייבן יאָרהונדערטן־פּאָליטיק, אַף לאַנגע צייטן, פאַר די קומעדיקע דורות.

אין דער עלף־קאָמיסיע האָט מען תחילת סתם געשאָטן אַפן פּרינץ גראָבע און נאַרישע זלזולים, אַזוי ווי שוואַרצן מאָן, נאָכדעם האָט יאָהאַן היינריך שטורם, דער פּרעזידענט און ערשטער סעקרעטאַר, אַן ערנסטער, מיושבדיקער, גלאַטער מענטש, אַ סוף געמאַכט צו דער צוועקלאָזער, ניט־זאַכלעכער זידלעריי און האָט פאַרלאַנגט קלאָרע דיבורים. דער גראָבער בירגערמייסטער פון בראַקענהיים האָט אָן הינטערפּיסלעך דערקלערט, אַז אייגנטלעך איז ווייסענזע שולדיק אין אַלץ, און זיין חוב איז איצט דאָס אויסגעלונקענע פונדאָסניי אויסצוגלייכן.

ווייסענזע האָט, מיט אַ שמייכל און אַזוי אגב אורחא, איינגעפונען, אַז שטאַרק איז דאָ גאָרנישט ניט אויסגעלונקן, נאָכדעם, ווי דער פּרינץ האָט אַזוי איינס־צוויי זיך געקענט אָפּשמדן, האָט דער אמתער גלויבן סיווי ניט פיל פאַרלאָרן אין אים. פאַר די קאַטוילישע קירך האָט זיין איבערטריט נאָר אַ פּראָפּאַגאַנדע־ווערט. דעם פעלדמאַרשאַל ווידער קען מען גראַטולירן, וואָס ער איז סוף כל סוף אַרויס פון דעם שטענדיקן געלט־קלעם און ער וועט מער ניט פאַלן צולאַסט דעם פאַרלאַמענט. און ערנסט קלערן וועגן אַנדערע פּראַקטישע פּועל־יוצאס איז דאָך בלי־ספק קיינעם פון דער גאַנצער חשובער פאַרזאַמלונג אַפילו ניט איינגעפאַלן.

אָבער דער גראָבער בראַקענהיימער איז געבליבן באַ דאָס זייניקע: אויב אַפילו די הערצאָגלעכע פּאָר איז נאָך געזונט קרעפּטיק, און אויסזיכט אַף קינדער איז נאָך געווים פאַראַן, אויב אפילו אַ יורש איז אויך דאָ, אָבער עס איז דאָך נויטיק צו דער רעכטער צייט אָבצונעמען מיטלען קעגן דער ווייטזיכטיקער פּאָליטיק פון רוים.

פאַרוואָס ניט? האָט ווייסענזע אַזוי פון אויבן אוף דער־

לאַנגט אַ זאָג. געווים קען מען, אין געהיים און לחלוטין אָן שום התחייבותן, אַף יעדן פאַל נאָר, זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם פרינצס ברודער, פרידריך הײַנריך. מצד אָטדעם פרומען און באַשיידענעם מענטשן האָט קיין שום סכנה ניט געדרויט, ניט דער יעוואַנגעלישער פרײַהייט און ניט דעם פירשטלעכן שטאָלץ.

אַף די עלף האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ קלעמעניש, אַ שטילשווייגן, אַ ישוב הדעת. האָט דען דאָס ניט געשמעקט אַפילו מיט בגידה? אַף יעדן פאַל נאָר, געווים, אָן התחייבותן פונדעסטוועגן...

דער פאָרזיצער און ערשטער סעקרעטאַר, שטורם, דער גראַדליניקער, ערלעכער מענטש, שטאַרק צוגעבונדן צו זײַן פאָטערלאַנד, האָט פײַנט געהאַט אַזעלכע יעזואיטישע מיטלען. ער האָט געוואוסט, אָן זיי קען מען ניט אויסקומען, אָבער נאָר אין אויסערסטער נויט. נאָר דעמאָלט, נאָר דעמאָלט.

דער פאַרלאַמענט-יוריסט, הויפּגעריכט-אַסעסאָר פייט לוד-וויג נייפער, האָט נישט געוואָלט וויסן פון אַזעלכע פלענער. דער יונגער מענטש, מיטן בײַנערדיקן, פינסטערן פנים, די שוואַרצע פאַרקאָלטנטע האָר טיף אין שטערן אַרײַנגעוואַקסן, איז פאָרדעם געווען אַ ווילדער שונא פון אַלע פירשטן און אַ הייסער פרײַנט פון פאָלק-פרײַהייטן, מיט זײַן שוועסטערקינד, דעם קאַמערדינער באַם פרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער, איז ער מיט זלזולים און חוזק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זיי זײַנען צוזאַמען אויפגעוואַקסן אין שטוב, באַם שפּילן און אין שול. איצט אָבער, האָט ער שוין צופיל געזען, ער האָט זיך מיט וואָרטשן אונטערגעגעבן, די בייז איז אַ נויטווענדיקייט געווען, ער האָט כמעט ווי געלעכצט נאָך דעם, געלעכצט מיט דעם גרימצאָרניקן, צושטערנדיקן דאָרשט נאָך באַשטעטיקונג, נאָך אַלץ מער באַווײַזן פאַר זײַן ביטערן וויסן. יאָ, וואָס שייך דעם ווילדבאַדער אופהאַלט, האָט ער פונדאָסניי זיך געזען מיט זײַן קוזין, דעם קאַמערדינער, און ער האָט מיט אים שלום געמאַכט אַף אַ משונהדיקן, חוזקדיקן, בייסיקן אופן. יענער האָט דאָך רעכט געהאַט, קלאָר, אַז דאָס איז

געווען אַזאַ געזעץ פון דער נאַטור, דאָס האָט שוין אַזוי געמוזט זיין: עטלעכע געציילטע זיינען געשטאַנען אויבן, און אַלע איבעריקע זיינען געווען ניט מער, ווי מנובלים, טעלערלעקער. אַ קאַטויל אַפן ווירטעמבערגער טראָן? גוט אַזוי, דאָס איז טאַקע געווען די פירשטלעכער רעכט, דער געטלעכער ווילן און דער המון, צו אַלדי רוחות, האָט געמוזט בוקן זיך און שווייגן.

דער בויגעווודיקער וויסענזע האָט גערעדט ווייטער, אַלץ אַזוי אַגבדיק און פאַמעלעך. בעלגראַד איז ווייט, דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם נאָר טעאָרעטיש, פר. בלעמאַטיש. וועגן פאַרזיכערן זיך באַ אַ מעגלעכן פאַל. פאַרשטייט זיך, קיין שריפטלעכן דאָקומענט טאָר מען פון דער האַנט ניט אַרויסגעבן. און אַף דער מיטהילף פונם קאָרפּוס עוואַנגעליקאָרום*) מעג מען דאָך אַוודאי האָפן.

אין די שאַרבנס האָט שטייף, ווילד און שווערפעליק געגליווערט אַן אומווילן. אַפילו די ווייטסטע מעגלעכקייט פון אַ קאַטוילישן הערצאָג איז געווען אומבאַגרייפלעך, אומדערטרעגלעך. האָט קראַנק געמאַכט. אַ קאַטוילישן פירשט האָט מען זיך אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, ווי אַן אכזר, אַ דעספּאָט. און דערצו נאָך אָטדער, מיט זיינע באַציאונגען צום ווינער הויף, דעם פאַרביטערטן שונא פון יעטווידער גלויבנספרייהייט, פון יעטווידער פאַרלאַמענטאַרישער זעלבסטשטענדיקייט. די שיינע פרייהייטן! זיי עלף, וועלכע זיינען דאָ געזעסן, זיי זיינען געווען די פרייהייט. איצט האָט זיי דער קאַטוילישער פרינץ געשטעלט אין סכנה, זיי גופא, זיי פערזענלעך.

מ'האָט באַשלאָסן, וויסענזע זאָל פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן ברודער פונם פעלדמאַרשאַל, מיט דעם שטילן, פּראָטעסטאַנטיש, ניט-געפערלעכן פרינץ פרידריך היינריך. אָבער לחלוטין פריוואַט און לחלוטין אָן התחייבות און בסודי-סודות.

---

*) געשלאָסענע קאָרפּאָראַציע פון דייטשע פּראָטעסטאַנטישע פירשטן.

אין רעגענסבורג, אין דעם חופּה־טאָג פון קאַרל אלעקסאַנדער, גלאָקן־קלאַנג, ווירויך, אַ גלענצנדע פאַרזאַמלונג, דער קייזער האָט צוגעשיקט א שליח, דער פּויפּסטלעכער נונציוס, פּאַסיאָנעאי, איז דאָ אויך געווען, מיט אַן אייגנהענטיקן שרייבן פונם הייליקן פאָטער, דער פירשט־בישאָף פון ווירצבורג, די בעסטע פאָרטרעטער פון דער קייזערלעכער ארמיי, צווישן זיי קאַרל־אַלעקסאַנדערס בעסטער פריינט, גענעראַל פראַנץ־יאָזעף רעמכינגען, דער יעזואיטן־האָדעוואַניק, זיין רויטע, געשוואָלענע, גזלנישע צורה האָט פאַרשיכּורט אַרויסגעקוקט פון אונטערן ווייסן פאַריק.

ניטאָ קיין שענערע חתן־כּלה אין דער גאַנצער רוימישער מלוכה. דער פּרינץ שלאַנק ווי אַ צעדער־בוים, פּרעכטיק, מיט דער פעלדמאַרשאַל־רוט אין האַנט, מיטן אָרדן פון גאָלדענעם שעפּסנפעל. מאַריע אויגוסטע, מיטן קליינעם, שיינעם קאָפּ, לייכטנדיק אין גלאַנץ פון אַלטן, איידעלן מירמלשטיין, איבער ווייסן אַטלאַס און בראָקאַט, איבער דער ברוסט די שאַל פון דעם טורן און טאַקסישן הויז־אָרדן, אַף די אופגעפּופּטע אַרבל דעם קייזערס שטערן אין בלאַסן גאָלד, אין האַלז־אויסשניט דער צלם פון פּויפּסטלעכן אָרדן. מיט אַ לייכט־שוועבנדיקן טריט, אונטער דער כּלה־קרוין, א וואונדערווערק פון דער יוּוועליר־קונסט, וואָס זים האָט איבער גאַנץ אייראָפּע צוזאַמענגעשטערט איינצלנע חלקים פאַר איר, האָט זי געטראָגן אין דאָס אַריין איר יונגן, שווער־באַגרייפלעכן שמייכעלע.

זי איז לחלוטין רואיק געווען און אַף דער גאַנצער פייערלעכקייט און ערנסטקייט האָט זי געקוקט, ווי אַף עפּעס אַ קאָמעדיע. מיט דער נאָכלעסיקער נייגעריקייט פון אירע אופמערקזאַמע אויגן האָט זי באַטראַכט די געסט און אין דער צייט, וואָס דער בישאָף האָט איר באַגריסט דערמיט, וואָס זי האָט געוואונען פאַרן קאַטוילישן גלויבן דעם גרויסן טערקן־באַזיגער, דעם מלחמה־לייב, האָט זי זיך געטראַכט, אַז געהיימראַט פּיכטעל וועט בעת דער מאָלצייט זיך מיט זיין קאָפּע פרייען מער, ווי מיט אַלץ, און ווי לעכערלעך עס איז, וואָס דער איד שטייט אין דאָס אַזוי צערעמאָניעל. איבעריקנס, איז ער גאַנץ פיין און געשליפן און ער זעט לחלוטין

ניט אויס ווי אַ שרעטעלע, ווי זי האָט פריער זיך אויסגעמאָלט אַ אידן. אייגנטלעך, זיינען זיינע מאַנזשעטן נאָך מאָדערנער, ווי בײַ איר מאַן. קאָמיש, איצט, הייסט עס, האָט זי שוין אַ מאַן. און געוויס וועט איצט דער איד מיט די פלינקע אויגן פון זיין ווייסן פנים אַרויס זיך איינעסן אין איר נאַקן אונטער דעם שלייער.

און עס האָבן יום־טובדיק געפלאַקערט די ליכט, עס האָט געבראַוזט דער אָרגל, עס האָבן זיך געהויבן וואָלקנס ווייַרויך, עס האָבן זיך תּפילהדיק געריסן צום הימל אינגלשע קולות.

אַפן אַנדערן טאָג, בעת מען האָט מיט זילבערנע טרומייטן גערופן צו דער מאַלצייט, איז די יונגע פּאָרל אַרויף אַף דער יאַכטע, אַ מתּנה פון דעם פירשט, מיט וועלכער זיי האָבן געוואָלט פאָרן אַראָפּ דעם דונאַי־טייך. זיי זיינען געפאָרן מיט אַ גרויסער סוויטע, יעגערס, דינערס, הײַדוקעס, דינסטן. אַפן פאָדער־שפּיץ פון שיף איז געזעסן, די פיס אונטער זיך, אָטמאַן, דער שוואַרצברוינער, האָט מיט אוראַלטע, אָנגרונטיקע חיהשע אויגן געגלאָצט אַפן שטראָמען פון טייך.

אַפן ברעג זיינען געשטאַנען דער פירשט, דער ווירצבורגער בישאָף, געהיימראַט פיכטעל, וויטער אַף הינטן צו, צווישן זיי און די דינערס, יוסף זיס. אַ לייכטער ווינטל האָט געווייט, די לופט איז געווען קלאָר און לינד, מען איז געווען פרײַלעך געשטימט. אין דער צייט וואָס מען האָט אַרופגעצויגן די אַנקערס, זיינען פון ברעג צו דער שיף און צוריק געפלויגן גלייכווערטלעך. מאַריע אויגוסטע איז געשטאַנען אין אַ העלער, לוסטיקער רייזע־קלייד, האָט, פאַרשטעלנדיק די אויגן, געקוקט אַפן פאַרלאָזענעם האַפן. דער פירשט און דער געהיימראַט האָבן זיך שוין אָפּגעקערט, די לעצטע, וועמען זי האָט געזען, זיינען געווען דער יעזואיט, מיטן כיטרען, צופרידענעם פנים, און דער איד, עלעגאַנט, אין אַ פּאָזע פון גרענעצלאָזער הכנעה.

„איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט", האָט זי געשמייכלט צו קאַרל אַלעקסאַנדער, „אַז עמיץ זאָל זיין אַזוי עלעגאַנט און

דערבּיי אַזוי בּאַשײדן, ווי דײַן גוטער איד״! „דער גוטער איד״!, האָט דער פּרינץ הילכיק זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. „שטעט און דערפֿער וואָלט מען זיך געקענט איינקויפֿן פֿאַר דעם מטמון געלט. וואָס ער האָט אונז שוין בּאַשווינדלט״. און דערזעענדיק איר פֿאַרחידושטן פּנים, האָט ער דערקלערט: „דאָס איז זײַן רעכט. דערפֿאַר איז ער דאָך אַ איד. אָבער ער איז זייער נוצלעך״, האָט ער צוגעגעבּן מיט אָנערקענונג; „ער פֿאַרשאַפֿט אַלץ, יואווועלן, מעבּל, דערפֿער, מענטשן, אַפֿילו אַלכימיע און שוואַרצע קונסט״. לאַכנדיק האָט ער איר דערציילט די געשיכטע מיט ר׳ גבריאל. „דערמיט האָט ער מיר פֿײַן אָנגעפֿירט, דײַן גוטער איד. אַ קרוין! דער טראָנפֿאָלגער איז געזונט ווי אַ שטיין. ווען ער האָט מיר זײַן מזל־טוב געשיקט, איז ער געווען אַף יאַגד. און דער הערצאָג, ווי זויער זײַן הערצאָגין זאָל אויך ניט זײַן, אויבּ דער שד וועט נאָר וועלן, וועט זי נאָך בּאַקומען קינדער, ווי די קראָליקעס״. און ער האָט הילכיק געלאַכט און איר געפּאַטשט איבּערן האַנט. פֿאַר דער צײַט, וואָס די שיף האָט זיך אין לײַכטן ווינטל געגליטשט איבּער בּלויגרינע כוואַליעס צווישן לוסטיקע בּרעגעס.

אַפֿן פֿאָדערשפּיץ איז געזעסן דער שוואַרצבּרוינער און האָט, זיך ניט רירנדיק, געקוקט צו מזרח צו. פֿאַר די אויגן פֿון דער פּרינצעסין זײַנען נאָך געשטאַנען די לעצטע בּילדער פֿון דער היים, דער בּיטרע־לוסטיקער פּנים פֿון דעם יעזואיט און דער שקלאַפֿיש־עלעגאַנטער פֿון דעם איד.

איידער נאָך זיי האָבּן דערגרייכט דעם סערבּישן גרענעץ, האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שליח פֿון זיס. „ער האָט אַזאַ וויכטיקן ענין, דער איד״, האָט מאַריע אויגוסטע געלאַכט. „וואָס האָט אים דאָרטן אַזוי אָנגעבּרענט צו פֿאַרקויפֿן?״

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט אויפֿגעריסן די דעפּעש, געלייענט. דער טראָנפֿאָלגער איז געשטאָרבּן, אומדערוואַרט, אַף אַ בּאַל אין שטוטגאַרטער הויף!

ער האָט דערלאַנגט דעם בּריוו דער פּרינצעסין. די בּלוט

איז אים אַריין אין קאָפּ. ער האָט געהערט אַ סקריפּעדיקן, שלעכטגעשטימטן קול. דורך זיינע אופגעווירבלטע בלוטן האָט ער געזען איבער פאַרטריבט־גרויע, אומעטיקע אויגן דריי קורצע, טיפע פאַלטן, התראהדיק, גרוויליק, ווי אַ פרעמדער, פאַרשלאָסענער אות.

צווייטער בוך

דער המון

צוויי און זיבעציק שטעט און פירהונדערט דערפער האָט דער הערצאָגטום ווירטעמבערג פאַרמאָגט. ס'איז געוואַקסן תבואה פירות, וויין. ווירטעמבערג איז געווען דער שיינער, איידעלער, גאָרטן פון דער רוימישער מלוכה. פרייגטלעך, גוטווילִיק, מונטער, לעבעדיק זיינען געווען די בירגער און די פויערים. זיי זיינען פול שמחה געווען, ווען זיי האָבן געהאַט אַ גוטן פירשט; און ווען זייער פירשט איז געווען אַ שלעכטער, איז דאָס שוין אַזוי באַשערט געווען מן השמים. אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. יעדער ווירטעמבערגער מאַן, ווייב, קינד, האָט געצאָלט צען גאָלד-גילדן שטייער אין דער הערצאָגלעכער רענטן-קאַסע.

איז דער הערצאָג גוט געווען, איז ער שלעכט געווען — די זון האָט געשיינט, ס'האָט גערעגנט, ווייץ איז געוואַקסן, וויין האָט געדייט, מזל און ברכה האָט געהערשט אין לאַנד.

אָבער פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן פעדים. הענט האָבן זיך געריסן, אויגן האָבן זיך איינגעגעסן, פון אַלע זייטן האָט זיך געשפּונען אַ שפּינגעוועב איבער דער מדינה.

אין פּאַריז איז מיט זיינע מיניסטערס געזעסן לודוויג דער פופצנטער. אַ חלק פון ווירטעמבערג, די גראַפשאַפט מעמפעלגאַרד, איז געלעגן איינגעקרייזט אין זיין געביט, און ער האָט נאָר גע-וואַרט אַף דעם איר צו פאַרשלינגען. אין בערלין איז געזעסן די גרעפין, האָט אינטריגירט צוזאַמען מיט דער מלוכה-ריטערשאַפט. אין פראַנקפורט און היידעלבערג האָבן יצחק לאַנדויער און יוסף זיס געלאָקערט אָנצוטאָן דעם הערצאָגטום אַ נייעם שטייער-יאָך. דער מלוכה-סעקרעטאַר פון פויפּסט האָט געוועבט פעדים פון רוים קיין ווירצבורג, צום פירשט-בישאָף, כדי אַרונטערצואוואַרפן ווירטעמבערג אונטער דער ממשלה פון פויפּסט. אין ווין האָבן די קייזערלעכע ראַטן געזוכט אַרויסצובאַקומען פון דעם טראָנפאָלגער,

דעם קאַטויל, דעם קייזערס פעלדמאַרשאַל, נייע אָפּמאַכן פאַרבינדונגען צווישן שטוטגאַרט און ווין, פון רעגענסבורג האָט מיט זשעדנע אויגן אַריבערגעקוקט דער אַלטער פירשט פון טורן און טאַקסיס און אין בעלגראַד האָט דער פעלדמאַרשאַל קאַרל אַלעקסאַנדער און רעמכינגען, זיין פריינט און גענעראַל, זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פלענער.

זיי אַלע זיינען געזעסן אין אַן עיגול, געוואַרט, מיט אומצוטרוי געוואָרפן אויגלעך איינער אַף דעם אַנדערן, פאַרוואָרפן איבער דער מדינה גרויסע, שטומע שאָטנס.

און די זון האָט געשיינט, עס האָט גערעגנט. ווייץ איז געוואַקסן, פירות, ווין. מזל און ברכה האָט געהערשט אין לאַנד.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער איז פּלוצלינג אָפּגע־שטאָרבן, אויך אַזוי פּלוצלינג, ווי אַלע זיינע באַשלוסן און מעשים זיינען געווען, עבערהאַרד לודוויג, מיט גאָטס חסד הערצאָג פון ווירטעמבערג און טעק, גענעראַל־פעלדמאַרשאַל פון דער רוימי־שער קייזערלעכער מאַיעסטעט, פון דער הייליקער רוימישער מלוכה און פון דער ליבווירדיקער שוואַבישער מדינה, אויך קאָ־מאַנדיר פון דריי פאָלקן רייטער און פוסגייער.

ער איז געלעגן אין אַ גרויסן אָרון, דער פּנים בלווילעך־געל פון לונגען־ליחות, אין פולער אוניפאָרם מיט אַ סך אָרדנס, אַרום אים פילצאָליקע ליכט, צוקאָפּנס און צופוסנס אַף דער טויטן־שמירה צוויי לייטענאַנטן. דערשלאָגן, פאַרשטויבט און זויער האָט אין דעם גרויסן, פאַרשוויגענעם רוים געהאָקט יאָהאַנאַ עלי־זאַבעטע, די הערצאָגין. איר טריאומף איז אַזוי קורץ געווען. און וואָס דער מאַן, וועמען זי האָט נאָך אַזאַ לאַנגן פאַרביסענעם וואַרטן, און מיט אַזוי פיל בלוטיקן שוויים, אויסגעקעמפט, איז איצט, אינגאַנצן נאָך עטלעכע חדשים געלעגן בלוי און טויט און דערשטיקט. דאָס האָט יענע אים פאַרשאָלטן, די מעקלענבורגערין, די מכשפה, די טמאה. אָבער זי איז דאָ געזעסן, זי אַליין, ניט די אַנדערע. ווער עס וועט להבא זיין הערשער אין ווירטעמבערג, איז איר אינגאַנצן קיין חילוק ניט געווען. מסתמא דער קאַטויל, מיט זיין שטאָלצער, לייכטזיניק־אויסגעפּוצטער ווייבל. אָבער אַלץ איז איר חרוב געווען, איר האָט גאָרניט אינטערעסירט. איר איז נאָר איין אַרבעט געבליבן אַף דער וועלט: צו פאַרקאָבן די גערדיכטע געקעכטס פון איר נקמה. די קרובים פון דער ארורה זיינען נאָך אַלץ געזעסן באַ די קהלשע שיסלען פון הערצאָגטום, זי אַליין האָט זיך נאָך גע־פרעגלט אין רייכקייט און גלאַנץ, דורך הונדערטער קליינע קאַ־נאַלן, דורך די פאַרוואַלטער פון אירע לענדערייען, דורך אירע פאַרשאָלטענע אידן, האָט נאָך אַלץ אויסגענאָגט די עצמות פון דער מדינה. איצט אָבער, ווען עבערהאַרד לודוויג איז טויט, האָט זי שוין מער קיין שוץ ניט געהאַט. מער איז שוין ניט געווען קיין איינזעעניש. די הערצאָגין וועט באַ דעם נייעם הערצאָג, באַם

קייזער און בײַ דער מלוכה פֿונדאָסניי אויפֿהייבן קעגן איר אַן אָנקלאָג אויף טויט־שטראָף. זי האָט איר דאָך געוואָלט אומברענגען, זי האָט אַרויפֿגעבישופֿט דעם טויט אויפֿן טראָנפֿאָלגער, אויפֿן הערצאָג. זי וועט איר ניט אָפּלאָזן; זי וועט ניט מאַכן קיין רעש, אָבער איר צאָרניקע שטים וועט ניט אַנטשוויגן ווערן, ביז יענע וועט ניט בלייבן שטיין נאַקעט און אין שמאַטעס און אין איר גאַנצער חרפּה. אַזוי איז זי געזעסן בײַ דעם שטאָלצן אָרון, גרוי און דערשלאָגן, און האָט אַרומגעדרייט אין האַנט די אָרעמע רעשטלעך פֿון איר לעבן, און די שווערע בלומען פֿון די טרייבגאָרטנס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע ריחות, און די גרויסע ליכט האָבן געשימערט, און די לייטענאַנטן זײַנען געשטאַנען מיט בלויזע שווערדן און געהאַלטן שמירה בײַ דעם טויטן.

ווען די העראָלדן האָבן מודיע געווען וועגן דעם הערצאָגס שטאַרבן, האָבן די בירגער אַראָפּגענומען זייערע היט, פֿאַרכאַפּט געוואָרן, איצט, ווען דער הערצאָג איז שוין טויט געווען, האָבן זיי בולטער דערזען זײַן חשיבות, זײַן לײַטזעליקייט, זײַנע זעלנערישע מעלות, זײַן פּראַכט, זײַן עלעגאַנטקייט און דעם גאַנצן עלנט פֿון זײַן ממשלה זײַנען זיי נוטה געווען צוצושרײַבן דער גרעפֿין און איר כּישוף. זי איז שולדיק געווען ניט נאָר אין דעם, וואָס פֿון דער מדינה איז אַזוי פֿיל געלט אויסגעפּרעסט געוואָרן, מען האָט אויך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר כּלערליי קללות און איר צוגעוואונטשן אַלע קרענק צוליב דעם. וואָס דער אָנזען פֿון דער פֿירשטלעכער הויז איז צוליב איר אין גאַנץ דײַטשלאַנד געפֿאַלן און עס זײַנען צושטערט געוואָרן אַ סך גוטע געלעגנהייטן אויף צו באַקומען נײַע רעכטן און פּריווילעגיעס: ווײַל כּדי ניט צו דערצאָרענען דעם קייזערלעכן הויף, האָט מען אומעטום געמוזט אײַנווירקן זייער פֿאַרזיכטיק און פֿאַמעלעך, און אַחוץ דעם האָט צו דער רעכטער צײַט כּמעט שטענדיק אויסגעפֿעלט די נויטיקע דערצו געלט. און אַלץ טיפֿער איז געזונקען אין קויט דער בילד פֿון דער גרעפֿין, און אַלץ לויכטנדיקער האָט זיך אַרויסגעהויבן דער הערצאָג, און די ווײַבער האָבן זיך געווישט די אויגן: אָי־אָי־אָי, און אַזוי פּרעכטיק איז ער געווען, און אַזוי פֿרײַנטלעך

האָט ער מיט איטלעכן געשמועסט, אַזאַ גוטער מענטש, אַזאַ שיינדל!

און שליחים זיינען געלאָפן, געפאָרן, געריטן. קיין פראַנקפורט, — דאָ האָט יצחק לאַנדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געריבן די פריירנדיקע הענט. און געזאָגט: „טע־טע, איצט וועט ר׳ יוסף זיס ווערן וויכטיק און וועט מאַכן גרויסע געשעפטן"; קיין בערלין, — דאָ האָט באַ דער גרעפין אַ צופּ געטאָן די האַרץ און זי איז געפאַלן אין חלשות אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע; קיין ווירצבורג, — דאָ האָט דער דיקער, פריילעכער פירשט־בישאָף זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט און האָט אַריינגערופן צו זיך זיין גע־היימראַט פיכטעל; קיין בעלגראַד — דאָ האָט פרינץ קאַרל אַלעקסאַנדער, איצטער הערצאָג, הערצאָג! הויך אופגעעטעמט און ער האָט שוין געזען, ווי ער טראָגט אַריבער די מלחמה טיף אין פראַנקרייך, שוין געזען, ווי זיינע הענט דרייען די רעדער פון דער וועלט. גלייכצייטיק אָבער האָט ער איבער דעם אַלץ געזען פאַר־טריבט־גרויע אויגן, האָט געהערט אַן אומצופרידן־סקריפּעדיקע שטים: „איך זע אַן ערשטע און אַ צווייטע זאַך. די ערשטע זאָג איך אייך ניט אויס". און פאַרטראַכטערהייט האָט ער באַקוקט זיין האַנט, אַ מערקווירדיקע האַנט, איר אינעווייניקסטע זייט איז געווען פליישיק, פעט, קורץ, און איר אויסנזייט ווידער — שמאָל, לאַנג, האָריק און ביינערדיק.

פאָרן שפּיגל אָבער איז געשטאַנען מאַריע אויגוסטע, זי איז געווען נאַקעט און האָט געשמייכלט. מיט די מאַנדל־אויגן אונטערן קלאָרן, מילדן שטערן האָט זי באַטראַכט איר לייב, וואָס איז ווייך און שלאַנק געווען און האָט געהאַט די פאַרב פון אַלטן, איידעלן מירמלשטיין. זי האָט זיך כוואַליעדיק געצויגן, דער קליינער פּנים מיט די זייער ־ווײטע לעפצן האָט איצט נאָך אומבאַגרייפלע־כער געשמייכלט. ס׳איז ניט שלעכט, איצט צו פאָרן קיין שטוט־גאַרט, דורכן באַגייסטערטן המון, אין גאָלדענעם עקיפּאַזש, ווי אַ הערצאָגין. דאָ, אין בעלגראַד, איז אויך שיין געווען צו הערשן איבער דעם ווילדן, יצר־הרעדיקן, דרך־ארצדיקן באַרבאַרישן מענטשן, אָבער ס׳האָט זיך איר געגלוסט צו זען, ווי כּיבודים

וועלן אין דעם קייזערלעכן הויף און אין אַנדערע דייטשע הויפן אויפשטייגן, אַזוי ווי קטורת, זי וועט די הערצאָג-קרוין טראָגן אָן אַ פאַריק, דאָס איז אַפילו קעגן דער מאָדע, אָבער זי וועט עס דאָך טאָן, און די קרוין וועט אַזוי הויך און שטאָלץ זיצן אַף די שטראַלנדיק-שוואַרצע האָר, מיט אַ האַלב-צניעותדיקער, האַלב-אויסגעלאָזענער תּנועה, האָט זי פאַריסן ביידע נאַקעטע אָרעמס הינטערן קאָפּ און מיט פייכטן אָטעם, שמייכלענדיק, מיט בויגעוו-דיקע, טענצלדיקע טריט איז זי געגאַנגען איבערן צימער. אַ סך מענטשן וועלן זיין אין איר הויף, דייטשן, איטאַליענער, פראַנ-צויזן. ניט קיין האַלבע פּראַים. ווי דאָ; מען וועט דאָך זיין אין נאָענטער שכנות פון ווערסאַיל. און די אַלע, וואָס האָבן מיט עזות און מיט חידוש צוגלייך באַטראַכט דער פּרינצעסין, מיט וואָס פאַראַ אויגן וועלן זיי דאָס איצט אַף דער הערצאָגין קוקן! אויך דער גאַלאַנטער לייב-איד וועט ווייטער שטיין אַפן ברעג פון איר קרייז, זי האָט מיט הנאה אַ צופּ געטאָן מיט די ליפּן. יאָ, ס'איז גוט געווען צו זיין שיין, ס'איז גוט געווען צו זיין רייך, ס'איז גוט געווען צו זיין הערצאָגין, וואָס פאַראַ פרייד עס איז, וואָס ס'זיינען פאַראַן מענער, און שיינע קליידער, און קרוינען, און ליכט און בעלער. די וועלט איז שיין, אַ וואוילע זאַך איז דער לעבן.

אין שלאָס ווינענטאַל, פיר שעה פאָרן פון שטוטגאַרט, האָט קאַרל אַלעקסאַנדערס ברודער, דער באַשיידענער פּרינץ היינריך פרידריך, זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם טויט פונם קוזין. ער האָט זיך שטיל געלעבט אין דעם קליינעם, שיינעם שלאָס, האָט געלייענט, מוזיצירט. אין די לעצטע יאָרן האָט ער גענומען צו זיך אַ געליבטע, אַ רואיקן, טונקלבלאָנדן נפש, אַ טאָכטער פון אַ קליינעם פּריץ, מיט ווייכע באַוועגונגען, שיינע, גלאַסענע אויגן און אַ ביסל טעמפּן שכל. ווען דער פּרעלאַט ווייסענזע איז גע-קומען צו אים מיטן פּלאַן, אים נעענטער צוצושאַרן צום טראָן אַפן אָרט פון זיין קאַטוילישן ברודער, האָט דער פאַרחלומטער פּרינץ זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט ביידע הענט, אָבער דער קלוגער פּרעלאַט האָט באַלד איינגעזען, אַז דער פּרינץ, מיט זיין אָפּגע-לאָזענער ניט-זאַכלעכקייט, באַטראַכט פּאָליטישע ענינים, ווי פאַנ-

מאַזיעס און ער פאַרלירט זיך אין רוויקע נעפּלען. ניין, מיט אַזאַ מין בן־אדם האָט מען קיין סך ניט געקענט אופּטאָן קעגן דעם ענערגישן, מעטיקן קאַרל אַלעקסאַנדער. נאָכן טויט פון דעם טראָנ־פאָלגער, ווען די ירושה־פראַגע האָט, פון אַ פּוסטן חלום געקענט ווערן אַ ממשותדיקע וואָר, איז גאָר אָנגעקומען פון בעלגראַד — — דער רוח וויים, ווי אַזוי דער פעלדמאַרשאַל האָט דערשמעקט וועגן דעם, וואָס דאָ טוט זיך — אַ שטריינגער שרייבן, אין וועלכן קאַרל אַלעקסאַנדער האָט ערנסט מתרה געווען זיין ברודער אָפּ־צולאָזן פון אַזעלכע טונקעלע און נבזהדיקע געשעפטן. דערשראָקן און פאַרשעמט, האָט דער באַשיידענער פרינץ זיך אָפּגעזאָגט פון די ענינים און האָט אין זיין פּחד אַפילו גענומען אויסמיידן יעדע באַגעגעניש מיט ווייסענזע, איצט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם הערצאָגס טויט, איז דער גאַנצער בונטער, פאַנטאַס־טישער חלום ווייטער אויפגעשטאַנען פאַר אים. פאַרשוויצט, מיט ציטערנדיקע איברים, אין גרויס אויפרעקונג, איז דער צוקראַנקער מענטשל אַרומגעגאַנגען אין דעם בלאַסן באַגינען, האָט זיך אויסגעמאָלן, וואָס עס וואָלט איצט געקענט זיין, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ קאַפּעלע מער איניציאַטיוו, ווי ער וואָלט אַריינגעכאַפּט די מאַכט, געשריבן צום קייזער, באַשטימט מיניסטערס, זיי אָפּגעלאָזן, געשלאָסן אָפּמאַכן מיט פראַנקרייך, געהאַלטן ברענענדיקע דרשות פאַרן פאָלק. מיט אַ זיפץ האָט ער זיך צום סוף צוריקגעקערט אין שלאָפצימער. ער האָט זיין געליבטע ניט געוואָלט וועקן, שטיל און פאַרזיכטיק זיך אויסגעטאָן פאָרדראָסיק איבער זיין צוקראַנקייט זיך צוגעלייגט צו איר זייט, געצערטלט אירע פולע, וואַרימע בריסט. ביז זי האָט געעפנט אירע שיינע, נאַרישע אויגן, ער האָט זיך געטרייסט מיט איר הכנעהדיקער יוגנט און איז איינגעשלאָפן, פאַרטראַכט און באַרואיקט.

דער פרעלאַט ווייסענזע, נאָכן באַקומען די בשורה וועגן הערצאָגס טויט, האָט אין גרויס אויפרעקונג אַהין און צוריק געשפּאַנט איבער זיינע גרויסע חדרים מיט די ווייסע פאָרהאַנגען. וויפל פּראָבלעמען עס האָבן זיך איצט געשטעלט, וויפל פאַרפּלאָנ־

טערנישן, סיכסוכים! דער קאַטוילישער פּרינץ אין דער דורך־און־דורך פּראָטעסטאַנטישער מדינה: פאַר דער מעריבדיקער דייטשלאַנד איז דאָס געווען אַ נייע, נאָך ניט געוועזענע, לחלוטין אומגעריכטע קאָמבינאַציע. ער, וויסענזע, האָט אין דער ריכטיקער צייט זיך גענומען צו דער אַרבעט. עס זיינען פאַראַן געווען אַסך מעגלעכקייטן, באַ קיין איינער פון זיי קען ער ניט ווערן אַרויסגעשטופּט. ער איז ניט אין קיין סכנה. ער האָט אָנגעצויגן פעדים אין אַלע זייטן. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, האָט דורכגעוואָרפן פּלענער, האָט הנאה געהאַט פון דער געשפּאַנטקייט. פון דער באַוועגונג, האָט געשפּירט די פרייד פון דעם גרויסן אינטריגאַן און פּראָיעקטמאַכער.

אָבער מאַגדאַלען סיבילע, זיין טאָכטער, איז געזעסן און אירע בלויע אויגן אין דעם ברוינלעך־דרייסטן פּנים האָבן געאַרבעט און כסדר זיך געוואָרפן צווישן ליכט און טונקל. אַ קאַטויל, אַ געצנדינער, וועט זיצן אױפן טראָן. איצט וועט אין לאַנד אויסברעכן טומל און גרויס עלנט. דערבאַרים זיך, גאָט אין הימל, אַז די לאַנד זאָל זיך שטאַרקן קעגן די נסיונות, מיט וועלכע דער געצנדינער וועט איר פּרובן אַריינציען אין זינד, קעגן די התראות, מיט וועלכע ער וועט איר זוכן אָפּצורייסן פון דעם ריינעם גלויבן. דער געצנדינערישער פּירשט איז אַרומגעפּאָרן מיט גרויס גלאַנץ און פּאַראַד, ער האָט געזיגט אין מלחמות, איז געשטאַנען אין גרויס חסד באַם קיזער, זיין ווייב האָט זיך אופגעפירט פריי און גאוהדיק. העלף, רבונו של עולם, אַז מיר זאָלן גובר זיין די אַלע נויטן און נסיונות. און איר פאָטער. איר פאָטער איז געשטאַנען אין דער ערשטער שורה פון קאַמף, אַף אים איז אויסגעפאַלן צו זיין אַ באַשירעמער פון דער אָנגעגריפענער יעוואַנגעליע. געוויס, זי האָט ניט געוואָלט זינדיקן קעגן דעם פירטן געבאָט; אָבער זי האָט גרויס פחד געהאַט פאַר אים, צי ער וועט טאַקע האָבן די נויטיקע פעסטקייט פאַר גאָט און פאַר לייטן. ווי שטענדיק שוין אין אַזאַ עת־צרה, איז זי אַנטלאָפן צו גאָט. האָט אופגעמישט די ביבל, מתפלל געווען און געוואַרט אַף אַ נבואה. אָבער זי האָט געפונען נאָר דעם פּסוק: „יעטווידן

רײנעם עוף מעגט איר עסן. אָבער דאָס איז, וואָס איר זאָלט פֿון זײ ניט עסן: דעם אָדלער, און דעם שטרויספויגל, און דעם שפּאַרבער, און דעם פּעליקאַן", זי האָט אַ צײט געטראַכט, אָבער בײַ דער גאַנצער געשיקטקײט אין אויסטײַטשן נביאות, האָט זי דאָך ניט געקענט געפינען קײן צוזאַמענהאַנג צווישן דער נויט אין לאַנד, די דאגות וועגן דעם אמתן, פעסטן גלויבן פֿון דעם פאַטער, און דעם שטרויס און דעם פּעליקאַן. וואָס די בני־ישראל האָבן ניט געטאָרט עסן. זי האָט באַשלאָסן, וועגן דער נבואה אַן עצה צו האַלטן זיך מיט איר פרײַנדין בעאַטאַ שטורמין, דער בלינדער הײליקער פֿון דער שטוטגארטער ביבל־קאָלעגיע. קודם־כּל אָבער האָט זי באַטראַכט דעם פאָטער, ווי ער שפּאַנט דאָס אַזוי איבערן צימער אַהין און צוריק, באַזאָרגט און מיט ישוב־הדעת אויף זײַן מענלעך־דרײסטן פּנים.

נאָך מיט אַ האַלב שעה פאַר דער זיצונג האָבן זיך די עלף מיטגלידער פון דער קאָמיסיע צונויפגעקליבן אין פּאַרלאַמענט. אויפן סדר־היום זיינען געשטאַנען ניט קיין וויכטיקע פראַגן; אָבער אַלץ איז אַזוי ניט קלאָר געווען, מען האָט געטאַפּט אין אַ געדיכטער פינסטערניש, מען האָט זיך, לכל־הפּחות, געוואָלט איבערצייגן אין דעם קיום פון נאָך עמיצן אַחוץ זיי, הערן אַ שטים פון דעם חושך אַרום.

און פאַרוואָס האָט מען דעמאָלט ניט געגעבן דעם פּרינץ קיין הלוואה, און פאַרוואָס האָט מען געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט זיין אינגערן ברודער? דער פּרינץ וועט דאָך אַ צדיק זיין, ווען ער זאָל איצט, האַנדיק די ממשלה, זיך ניט אָפּרעכענען מיטן פּאַרלאַמענט. און ער איז לחלוטין קיין צדיק ניט געווען. אַ זעלנער, פעלדמאַרשאַל, געוואוינט צו שטומער, בלינדער הכנעה. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען אַז ער האָט אומברחמנותדיק זיך באַגאַנגען מיט זיינע בעלגראַדער יועצים. אַז ער האָט זייער אָפט געפירט מיט זיינע מענטשן שטורמישע מחלוקות. אַז ער האָט זיך געקאָכט און געזידלט, ווי אַ ווילדע חיה, אַז ער האָט ניט צוגעלאָזן, מען זאָל אים אַנטקעגן רײדן און האָט צובראָכן כּלים און אַנדערע חפצים אַף די קעפּ פון זיינע ראַטגעבער. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַן אכזר, ווי אַ געצנדינערישער מלך. מען וועט האָבן גענוג צרות אויסצושטיין פון דעם צוואווילדעוועטן שור־הבר.

ווייל עס איז קיין חשק ניט געווען אופצוגעבן אַפילו אַ קוצו של יוד פון די פּאַרלאַמענטאַרישע רעכטן און פרייהייטן. אַ, די זיסע מאַכט! די עלף, זיי האָבן געלעקט דעם ריינעם האָניק פון דער קאָנסטיטוציע. די אַלע איבעריקע אינם פּאַרלאַמענט האָבן דאָך עקזיסטירט נאָר צוליב דעם, כּדי זייערע באַשלוסן צו באַשטעטיקן. אָבער זיי, די עלף, זיי האָבן געוועלטיקט איבער דער מדינה. זיי האָבן זיך באַראַטן הינטער פאַרמאַכטע טירן, אַזוי ווי די ווענעדיגער סיניאָריע. זיי האָבן געוועבט, געאַרבעט, געהאַנדלט צווישן זיך און געבונדן די הענט דעם הערצאָג און זיינע מיניסטערס. ס'איז אַ געוועלטיקע הנאה

גווען, זיך צו פֿילן אַזוי וויכטיק און בײַ דער מאַכט. און זאָל קיינער ניט קומען און דאָס אָנרירן. מען וועט זיך ברייט אַנטקעגנשטעלן, און מיט אַלע כּחות באַשיצן די לאַנד קעגן טיראַניע און קאַטוילישער פֿאַרשקלאַפֿונג. ווײַל מען פֿאַרמאָגט אַ פֿעסטן שוץ און אַ גוטע גאַראַנטיע. דער געזעץ, לויט וועלכן דער הערצאָג מוז אָפּגעבן אַ שבועה, אָפּצוהיטן זייערע רעכטן און די רעכטן פֿון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, איז גענוג קרעפֿטיק. פֿון דעם געזעץ וועט אויך רוים, מיט דער גאַנצער אויסטייטשונג־חכמה נישט קענען אַראָפּשווינדלען, אַט דעם ריגל וועט אַפֿילו דער כיטרעסטער יעזואיט ניט פֿאַרמאָגן דורכצופּיילן. מעג ער פֿון כּעס זיך בײַסן און בריקעווען, דער געצנדינער און משוגענער, אכזר! בײַ דעם אײַזן וועט ער זיך אויסברעכן די ציין, אָ, מידת הדין! אָ, התחייבותן! אָ, גוטע, פֿעסטע קאָנסטיטוציע און טיבינגער אָפּמאַך! אָ, חכמהדיקע, באַלזאַמיקע, גערימטע, אבות־אבותינודיקע פֿאָרזיכטיקייט, וואָס האַט אָנגעטאָן אַ מוילקאָרב אַף די הערצאָגן, וואָס בײַסן זיך.

פּונקט אום צען האָט דער פּרעזידענט, יאָהאַן היינריך שטורם, געעפֿנט די זיצונג. אָבער איידער מען האָט נאָך באַוויזן זיך צו נעמען פֿאַרן סדר־היום, איז אַרײַנגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר די פֿאַרפֿלעפֿטע דעפּוטאַטן דער רעגירונגסראַט פֿיליפּ יאַקאָב נייפֿער, אַ ברודער פֿונם אַדוואָקאַט נייפֿער. ער האָט געוויזן אַ שריפֿט, וואו קאַרל אַלעקסאַנדער, דער געזעצלעכער יורש, איז מודיע, אַז ער נעמט איבער דעם ווירטעמבערגער טראָן און ביז זײַן אָנקום אין הערצאָגטום באַשטימט ער די יועצים פֿאָן־פֿאָרסטנער און נייפֿער פֿאַר מיניסטערס, וואָס זאָלן אָנפֿירן מיט די מלוכה־געשעפֿטן.

מיט אַ שמייכעלע האָט נייפֿער ווײַטער דערקלערט די צוטומלטע מענער, דעם הערצאָג איז באַקאַנט, אַז אין פֿאַרלאַמענט איז מען באַזאָרגט אין שייכות מיט דער רעליגיע און די פֿאַרלאַמענטאַרישע פּריווילעגיעס. ער איז גליקלעך אינם אויפֿטראָג פֿון זײַן דורכלויכט, זיי אָפּצוגעבן באַרואיקנדע באַשטעטיקונגען און פֿאַרזיכערונגען. דער הערצאָג האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט,

נאָך אַ פּרינץ זייענדיק, קומען אין באַרירונג מיט עטלעכע מיט־גלידער פון דער אייגגערער גרופּע בנוגע דעם פאַל, וואָס אין יענער צייט איז ער נאָר מעגלעך געווען, אָבער וואס איז איצט באמת געשען, און זיי האָבן די אָפּגעגעבענע פאַרזיכערונגען באַטראַכט פאַר אויסערסט ווינטשנסווערט אַף אופצושטעלן דעם נויטיקן צוטרוי צווישן הערצאָג און פאַרלאַמענט.

מיט גרויס צוטומלעניש און שטילשווייגן האָבן ניין פון די עלף זיך צוגעהערט צו די רייד. אפילו דער גלאַסענער און אויסגעהאַלטענער פּרעזידענט שטורם האָט אויך אַרויסגעפּרעסט פון זיך מיט גרויס מי עטלעכע פראַזן, אין וועלכע ער האָט אָנערקענט די פולמאַכטן פון דעם יועץ, דעם איצטיקן באַראַטונגס־מיניסטער. האָט זיך באַדאַנקט פאַר די אָפּגעגעבענע פאַפּירן און דערקלערט, אַז מען וועט זיך תיכף באַקענען מיט זיי.

ווען דער מיניסטער איז אַוועק, זיינען די דעפּוטאַטן געבליבן זיצן צוטומלטע, זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, מיט חשד און טיף געערגערט. צווישן זיי, הייסט עס, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרקניפּן אינטריגעס, זיך גאָר ניט אָנפרעגנדיק באַ די אַנדערע? ווייסענזעס און נייפערס שכנים האָבן זיך, כמעט ווי אומבאַמערקט, אַ קאַפּעלע אָפּגערוקט פון זיי.

אין דער צייט איז דער אַנדער נייפער, דער מיניסטער, אַוועק אין דעם קריגסקאָמיסאַריאַט, האָט אָפּן גרונט פון די הערצאָגלעכע פולמאַכטן געפאָדערט אַן אָפּטיילונג זעלנער, און ער האָט זיי באַקומען נאָכדעם, ווי מען האָט אָנגעפרעגט באַם פאַרלאַמענט, איז אריין אין ראַט פון די מיניסטערס און אין נאָמען פון קאַרל אַלעקסאַנדער—דער אַלטער הערצאָג איז נאָך אפילו צו קבורה ניט געקומען—האָט ער געלאָזט אַרעסטירן די פירער פון דער גרעוועניץ־פאַרטיי. האָט קיין אכט ניט געלייגט אַף זייער צייכ־קריצעניש, אַף זייערע התראות און פּראָטעסטן, און האָט זיי געלאָזט אָפּפירן אין דער תפיסה האהענטוויל. אַרעסטירט איז פרידריך ווילהעלם, דער ברודער פון דער גרעפין, דער קאַלטבלוטיקער אכזר, וועלכער האָט אָפּגענומען באַ זיין שוועסטער די מאַכט, כדי אַליין זיך נאָך פעסטער אריינצוזעצן אין ביינקל,

דער אויבערהויפּמאַרשאַל און מיניסטער־פּרעזידענט, אַרעסטירט זיינען זיינע ביידע זין, דער אויבערשטאַלמייסטער און דער באַראַטונג־מיניסטער. אַראָפּגעהויבן זיינען אויך זייערע נאָכשלעפּערס און טעלערלעקער. דער קידכראַט־דירעקטאָר פּפּייל, דער געהיימער רעפערענדאַר פּפּאַו, די רעגירונגסראַטן פּאָלמאַן און שייד, און די פּילצאָליקע יוצר־משרתים זייערע. ווי זיי האָבן זיך געגאַוהט! ווי זיי האָבן זיך געבלאָזן און קוים־קוים געענטפערט, בעת מען האָט זיי געגריסט. איצט זיינען זיי געזעסן אין כודער־מודער, אַרום זיי אַ געדיכטער חושך, און קיין האָן האָט אַפילו ניט געקרייט.

נאָכדעם איז נייפּער אַוועק צו דער פּאַראַלמענטער הערצאָגין, האָט דערציילט דער טריאומפירנדיקער, פון זומפּ און צער אַרויסגעהויבענער פרוי אַלץ, וואָס ס'איז געשען. האָט דורך אויסרופער געלאָזט מודיע זיין, אַז קאַרל אַלעקסאַנדער האָט איבערגענומען די ממשלה, וועט אינגיכן אָנקומען פון בעלגראַד, האָט שוין געלאָזט שפּירן זיין פויסט צו די יעניקע אומגעטרייע באַאַמטע, וועלכע האָבן, צוליב דער אייגענער טובה, באַדריקט דעם פאָלק, און האָט שוין באַשטעטיקט מיט זיין פירשטלעכער הבטחה אַלע פרייהייטן, באַזונדערש די פרייהייט פון גלויבן.

אַ שמחה באַם פאָלק. אָט דאָס איז דער אמתער פירשט. ער טוט גערעכטיקייט, רעכנט זיך ניט מיט דעם אָדער מיט יענעם. אַזוי ווי אַפן בילד. ווי ער שטורעמט אַף בעלגראַד. סטייגנעם אַהער, גרינע וויטשקעס אַהער. דעם בילד צו באַקרוינען! אַ הערשער און אַ גיבור. מיט אים וועט מען שוין ניט פאַרפאַלן ווערן.

דערבײַ בײַ הירזאָו האָט זיך פֿון דעם שליאַך אָפּגעקירעוועט אַ רײַטוועג. פֿון דעם רײַטוועג האָט זיך ווידער אָפּגעצווײַגט אַ שטעגעלע, האָט זיך פֿאַרלאָרן אין וואַלד, האָט דערפֿירט ביז אַ פּעסטן, זײַער הויכן הילצערנעם פּאַרקן. בוימער האָבן פֿאַרצוימט דעם בליק אַף ווײַטער. פֿון די הײמישע האָבן אַהין אַ צוטריט געהאַט נאָר דער גערטנער און אַן אַלטער טאָגלוינער, וואָס מען האָט געשיקט אַף גײַנג, בײדע בורטשעדיקע מענער, וועלכע האָבן יעדן נײַגעריקן געלאָזט שטײן מיט אַ נאָז. געוואוסט האָט מען נאָר, אַז אַ האָלענדער האָט די פֿאַרוואָרפֿענע קלײנע הײזעלע אָפּגעקויפֿט בײַ די יורשים פֿון דעם פֿריערדיקן באַלעבאָס.

אין פֿאָליצײַ איז ער פֿאַרשריבן געווען ווי מינהער גבריאל אָפּענהײמער וואַן סטראַטען און געהאַט האָט ער דעם גרויסן פּאַס פֿון די גענעראַל־שטאַטן. די קניה איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַלע פֿאָרמאַליטעטן, אַלע תקנות פֿון דער פֿאָליצײַ און די הכנסה־אַמטן זײַנען מיט אַלע פּיטשעווקעס אויסגעפֿירט געוואָרן. דער האָלענדער האָט דאָרטן געוואוינט מיט אַ זײַער יונגער מײדל, אויך מיט אַ דינסט און אַ משרת. מען האָט דערצײלט אַ מאָדנע געשיכטע וועגן אַ לאַנדשן אַרומטרײַבער, וואָס האָט געפּרובט באַגנבענען די אײנזאַמע הײזעלע. באַם אַרײַנשלײַכן זיך האָט מען אים געכאַפּט און איבערוועלטיקט. דער האָלענדער האָט ניט געטשעפּעט דעם אָפּגעבריטן און באַלײדיקט שפּאָטנדיקן מענטשן, האָט אים נאָר אַ גאַנצע נאַכט פֿאַרשפּאַרט אין אַ צימער מיט ספֿרים, און אַפֿן אַנדערן טאָג האָט דער אַרומטרײַבער, צושראָקן און צוטומלט, ווי אַ בליץ דורכגעקווערט דעם וואַלד, האָט שוין אַף שטענדיק פֿאַרלאָזן דעם געגנט.

קלאַנגען וועגן דעם, אַז דער האָלענדער איז דער אײַביקער איד, זײַנען אויפֿגעקומען, זײַנען ווײַטער פֿאַרשטומט געוואָרן. ער האָט זיך געהאַלטן פֿונדערווײַטנס פֿון דער שטעטל, האָט געמאַכט אײנזאַמע שפּאַצירגײַנג, געווײנטלעך אין וואַלד, זעלטן ווען מען האָט אים פּנים אל פּנים, געזען. לסוף האָט מען זיך צו אים צוגעוואוינט. דער פּאַרקן מיט די געוואַלטיקע בוימער איז זיך געשטאַנען, הינטער אים האָט דער האָלענדער געוואוינט, און

אויב ער האָט דאָרטן אָפּגעטאָן פּאַרוואָרטע זאַכן, האָט ער דאָס, לכל הפחות, אָפּגעטאָן זייער שטיל און האָט קיינעם דערמיט ניט געשטערט.

אָבער אין הירזאַו איז אויך געווען דער מאַגיסטער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער, דער יעניקער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ביבל־קאָלעגיע, אין וועלכער מאַגדאַלען סיבילע האָט זיך באַטייליקט. דער פּעטליי־ביקער, פּולבאַקיקער יונגערמאַן, פון וועמען מען האָט קיין שאָרך ניט געהערט, וועלכער האָט ליב געהאַט לאַנגע, פאַרטראַכטע שפּאַצירגייענג, האָט אַף איינעם אַזאַ שפּאַציר, נאָכגייענדיק עפּעס אַ פויגל, וואָס האָט אים פון בוים צו בוים געלאָקט, זיך אָנגעשטויסן אָן דעם פּאַרקן, ניט פיל קלערנדיק און אָן טרחה איז אים אריבערגעקראָכן, איז דורך די וואַנט פון די הויכע בוימער, מיטאַמאָל שטיין געבליבן אַפּן ראַנד פון אַ בלויזן פּלאַץ און האָט, צווישן טולפּן אין שטופּנאַרטיק איינגעפלאַנצטע גראַדקעס מיט אַנדערע, אים אומבאַקאַנטע און זאָרגפעלטיק געהאָדעוועטע בלומען, דערזען די הייזעלע פון דעם האָלענדער. די הייזעלע, ווי אַ בלענדנדיק ווייסער, קליינער ווערפעלע, האָט זיך מאָדנע אויסגעטיילט אין דער שפּעדיקער זון, און פאַר דער הויז איז אופגעשלאָגן געווען אַ פּרימיטיווער זון־געצעלט און אינעווייניק איז געלעגן אַ מיידל, פאַרחלומט, אין פרעמדלענדישע מלבושים, אַ מאַטווייסער פּנים אונטער בלווישוואַרצע האָר.

דער מאַגיסטער איז געשטאַנען שטיל, האָט געגלאָצט מיט רונדע אויגן, איז הכנעהדיק צוריק אַוועק אַף די שפּיץ פינגערן. נאָכדעם אָבער האָט דער בילד פון דער מיידל אין געצעלט זיך שוין אַריינגעשלייכט אין זיינע דמיונות וועגן דעם הימלישן ירושלים.

ר׳ גבריאל האָט דער מיידל געגעבן פולע פרייהייט. נעמי האָט געבליט שטיל און מילד און אָן אַ סך פאַרלאַנגען. זי האָט געהאַט דעם אַלטן, צוקראָכענעם, פאַרשוויגענעם משרת און איר האָלענדישע דינסט יאַנטיע, וועלכע האָט שוין אין משך פון אַ סך יאָרן גוטמוטיק, געטריי, באַריידעוודיק און באַזאָרגט איבער איר געוואַכט. אַנדערע מאָל האָט זי חשק געהאַט צו זען

מענטשן; אָבער אַז דער פעטער האָט איר געהאַלטן ווײַטער פון זײ, איז מסתמא בעסער געווען אַזוי. אויסגעחלומטע מענטשן, אַרויס־געלײענטע מענטשן זײנען בעסער געווען פון די, וועלכע האָבן דאָרטן געלעבט.

מיט התמדה האָט זי זיך פאַרטיפט אין די ספרים, וואָס דער פעטער האָט איר געלײענט. דערעיקרשט זײנען דאָס געווען העברײאישע ספרים, צווישן זײ די טיפזיניקע, סודותפולע קבלה־ספרים. זי האָט ניט געטראַכט וועגן זײ, זי האָט זײ געזען. דער עץ־הדעת, דער הימלישער מענטש זײנען געווען פאַר איר ווירק־לעכע, ממשותדיקע זאַכן. די אותיות פון דעם שם־המפורש האָבן געטאַנצט אַ הײליקן טאַנץ, זײ האָבן געפאָכעט מיט זײערע בונטע, שימערירנדיקע פאָנעס, עס האָבן זיך גערעקט מיט זײערע פילצאָליקע איברים די פיגורן פון דער הײליקער חכמה, עס האָבן געקלעמט די דרײעקן, עס האָבן געזונקען פירעקן, פון שפיץ צו שפיץ איז אַרומגעשפרונגען דער פינף־קעפיקער שטערן. אָבער די זיבנעקן און די נײַנעקן האָבן זיך געצויגן מיט זײער סך איברים, האָבן התראה־דיק געשטאָכן, האָבן זיך ליבלעך צוגעטוליעט. און אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעשלונגען אין אַ פילגעשטאַלטיקן, געלאַסענעם טאַנץ.

דער פעטער האָט געלערנט: יעדער פסוק, יעדער וואָרט, יעדער אות פון דער תורה האָט זײן פאַרבאָרגענעם מיין. ער אַנטפלעקט זיך, ווען דו פאַרגלײכסט די ווערטער מיט אַנדערע ערטער פון דער תורה, ווען דו גיסט זײ אַריבער אין נײַע פורעמס מיט דער הילף פון גימטריאות*). זע נאָר, אָט איז אַ פאַפיר, און אַף אים איז אַ ביסל שוואַרצקײט. און דאָס איז לע־בעדיקער פון אַ לעבעדיקן מענטשן, איז אַ רײדעוודיקע מויל פאַר דער אײביקײט. איז דען דאָס ניט דער גרעסטער וואונדער פון אַלע? מיט אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק האָט עמיץ געטראַכט, האָט עמיץ געפילט אָט דעם זאַץ, די לעפצן, וואָס האָבן אים צום ערשטן מאָל צוגעטראַכט, זײנען טויט. אָבער זײן האַנט האָט

---

*) יעדער העברײאישער אות שטעלט אויך פאָר מיט זיך אַ ציפער. גימטריא הײסט דער סכום פון די אותיות פון אַ גאַנצן וואָרט.

דאָס פֿאַרשריבן און ווי נאָר ער האָט דאָס אָנגעשריבן, האָט זיך גאָט כּביכול באַזעצט אין די אותיות, און די טראַכט זיי און שפּירט זיי היינט, נאָך די סך טויזנטער יאָרן. אין דעם געשריבענעם איז גאָט. אותיות לעבן, וועבן זיך, אַן אות צו אַ צאָל, אַ צאָל צו אַ קלאַנג, אין דער אייביקייט. וואָס איינער שרייבט אָן, טוט זיך דאָס פֿון אים אָפּ, און וועבט שוין ווייטער זיין אייגענעם זיין און רעדט צו איטלעכן. אָבער דער איינגעהייליקטער געפֿינט גאָט אין אַלץ, וואָס ס'איז אָנגעשריבן.

אָט אַזוי האָט ר' גבֿריאל געלערנט. נעמי האָט זיך צוגעהערט, זיך געפּליסט צו באַגרייפֿן, אָבער די הייליקע מעשות האָבן זיך נאָר אַף מאָמענטן געפֿורעמט צו די שטרייַנגע, מיסטישע אַבסטראַקציעס, וואָס דער פֿעטער האָט פֿון זיי געמאַכט. אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט. באַקומען פֿאַרב און פֿלייש און אין דער מיידלס בלוטן האָבן זיי זיך פֿאַרוואַנדלט אין בונטע, חנודיקע מעשהלעך און אין העלדישע באַשרייבונגען.

אין שיר השירים האָט זי געלייענט: מיין געליבטער זאָגט: הייב זיך אוף, מיין פּאַסטעשקע! מיין שיינע! הייב זיך אוף און קום! זע, דער ווינטער איז אַוועק. יונגע קווייטעלעך קומען אוף, די צייט פֿון געזאַנג איז דאָ, דער קול פֿון דער טורטלטויב הערט זיך שוין אין אונזער לאַנד. הייב זיך אוף, מיין פּאַסטעשקע! מיין שיינע! קום! מיין טייבעלע! טייבעלע אין פֿעלזנשפּאַלט, אַפֿן פֿאַרבאָרגענעם אָפּהאַנג! לאָז מיר אָנקוקן דיין געשטאַלט! לאָז מיר הערן דיין שטים! ווייל דיין שטים איז זיס און ליב איז דיין געשטאַלט.

זי איז געזעסן, צאַרט און אופמערקזאַם, און מיט באַנומענע אויגן האָט זי זיך געגליטשט איבער די גרויסע, פּירעקיקע, העברייאישע אותיות, דער פּנים, זייער ווייס, ווי דעם פֿאָטערס, האָט געטראָגט אַף אַ שלאַנקער, שטאָלצער האַלז, די אויגן האָבן פֿאַרבאָרגן אין זיך אוראַלטע חלומות, דעם קאָפּ האָט זי אָנגעשפּאַרט אַף די הענט, פֿון די צאַרטע געלייַנקען האָבן זיך מילד אַרויסגערונדעט די אָרעמס.

ר' גבֿריאל האָט דערקלערט, אַז דאָס, וואָס זי האָט דאָ

געליוּענט. באַטייט די יצירה פון דער וועלט און די בלומען זיינען די אבות, און די קולות פון די בחורים, וואָס פּאַרטיפן זיך אין די סודות פון דער תורה, זיינען משפּיע, אַז די וועלט זאָל האָבן אַ קיום און אַז די אבות זאָלן זיך אַנטפּלעקן. און ער האָט דאָס מיט אַ סך טיפקייט און שאַרפזין פאַנאַנדערגענומען און צוריק צוזאַמענגעלייגט; און לסוף איז ער פאַרזונקען אין מחשבות און פאַרשטומט געוואָרן, ז' האָט זיך גלויביק איינגעהערט: אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט, זיינען די בלומען ווייטער געוואָרן בלומען, און צו איר האָט זיך דערטראָגן דער פשוטער, זיסער ניגון: דער ווינטער איז אַוועק, די רעגנצייט האָט שוין אופגע־הערט. יונגע קווייטעלעך קומען אוף, די צייט פון געזאַנג איז דאָ. די שטים פון טורטלטויב טראָגט זיך איבער דער לאַנד. און ז' פאַרמאַכט די אויגן און הערט זיך איין אין דער רופנדיקער שטים, און ז' האָרכט זיך צו הינטער די בוימער און האַלט דעם אָטעם איין: אָט איצט, באַלד, אין קומענדיקן אויגנבליק, וועט זיך שוין לאָזן זען דער פאַסטעך, וועלכער ברייננגט אַרוים די צאַרטע ווערטער, די זילבערדיק־קלינגעוודיקע. אָבער קיינער קומט נישט.

אויך די גיבורים און צדיקים פון חומש האָבן בלי ספק געהאַט דעם באַטייט, וואָס ר' גבריאל האָט זיי געגעבן, אָבער ווען ער איז ניט געווען, האָט נעמי געקוקט מיט אירע אייגענע אויגן. ז' איז געווען תמר, וואָס האָט געליבט אמנון, ז' איז געווען רחל, וואָס איז אַנטלאָפן מיט יעקבן, רבקה בײַ דעם ברונים. אויך מרים איז ז' געווען, וועלכע האָט געטאַנצט דעם נצחון־טאַנץ איבער די מצריים, וואָס גאָט האָט זיי דערטרונקען. אָבער יעל, וועלכע האָט אַריינגעקלאַפּט סיסראַן דעם נאָגל אין שלייף, איז ז' ניט געווען, און ניט דבורה וועלכע האָט געמשפּט אין ישראל. די מעשׂות פון תנ"ך האָט ז' אויסגעפילט מיט די עטלעכע מענטשן פון איר וועלטל. הגר האָט געהאַט דעם פּנים פון דער באַריידעוודיקער דינסט יאַנטיע, די נביאים האָבן געהאַט די פאַרטריבט־גרויע, אומעטיקע אויגן פונם פעטער און זיין פלאַטשיקע נאָז, און זיי האָבן גערעדט מיט זיין סקריפּעדיקן, שלעכטגעשטימטן קול.

די גיבורים אָבער האָבן אויסגעזען ווי דער פאָטער, האָבן געהאַט זיין געשטאַלט, זיין פּנים, זיינע אויגן, די גרויסע, געוועלבטע, שוועבנדיקע, זיין טוליעדיקע און באַרוידעוודיקע שטים. אָ, דער ליכטיקער, גלענצנדער פאָטער! ער איז דאָך אַזוי זעלטן געקומען! דער אמתער לעבן איז געווען נאָר בעתן האַלזן אים, אַחוץ דעם איז אַלץ געווען נאָר אַן אויסקוקן, אַז ער זאָל שוין ווייטער קומען, און אַלע גיבורים פון תּנ״ך האָט זי געזען אין זיין געשטאַלט. שמשון, וועלכער האָט געמזיקט די פּלישתּים, האָט געטראָגן זיין אָליוונגרינעם ראָק און אין זיינע קלינגעדיקע רייט־שטיוול האָט ער געשטעלט אייליקע, שטאָלצע און געפערלעכע טריט. דוד, בעת ער האָט בייגעקומען גליתן, האָט געטראָגן דעם רויטן, עלעגאַנט־באַוועגלעכן פראַק, אין וועלכן דער פאָטער איז דעם לעצטן מאָל געקומען. און די אופגעהויבענע האַנט מיטן שליידערשטיין האָט געוואָרפן אַף צוריק פיין־צוזאַמענגעפאַלטענע שטולפן. און מיט אַ פאַרבאָרגענעם חשקדיקן גרויל האָט זי אפילו אין די האָר, מיט וועלכע אבשלום האָט זיך פאַרפלאָנטערט אינם בוים, אויך געזען די רייכע, געלאָקטע, קאַשטאַנפאַרביקע האָר פון איר פאָטער. און ווען דוד האָט געיאָמערט: אָ, אבשלום! מיין זון! האָט ער געיאָמערט מיט דער סקריפּעדיקער שטים פונם פעטער, און די אויגן, וועלכע ער האָט צוגעדריקט, זיינען געווען דעם פאָטערס פייערדיקע, געליבטע אויגן.

מיט גרויס פּאַראַד איז ז׳ער נײַער הערצאָג געפֿאָרן טרוף דעם דונאַי אין דער יאַכטע, וואָס זיין שווער האָט אים אַ מתּנה געגעבן. אומבאַוועגלעך איז אויפֿן אויבערדעק געזעסן דער שוואַרצברוינער און געגלאָצט פֿאַר זיך מיט ניט־דערגרונטעוועטע אויגן. לעבן דער הערצאָגין איז מאַסיוו געזעסן גענעראַל רעמכינגען, מיטן רויטן, פֿאַרשיכּורטן פּנים אונטערן ווייסן פּאַריק, סאָפּנדיק און אַף אַ פֿלאַפּלענדיקן עסטרייכישן אופֿן האָט ער זיך געדרייט פֿאַר דער שיינער פֿרוי אויפֿן קאָרעק. ער האָט געשיינט, די צענדליקער דרייסטע שטורמישע פּלענער זיינע האָבן איצט געהאַלטן באַם רייף־ווערן. איינער פֿון די ערשטע טריט פֿונם הערצאָג איז געווען צו באַשטימען זיין פֿריינט פֿאַרן פּרעזידענט פֿון אַרמיי־ראַט און פֿאַרן אויבערקאָמאַנדיר פֿון ווירטעמבערג.

גלענצנדער קבּלת־פּנים אין ווין, די קייזערלעכע פֿאָר באַזונדערס לייטזעליק, פֿייערלעכער גאָטעסדינסט. באַנקעט אין שלאָס. אָפּערע. דער אַלטער פֿירשט טורן און טאַקסיס איז אַרויסגעפֿאָרן קיין ווין, זיין איידים אַנטקעגן; אויך די בּיידע גייסטלעכע פֿריינט האָבן זיך ניט געפֿוילט פּערזענלעך צו ברענגען דעם הערצאָג קיין ווין זייערע גליקוואונטשן. ווען די יאַכטע איז אָנגעפֿאָרן, איז אויפֿן ברעג שוין געשטאַנען דער פֿירשט־בּישאָף פֿון ווירצבורג מיט זיינע געהיימראַטן ראַאַב און פֿיכטעל, עס איז געשטאַנען דער פֿירשט־גלח פֿון איינזידלען, זיי האָבן האַרציק דערפֿרייט זיך צוקושט מיטן הערצאָג, האָבן מיט וואוילקענערישע בּליקן געצערטלט מאַריע אויגוסטעס האַנט.

נאָך דער אָפּערע, די קעניגלעכע פּאָר און די הערצאָגין זיינען שוין אַוועק צו זיך, בּלייבּן נאָך זיצן קאַרל אַלעקסאַנדער, דער פֿירשט פֿון טורן און טאַקסיס, די בּיידע פּרעלאַטן. דער טונקלגעלער טאָקאַיער גיסט זיך מיטן גלאַנץ פֿון אייל, אין בעלגראַד האָט דער הערצאָג זיך צו אים צוגעוואוינט, טרינקט אים מיט גרויסע זופּן, און דער צייט, וואָס די יעזואיטן פֿאַסמאַקעווען אים מיט קליינינקע שלוקעלעך. די לופֿט איז שווער פֿון ליכט און ווייַן.

פֿאַר אָט די אָנגעטרויטע בעסטע פֿריינט דעקט קאַרל

אַלעקסאַנדער אויף זיין גאַנצע האַרץ. ניין, ער האָט לחלוטין ניט קיין חשק זיך איינצוזייערן אין זיין מדינה, אַזוי ווי די אַלע קליינינקע פירשטעלעך, וואָס גייען צו צוועלף אַף אַ טוץ. ער האָט געהאַט גרעסערע אַמביציעס און געלוסטונגען, ווי אופצופאַסן אַף דעם, אַז זיינע אונטערטאַנען זאָלן פלייסיק האָדעווען זייער וויין, שפינען זייער לייוונט, ווישן זייערע קינדער די נעזלעך און זיי פאַרשפילענען די הייזלעך. רעגירן וועט ער איבערלאָזן זיינע מיניסטערס, ער וועט הערשן. ניט אומזיסט האָט ער אַזוי פיל יאָרן צוגעבראַכט אַף די מלחמה־פעלדער. ער איז געווען אַ זשלנער, אַ זעלנער־הערצאָג. אויב ער האָט אַזוי העלדיש געקאָנט זיך פעכטן און זיגן פאַר יענעם, היינט ווי העלדיש וועט ער זיך שלאָגן און מנצח זיין פאַר זיך אַליין? לודוויג דער פערצנטער האָט פאַרכאַפּט די קליינע ווענעריג, האָט אַריינגעפרעסן אַ גוטן חלק פון גריכנלאַנד. פון שוועדן אויס האָט דער צוועלפטער קאַרל מער, ווי אַ האַלבע אייראָפּע דורכמאַרשירט מיט זיינע פאָנעס. אין פאָסטראַם האָט מען זיך צוגעגרייט צו מלחמות. ער פילט, אַז ער איז דער אמתער מענטש, וואָס וועט זיין קליינינקע מלוכהלע פאַרגרעסערן און אפשר, אם ירצה השם, איר גאָר שטאַרק דערהויבן. בכל אופן, באַ דעם איצטיקן מצב וועט ער זיין לאַנד ניט לאָזן. איצט שטויסט מען זיך דאָך דאָרטן אומעטום אָן אַף ווינקלען און שפּיצן, און מען צומזיקט זיך, מען קען דאָך ניט אויסציען קיין האַנט אָדער קיין פוס. אַזאַ סטראַטעג און מומחה אין דער מלחמה־קונסט איז ער נאָך, כדי צו פאַרשטיין, אַז ווערליק דעם אָרט, וואָס זי פאַרנעמט, איז זיין קליינע מדינהלע מסוגל צו זיין דער קערן פון אַ גרויסער מדינה. און אויך די צייט, די מלחמה מיט פראַנקרייך, איז גינסטיק. ווען מען זאָל נאָר ריכטיק אָנפאַלן אין דער ריכטונג פון די ווירטעמבערגער נחלאות פון יענער זייט רהיין, פון דער גראַפשאַפט מעמפעלגארד, וואָס שניידט זיך אַזוי טיף אַריין אין דער פראַנצויזישער לאַנד, און פון דאָרטן ווייטער: דאָס איז אַן אויסגעצייכנטע באַזע פאַרן חייל. אַחוץ דעם, דער גאַנצער קראַם אין הערצאָגטום גופא און אַף די גרענעצן, די אומאָפּהיינגיקע מלוכה־

שטעט רייטלינגען, אולם, הײלבראָן, גמונד, ווייל — ער פאַרשטייט גאָרניט, ווי האָבן דאָס די פריערדיקע הערצאָגן צוגעלאָזן, אַז די אַלע שטעט זאָלן אַזוי רייך ווערן און בליען. ער וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס אַלץ זאָל ניט ליגן באַם הערצאָג אין מאָגן, ווי אַ שטיין, נאָר ווי אַ באַקומענדיקער מאכל.

„דער פרינץ איז זייער דרייסט", האָט מיט אַ לייכטן געלעכטערל געזאָגט דער אַלטער טורן און טאַקסיס, האָט זיך צוגעבויגן מיט זיין פנים פון אַן איידעלן יאַגדהונט, און באַשמעקט זיין גלאָז טאַקאיער. מיט וואוילגעפעליקייט האָט ער זיך איינגעהערט אין דעם איידימס טעמפּעראַמענטפולע פּראָיעקטן. ער האָט דאָס אַלץ געהאַלטן פאַר חלומות, ער האָט ניט געגלויבט, אַז אפילו איין אות דערפון זאָל פאַרווירקלעכט ווערן; אָבער דער הערצאָג איז דאָך געווען ניט מער, ווי אַ זעלנער. מען האָט דאָך פון אים ניט געוואַרט קיין פּאָליטישע איינזעעניש. דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי זעלנעריש פאַרבאָסטן, איז געווען רייצנד, אינטערעסאַנט און לוסטיק. נישקשה, זאָל ער אָפּזיין נאָר צוויי חדשים אין זיין רעזידענץ, וועט זיך שוין דער פייער איינלייגן.

דיביידע קירכפירשטן האָבן זיך אויפמערקזאָם צוגעהאָרכט צו קאַרל אַלעקסאַנדערס האַרבע רייד. זיי האָבן מיט גרויס פלייס דורכגעפירט זיין אַריבערגאַנג צום קאַטוילישן גלויבן, ראשית צוליב דעם, וואָס עס איז אַ מצוה צו העלפן אַ בלאָנדזשענדיקער נשמה, דערנענטערן זיך צו דער ליכטיקייט, ווייטער איז בכלל געווען ניט קיין שלעכטער פּראָפּאַגאַנדע-מיטל אַריבערצוכאַפּן אַ ווירטעמבערגער, אָבער מער פון אַלץ איז זיי דאָס געפעלן געווען צוליב דער המצאה. קיין גרויסע פּאָליטישע פלענער האָבן זיי דערמיט ניט באַצוועקט. וויבאַלד אָבער גאָט האָט שוין אַזוי געמאַכט און ער האָט דעם צוגעקומענעם שוין באַשאָנקען מיט אַזאַ מעכטיקער מתנה, האָט מען דאָך געוויס רעכט געהאַט, מיט אַ נחת-רוחדיקן געלעכטערל זיך אַליין צו פּאַטשן אין בייכל פאַר דער אייגענער חכמה און וויטזיכטיקייט. קודם כל אָבער איז נויטיק געווען, וואָס מער נוצן אַרויסבאַקומען פון דעם אומגעריכטן מזל-שפּיל. אַזאַ מין פייער, ווי דער הערצאָג האָט דאָ אַרויסגעוויזן, איז שטענדיק

צופֿאַס געקומען, אַף אים וואָלט מען שוין געקענט אויפֿשטעלן אָנוואַרימען די וועטשערע.

פֿאַמעלעך האָט אָנגעהויבן ריידן דער דיקער ווירצבורגער פֿירשט=בישאָף. דער ברודער הערצאָג טראָגט זיך אַרום מיט גרויסע פּלענער, דערצו דאַרף אים יעדער קאַטוילישער פֿירשט נאָר אַלדאָס גוטס ווינטשן, אָבער ער פֿאַרגעסט, אַז גאָט האָט אים אַוועקגעזעצט הערשן אין אַ בונטאַרישן און אַ חושכדיקן בבל. די פֿאַרשאָלטענע יעוואַנגעליסטן האָבן ווי די שטשורעס אַרומגעגריזשעט די פֿון גאָט געשאָנקענע רעכט פֿון די דייטשע פֿירשטן און איצט הייננען זיי אַראָפּ ווי צופּליקטע, רחמנותדיקע שמאַטעס.

דער הערצאָג: דער ווירטעמבערגער איז ניט שלעכט, ער איז אַ געטרייער אונטערטאַן. דאָס איז נאָר יענע פֿאַרשאָלטענע באַנדע פֿון פֿאַרלאַמענט, די עקשנותדיקע חברה פֿאַרגרעבטע אייזלען, וועלכע האָבן אינטריגירט מיט זיין ברודער. אָבער ער איז געשטאַנען אַף דער וואַך און האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסנאַרן דעם טראָן און איצט, באַ דער מאַכט, וועט ער זיי דאָס אָפּצאָלן כּופל כּפלים, און וועט זיי אַזוי קוועטשן, אַז זיי וועלן באַ אים מיט בלוט שוויצן. ער איז ניט ווערט צו זיין קיין פֿירשט און זעלנער, אויב ער וועט זיי ניט ווי געהעריק אַרופֿטרעטן אַפֿן חוצפּהדיקן גאָרגל.

דער גלח האָט געשמייכלט: אַזוי פּשוט איז דאָס ניט. דער ברודער הערצאָג האָט דאָך אַרויסגעגעבן גאַראַנטיעס און גענומען אַף זיך התחייבֿותן בנוגע דעם גלויבן. דאָס אַלץ איז פּאַפּיר, פּאַפּיר, האָט שיכּור און ווילד געשריען דער הערצאָג. און דער יעזואיט האָט געלאַסן צוגעגעבן: בלי ספק; אָבער לעת=עתּה בינדט דאָס. די ביבל איז אויך, סוף כּל סוף נאָר פּאַפּיר, און פֿונדעסטוועגן שטייט אַף איר רוים און די וועלט.

מיט חניפה אין קול האָט זיך דער ווירצבורגער אַריינגעמישט: קאַרל אַלעקסאַנדערס גבֿורה און חכמה, די הילף פֿון זיינע פֿריינט, זיינע זעלנער און די גאָטגעפֿעליקייט פֿון זיין אונטערנעמונג וועלן לסוף פֿאַרטיליקן די פּאַפּירן, ס'איז אַפֿילו אַ האַרבער ענין צו

פֿאַרקאַטוילישן דעם הערצאָגטום, אָבער אוממעגלעך איז עס דאָך ניט. קודם כּל — נאָר קאַטוילישע אָפֿיצערן און זעלנער. נאָכדעם אַלע הויפּשטעלעס באַזעצן מיט קאַטוילן, און צום סוף אַלע באַאַמטע־שטעלעס אין לאַנד. אַלע פּראָטעסטאַנטן איז מען משלח אָן שום איינזעעניש. אָהאָ, ווי גיך די איינגעשראָקענע באַאַמטע איבערצייגן זיך דערמאָלט, אַז דער בעסטער גלויבן איז דער קאַטוילישער! און כּדי מען זאָל זיי ניט אָפּזאָגן פֿון זייערע שטעלעס, וואַרפֿן זיי אַוועק דעם כּופֿרישן גלויבן און טוליען זיך אין שויס פֿון דער אמתער קירך.

מען האָט זיך לוסטיק געמאַכט. געשיכּורט. דער פֿירשט־בישאָף האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַפֿוילן זיין קלוגעטשקן געהיימראַט פּיכטעל אויסצואַרבעטן די נויטיקע תּקנות, ספּעציעל פֿאַר ווירטעמבערג צוגעשניטן. מען האָט זיך צעשיידט לעבעדיק, מיט גרויסע האָפֿנונגען.

אַף מאָרגן זיינען צום הערצאָג געקומען דריי קייזערלעכע מיניסטערס, זיך מיט אים אַן עצה צו האַלטן בנוגע דעם פּראַגמאַטישן קריג, אין וועלכן דער קייזער האָט זיך ניט־באַקלערטערהייט אַריינגעפּלאָנטערט. קאַרל אַלעקסאַנדער, וועלכער איז ביז איצט געווען נאָר אַ בעטנדיקער, לעסטיקער, אָפּגעקויפֿטער גענעראַל, האָט זיך שטאַרק געבלאָזן, און מיט אַ נאָכלעסיקן און באַרימערישן פּנים האָט ער צוגעוואָרפֿן די מיניסטערס די צוועלף טויזנט זעלנער אויסהילף, וואָס זיי האָבן באַ אים געבעטן. דערפֿאַר האָט דער קייזערלעכער געהיימער אָפּמאַך, מיט אַ סך מליצות און טונקעלע רמזים, צוגעזאָגט צו באַשיצן זיין זעלבסטשטענדיקייט קעגן אַלע מעגלעכע אָנגריפֿן מצד דעם פּאַרלאַמענט.

בעת דער הערצאָג האָט פֿאַרלאָזן ווין, האָט דער קייזער בפֿני כּל עם ועדה זיך צוקושט מיט אים אַף ביידע באַקן,

בשעת יוסף זים האָט זיך דערוואוסט וועגן עפּערהאַרד לודוויגס טויט, איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אָן אָטעם, די לעפּצן האַלב אָפן, די לינקע האַנט אופגעהויבן, ווי זיך פון עפּעס אָפּווערנדיק, די גאַנצע בלוט האָט אים אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ. איצט איז ער געווען באַם ענדציל. גאָר פלוצלינג איז ער געשטאַנען אין דער הויך. ער האָט אַזוי געלעכצט נאָך דעם, ער האָט מיט גדלות זיך אַליין און אַנדערע געזוכט אײַנצושמועסן, אַז ער שטייט שוין לאַנג אויבנאָן אָבער אין זיך איז ער שטענדיק צונאָגט און צוטרייסלט געווען פון ספיקות, און איצט האָט ער דאָס מיטאַמאָל דערגרייכט. דאָס איז געווען ווי דער גרויסער געווינס. וואָס פאַלט אוים איינער צווישן הונדערט־טויזנט לאָזן, און איצט איז ער געשטאַנען גאוהדיק און פון אויבן אַראָפּ געקוקט אַפן קלוגעטשקן יצחק לאַנדויער, וועלכער האָט געשמייכלט און מיטן קאָפּ געשאָקלט אַף זיין גלויבן אין דעם קליינעם, אָרימען פרינץ.

נו, איצט וועט ער שוין שטאָלץ און מעכטיק זיין, די הונדערטער גלענצנדע זאַלן האָבן זיך פאַר אים געעפנט. איצט וועט ער, ווי אַ גלײַכער צווישן גלײַכע, שוין זיצן מיט די מעכטיקע פון דער וועלט בײַ פּראַכטיקע טישן; יענע, וועלכע האָבן אָקאָרשט נאָך געהויבן אַ פוס קעגן אים, וועלן איצט פאַר אים בוקן זייערע רוקנס. יענע, וואָס האָבן אים געלאָזט וואַרטן, וועלן איצט אַליין שעהנלאַנג מוזן וואַרטן בײַ זיין טיר, ביז ער וועט זיי צולאָזן צו זיך. און פרויען, שנייוויַיסע, גלענצנדע, חשובע, וועלכע האָבן אים ביז איצט אַרויסגעוויזן אַ חסד מיט זייער ליבע, וועלן אים איצט אַף די קני צוטראָגן זייערע שטאָלצע לײַבער. די דערנידעריקונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, וועט ער איצט מיט פּראָצענטן צוריק אָפּצאָלן, ער וועט באַווייזן די גרויסע פּריצים, אַז אַ איד קען טראָגן זיין קאָפּ נאָך צו מאָל העכער, ווי זיי.

ער האָט פאַרקויפט זיינע הייזער אין היידעלבערג און מאַנהיים, האָט אין אַ גאוהדיקן טאָן מודיע געווען, אַז ווער עס האָט נאָר וועלכע ניט איז תביעות צו אים, זאָל אַרוים מיטן לשון. דורך אַנגעשטעלטע קונים האָט ער אָפּגעקויפט אין שטוטגאַרט אַ

פֿאַלאַץ פֿון אַן אַראָפּגעקומענער אַריסטאָקראַטישער משפּחה, האָט אים אַפֿן פּראַקטיקסטן אופֿן געלאָזט באַנייען, האָט צוגעדונגען נאָך משרתים, פֿאַרפֿולקומט זײַן גאַרדעראָב, זײַן שטאַל, און האָט געמאַכט גרויסע הכנות אַף אַרויסצופֿאָרן מיט גרויס פֿאַראַד אַנטקעגן דעם הערצאָג.

און באַ דער אַרבעט האָט אים אופֿגעטראָפֿן יצחק לאַנדויער, ניט־מאַרקאַנט, פֿאַרשמאָלצן איז דער גרויסער פֿינאַנסמאַן געזעסן אין גרויסן פֿאָטעל, זיך געוואַרימט די מאָגערע בלוטאָרימע הענט, אַרויסרופֿנדיק מיט זײַנע פּאות, קאַפּאָטע און זײַן פֿאַרוואָרלאָזטער אויסערלעכקייט ווידערווילן באַ זיסן. „אײַך האָט געשפּילט דער מזל, ר׳ יוסף זיס”, האָט ער געזאָגט, אַ ביסל חוזקדיק, גוטמוטיק שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. „ווען עס וואָלט זיך אָבער ניט געווען אײַנגעגעבן, וואָלט איר אײַער גאַנצן פֿאַרמעגן פֿאַרלאָרן דורך דעם קבצן”. „איצט איז ער אין יעדן פֿאַל ניט קיין קבצן”, האָט זיס געזאָגט, אַביסל אײַנגעערגערט. „דאָס מיין איך טאַקע”, האָט יענער מיט גרייטקייט צוגעגעבן. און אינטים און באַלערנדיק ווייטער געזאָגט: „אָבער וואָס מאַכט איר דאָ פֿאַר אַ ווען און פֿאַר אַ גרויסע מחזקות? לאָזט זיך זאָגן פֿון אַן אַלטן געשעפֿטסמאַן, דאָס איז ניט פּראַקטיש, דאָס ברענגט נאָר שאָדן. וואָס בלאָזט איר זיך אָן און שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן דער זון? אַ איד דאַרף זיך ניט שטעלן אין אַזאַ אָרט, וויאַזוי אַלע זעען אים. לאָזט זיך זאָגן פֿון אַן אַלטן געשעפֿטסמאַן: אַ איד שטעלט זיך בעסער אין שאָטן”. און מיט אַ קליינעם, כאָרכלענדיקן געלעכטערל: „אַ וועקסל אין בוזעם־קעשענע איז בעסער פֿון גאָלדשטיקערײַ אַפֿן ראָק”. און גוטמוטיק מיט לײַכטן חוזק, האָט ער באַטאַפּט די שטיקערײַ אַף זיסעס אַרבל, אין דער צײַט, וואָס יענער האָט מיט ווידערווילן זיך געזוכט פֿון אים אַרויסצודרייען.

אָט אַזוי זײַנען זיי שוין די יונגע, האָט יצחק לאַנדויער זיך געטראַכט, גייענדיק פֿון זיס. זיי זינקען אַלץ טיפֿער אַראָפּ צו די גוים. זיי קאָנען זיך ניט באַגיין אָן רעש, אָן גלאַנץ, אָן געשטיקטע מלבושים. די אויבערפֿלאַכע נפֿשות, זיי באַגרייפֿן נישט פֿון דער

פײנער, פֿאַרבאָרגענער הנאה, וואָס מען קען האָבן דווקא הינטער דער קאַפּאָטע און פּאות.

זיס ווידער האָט געשפּאָט: וואָס פֿאַר אַ פּחדן דאָס איז. כּסדר זיך אויסבאַהאַלטן, צו וואָס דאַרף מען דען די מאַכט, אויב מען לאָזט זיך ניט זען? די אַלטפֿרײנקישע שטותערײען. נאָר ניט שטעכן די אויגן בײַ די קריסטן. נאָר זיך באַגראָבן אין שאָטן, איכ'ל זיך דווקא אַרײַנשטעלן אין ליכט, און אַלעמען גראַד אַרײַנקוקן אין די אויגן.

מיט גרויס פּראַכט איז ער אַרײַנגעפֿאָרן אין פֿראַנקפֿורט, צו זײַן מוטער, כּדי זיך איר צו װײַזן אין זײַן גלאַנץ. די שײנע אַלטע דאַמע האָט געפֿירט אַ רײַכן, באַקוועמען און פּוסטעפּאַסנעם לעבן. אין די אַמאָליקע יאָרן זײַנען אירע טעג טאַקע אויסגעפֿילט געווען. גאַנץ דײַטשלאַנד האָט די שווישפּילערין מיכאַעלע דורכ־געקוועלט און אַלע אירע ווערן זײַנען געדיכט באַזײַט געווען מיט מענער, אַוואַנטיוריסטן, תאוות, נצחונות, באַזאָרגענישן, געווירבל. איצט האָט זי אויסגעפֿילט אירע טעג מיט מאַסאַזש, האָט געפֿירט אַ טומלדיקע, רײַכע קאָרעספּאָנדענץ, האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט אין דעם לעבן פֿון אירע סך באַקאַנטע. זיס האָט זיך געגרויסט פֿאַר איר, זי האָט אײַנגעזופּט אין זיך זײַן גלאַנץ, האָט מיט גרויסע אויגן געזויגן זײַן לאַרעמדיקע באַרימערײַ.

אינמיטן פֿון זײער פֿאַרביקן כוואַליעדיקן שמועס איז אַרײַן ר׳ גבריאל. זיס האָט געהאַלטן אין דערצײלן וועגן די סך פּרויען, וואָס שטופּן זיך אין זײַנע חדרים. און מיכאַעלע האָט זשעדנע זיך אײַנגעהערט. דער ברײטער, שטײנערנער, אָנגעכמו־רעטער פּנים פֿונם אַלטן האָט ווי אַ מעכטיקער פּעלז צודריקט די אַלע, מילדע בונטע פּנימער. יאָ, ער ווײס, אַז דער נײַער הערצאָג קומט שוין באַלד אָן. זיס איז, פֿאַרשטײט זיך, אַרויסגע־פֿאָרן אים אַנטקעגן. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ קילן, מאַטן חוזק, אַז אַלע דערגרײכונגען זײַנען מיטאַמאָל אַזוי אָנמעכטיק און ספּקדיק געוואָרן. נאָכדעם האָט ער, אַגב אורחא, געפֿרעגט, ווען וועט שוין זיס אַמאָל קומען קײן הירזאו. די מײדל מוז אים שוין זען. זיס האָט זיך געדרײט, אויסגעמידן, און דער אַלטער

איז ווייטער ניט צוגעשטאַנען, נאָר די דריי קנייטשן האָבן זיך טיפער אַריינגעשניטן אין שטערן. ער האָט אַרופגעקוקט פון דער מוטער צום זון, פונם זון צו דער מוטער, איז באַלד אַוועק.

כל זמן ער איז דאָ געווען, איז מיכאַעלע געווען אומרואיק, האָט צושראָקן און צעטומלט געציטערט, ווי אַ פויגל, און ווען ער איז אַרויס, האָט אויך זים מיט גרויס מאַטערניש ווידער צוזאַמענגענומען זיין שטאָלץ און גלאַנץ, וואָס איז צושלייִדערט געוואָרן איבער אַלע ווינקעלעך. פאַמעלעך און ניט־זיכער האָט ער זיך ווייטער אָנגעגאַרטלט די אַלטע פראַכט און האָט מיט פאָרזיכט זיך גענומען לוסטיק מאַכן איבערן אַלטן. אָבער די מוטער האָט ניט מיטגעהאָלפן און זיין אָפשייד איז ניט אַזוי שטראַלנדיק און באַפרידיקט געווען, ווי זיין אָנקום.

אין רעגענסבורג האָט אים דער הערצאָג אויפגענומען מיט רעש און אין אַ מונטערער שטימונג. רעמכינגען, מיטן שטאַרקרויטן פנים אונטערן ווייסן פאַריק איז אים באַפאַלן מיט גראָבע גלייכווערטלעך; ער האָט בכלל ניט ליב געהאַט קיין אידן, און אָדער מיט זיין אויסגעפוצטקייט און חניפה, האָט אים גאָר שטאַרק אָפגעשטויסן. אויך דער אַלטער טורן און טאַקסיס איז געווען איינגעהאַלטן, ער האָט דעם אידן ניט געקענט מוחל זיין, ווי ער האָט דעמאָלט אין מאָנבייזשו מיט זיין בלאַסגעלן סאַלאָן אָפגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיין בלאַסגעלן פראַק.

די הערצאָגין אָבער האָט מיט געפעליקייט און באַלוסטיקט אים געשמייכלט אַנטקעגן. די שמאָלע טאַליע מיטן שמייכלדיקן קאָפ האָט גראַציעז זיך אַרויסגעהויבן פון דעם מעכטיק אויסגעפוצטן, טונקלבלויען סאַמעטראָק. לייטזעליק האָט זי דערלאַנגט דעם איד צום קושן די קליינע, פליישיקע געכאָוועטע הענטעלע און מיט דער אַנדערער האָט זי מאַנירלעך אונטערגעהאַלטן די אויבערשטע פאַלטן פון דעם ראָק. נו־נו, אָט האָט ער דאָס אַביסל געמוזט איר אין האַנט אַריינקושן טונקעלע און תאוהדיקע געדאַנקען! פון זיינע אויגן האָט נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט גרענעצלאָזע הכנעה. און ווי אָנגעטאָן ער איז געווען, ניימאָדיש פון קאָפ ביז די פיס. עס איז געוויס אינטערעסאַנט, לאָזן אַרומדרייען אַרום

זיך אַזאַ מין אידל, וואָס האָט אַ פּנים פון דעם עלעגאַנטסטן ווערסאַילער פּריץ און וועלכער באַהאַלט הינטער אַזאַ פּיינעם, הירשברוינעם ראָק זיין פּאַסקודנע אידישע האַרץ, וואָס ווימלט בלי ספק מיט כלערליי בייזע, גיפטיקע מחשבות און כוונות.

דער הערצאָג האָט מיט פאַראַכטונג און כעס גערעדט וועגן זיין ברודער, דעם פּרינץ היינריך פרידריך, און זיינע אונטער־האַנדלונגען מיטן פאַרלאַמענט. דאָ האָט זיס אַריינגערעדט, האָט מיט פאָרזיכט אָפּגעלאַכט פון דעם שטילן, צוקראָכענעם מורד, האָט אויך דערציילט וועגן זיין געליבטער, דער שטילער, טונקל־בלאָנדער, לעקישעוואַטער באַשעפעניש. דער הערצאָג האָט שטאַרק געלאַכט. אין זיינע אויגן איז אויפגעקומען אַ בייזער פייערל, עפּעס אַ פּלאַן. דער איד קאָן דאָך די מיידל, זאָל ער איר אָפּשילדערן. זיס האָט איר באַשריבן, האָט איר וואָוילקענעריש צוגלידערט, דער מאָכטער פון דעם אָרימען פּריץ, מילד, גרויס, שווער, איר בלאָנדקייט, איר וואַרימע, טעמפּע יוגנט. דער הערצאָג האָט זיך צוגעהאָרכט זשעדנע, באַפּרידיקט; זיין פּלאַן איז שוין רייף געוואָרן. „ער איז אַ קענער, איד“, האָט ער געלאַכט. „ער פאַרשטייט זיך ניט שלעכט אָף קריסטלעכע פרויען, דער גנב“.

אַליין געבליבן, האָט זיס נצחונדיק געשמייכלט. זיך אָנגעצייכנט זיין וועג. ער איז אים קלאָר געווען. חנפהנען דעם הערצאָג אָן גרענעצן, ניט פּחד האָבן פאַרן אַריבערכאַפּן די מאָס. שאַפן געלט פאַרן הערצאָג, און פאַר די געלט — פרויען, זעלנער, כבוד. אַלץ מער און מער. ניט צו איבערטריבן דערביי פאַרדינען, אָבער אים שאַפן אַזוי פיל פון דעם אַלעמען, אַז מען זאָל קענען רייך ווערן אַפילו באַ אַ קליינער פּרנסה. זיך לחלוטין ניט רעכענען מיטן פאַרלאַמענט. זיי באַהאַנדלען, ווי נידעריקע באַשעפענישן. דער איינציקער צוועק: געלט פאַר דעם הערצאַגס שאַצקאַמער.

ער איז צו צו קאַרל אַלעקסאַנדער פון דער אמתער זייט. ער האָט אויך גוט געטאָן, וואָס ער האָט זיך געקויפט דעם פּאַלאַץ אין שטוטגאַרט. און בשעת ער האָט פאַרלאָזן רעגענסבורג, אַרויספאָרנדיק פאַר דעם הערצאָג, איז ער שוין געווען דער

הערצאָגלעך־ווירטעמבערגישער געהיימער פינאַנסראַט. צו דעם פּאַפּיר וועגן דער באַשטימונג איז געווען צוגעלייגט אַ דעקרעט פון דער הערצאָגין, אַז זי באַשטימט אים אויך פאַרן פאַרוואַלטער פון איר פאַרמעגן.

אין שטוטגאַרט אומגעהויערע צוגרייטונגען אַף מקבל פּנים זיין דעם נייעם פירשט. די גאַנצע שטאָט איינגעטונקט אין מוזיק, האַרמאַט־שיסערייען, קולות. די פייערלעכע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן אַף אַ מהלך פון צוויי מייל: באַאַמטע, אָפיצערן, זעלנער־פוסגייער און רייטער, לויפערס, פּאַזשן. דער יום־טובֿדיקער עקיפּאַזש פונם הערצאָג אין זעכצן פּאָר פערד געשפּאַנט. אַזוי איז ער אַריינגעפאָרן אין דער באַשנייטער שטאָט, אונטער אַ העל־בלויען דעצעמבער־הימל, און הונדערטער בונטע פאָנעס האָבן אים אַנטקעגן געוויִעט אין דער פריילעכער לופט.

הערצער און מיילער ברייט אופגעעפנט האָבן די שטוט־גאַרטער זיך געפרייט מיט זייער אימפּאָזאַנטן מושל, וועלכער איז געזעסן מיט זיין מעכטיקן שאַרבן און שטרענגע אויגן, דער פעלץ צושפּיליעט איבער דער ברייטער, מיט שטערנס אויסגעזייטער ברוסט, און נאָך מער אפשר מיט זייער וואונדערלעך שיינער הערצאָגין, וועלכע איז געזעסן פאַרוויקלט אין אַ סך צאַרטווייסע רויכוואַרג, דעם קליינעם, זעלטענעם שלאַנגקאָפּ אונטער דער דיאַדעם, און מיט געלאַסענער נייגעריקייט אַראָפּגעקוקט אַף זיי גראַציעז, שמייכלענדיק. אין זיך האָט זי ניט ווייניק געחוזקט איבער די שוואָבן, וועלכע האָבן זיך אַזוי משמח געווען מיט איר, און וויפל לעכערלעכקייט האָט זי איינגעזען אין דעם בעל־דרשן פון טיבינגער אוניווערסיטעט, דעם גראָבן, פאַרשעמטן, פאַרשוויצטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט נעבעך אַזוי געהאָרעוועט, דעקלאַמירנדיק דעם אופגעדראָלענעם, פּילגאָרנדיקן שיר, מיט וועלכן ער האָט באַגריסט די פירשטלעכע פּאָר.

זיס איז באַשיידן און מיט דרך־ארץ אינגאַנצן פון הינטן געשטאַנען, בײַ די דינערס. ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק, אָן איבעריקן רעש אַריינצופאָרן אין שטוטגאַרט, איז אַריינגעצויגן אין

זיין פּרעכטיקער הויז און אין אָנהייב איז ער מיט גאָרנישט ניט אויפגעפאַלן. פון זיין לייב־דינער, דעם פלעגמאַטישן ניקלאַס פפעפלע, האָט מען זיך נישט געקענט דערוויסן, אַחוץ דעם, אַז דאָס איז אַן אָנגעזעענער מענטש פון דעם נייעם הערצאָגס הויף. ביסלעכווייז אָבער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער געהיימער פינאַנסראַט, טראָצדעם, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן און האָט אויסגעקוקט, ווי יעדער אַנדער פּריץ, איז אין דער אמתן געווען אַ פּשוטער איד. אייגנטלעך איז אידן פאַרווערט געווען זיך אופצוהאַלטן אינם הערצאָגטום. אין פאַרלאַמענט האָט מען זיך אויך שטאַרק געקרימט און מען האָט גרויס חשק געהאַט אַרויסצופראַווענען דעם איד פון לאַנד; אָבער צוליב אַזאַ נישטיקייט האָט מען שוין פון אָנהויב ניט געוואָלט מאַכן קיין מחלוקת מיטן הערצאָג. דער המון האָט נייגעריק און מיט חשד באַקוקט דעם איד; מען האָט געמוזט צוגעבן, אַז דערווייל פירט זיך דער נייער איד אויף לייטיש און וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, און איצט באַ דעם קבלת־פּנים איז ער אויך, ניט געקוקט אַף זיין גרויסן טיטול און זיין שטאָלצן אוניפאָרם, דאָך פאַרבליבן באַשיידן אין אַ ווינקעלע.

אָבער אין דריי טעג אַרום, בעתן אופנעם פונם פאַרלאַמענט, איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער געווען. שטאָלץ, קאַלט, שאַרף איז ער געשטאַנען צווישן די מיניסטערס און האָט פון אויבן אַראָפּ באַקוקט דעם געזעמל פונם פאַרלאַמענט. די קליינע הייפעלע פונם קאַבינעט, צווישן זיי דער איד, איז געשטאַנען אין בונטע, פּרעכטיקע אוניפאָרמעס, גאוהדיק אָפּגעגרענעצט פון דער געדיכטער, שוואַרצלעכער מחנה דעפּוטאַטן.

די פאַרזאַמלונג האָט לאַנג געוואַרט, כמעט אַ שעה איבער דער באַשטימטער צייט. און עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט דערטראָגן דער מאַרש, עס האָבן זיך נאָך ניט געהערט די באַפעלן פון דער פּאַלאַץ־שמירה פארן אַרויסגיין פונם הערצאָג. די טירן, וואָס האָבן געפירט אין די פּריוואַט־חדרים פון דעם הערצאָג, זיינען נאָך פאַרשלאָסן געווען. שוויצנדיק אין דעם שטאַרק־אָנגעהייצטן זאַל, מורמלענדיק, אָנגעכמורעט. האָבן די פאַרטרעטער פון פאָלק געטראָטן פון איין פוס אַף דער אַנדערער, אויך די מיניסטערס האָבן אָנ־

געהויבן אומגעדולדיק ווערן, מען האָט ניט דערוואַרט, אַז שוין פון ערשטן מאָמענט אָן זאָל דער הערצאָג שוין אָנהויבן אַזוי שאַרף זיך צו באַגיין מיטן פּאַרלאַמענט. האָט ער דאָס געטאָן בכיון? אָדער איז דאָס געווען אַ קאַפּריז? צי אַ צופאַל? צי אַ שוואַכער זכרון?

נאָר איינער האָט געוואוסט, וואָס דאָס איז. דער איד איז געשטאַנען, האָט געשמייכלט. האָט געהאַט דעם אמתן תענוג פון דעם שפּיצל, וואָס קאַרל אַלעקסאַנדער האָט צוגעטראַכט. דער פּאַרלאַמענט האָט געהאַט געשעפטן מיט זיין ברודער? גוט. נו, האָבן זיי איצט געמעגט איינגעוואַקסן ווערן שטייענדיק און וואַרטנדיק אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט דער געליבטער פון זיין ברודער, דער מילדער, טונקלבלאָנדער, רואיקער פּרויענצימער.

דער הערצאָג האָט אונטערגעאיילט דעם פּראָצעס פונם געוויזענעם הויפמאַרשאַל גרעוועניץ און זיין שוועסטער, דער גרעפין, אָבער ער איז דאָך זייער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען. דער אַמאָליקער אַלמעכטיקער מיניסטער איז טאַקע געזעסן אין דער תפיסה האָהענטוויל; אָבער מען האָט געמוזט זייער פאָרזיכטיק און לאַנגזאַם שטעלן טריט, כדי ניט באַשולדיקט צו ווערן אין אומגערעכטיקייט. וואָס שייך דער גרעפין, איז זי דאָך גאָר געווען אַף יענער זייט גרענעץ, די יעוואַנגעלישע הויפן האָבן זיך פאַר איר אָנגענומען קעגן דעם קאַטוילישן הערצאָג, און די שטילע, אָפּהיטנדיקע האַנט פון יצחק לאַנדויער האָט כסדר פונדאָסניי אויפגעקניפּט אַלע פּעדים, פון וועלכע די אומגעלומפּערטע ווירטעמבערגער יועצים האָבן זיך געמיט צו פאַרוועבן פאַר איר אַ נעץ. עס איז אפילו געזעצט געוואָרן פאַר איר אַ ספּעציעלער קרימינעלער בית-דין, דער ערשטער יוריסט פונם הערצאָגטום, דער שטרייטגער און געלערנטער טיבינגער פּראָפעסאָר מאָריץ דאַוויד האַרפּרעכט האָט אויסגעאַרבעט קעגן איר באַשולדיקונגען אין ביגאַמיע, אין כסדרדיקער, אין משך פון לאַנגע יאָרן פיל מאָל ווידערהוילטער פּעלשונג אין איר מאַן, אין דריי מאָרד-

פּרואוון קעגן עבערהאַרד לודוויגס פּרוי, אין איר קינסטלעכן מפּיל זיין, אין פעלשונג, רמאות, אין אַנדערע פאַרברעכנס. מען האָט איר אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. אַ ספּעציעלער ווירטעמבערגער שליח, באַראָן צעך, איז געשיקט גע־וואָרן קיין ווין, כדי אויסצופועלן, מען זאָל דעם פּסק־דין באַ־שטעטיקן, און כדי צו באַקומען די נויטיקע חתימות. האָט ער אַ סך געלט אויסגעגעבן, אַרום הונדערט דריי און פערציק טויזנט גילדן. אָבער צוליב דעם, וואָס יצחק לאַנדויער האָט זיך געלאָזט קאָסטן מער, אָדער צוליב דעם, וואָס ער איז געשיקטער געווען — אָבער דער ענין האָט זיך פאַרצויגן און צום סוף איז ער אינ־גאַנצן איינגעשלאָפן.

דעם הערצאָג איז שוין די געשיכטע לאַנגווייליק געוואָרן, און ס׳האָט אים בכלל דערגעסן די הערשעריי פון קאַבינעט. ער האָט אַרויסגעלאָזן עטלעכע שיינע מאַניפעסטן, האָט זיך איינגע־קויפט די ליבע פונם פאָלק און זיינע מיניסטערס. דער רעשדיקער גענעראַל רעמכינגען, דער חניפהדיקער דיפּלאָמאַט שיץ, דער כיטרער פינאַנסמאַן זים, האָבן טאָג־טעגלעך איינגעטענהט אין אים, אַז אַלץ איז שוין כשורה, אַז פאַר ווירטעמבערג איז איצט אָנ־געקומען אַ גאָלדענע תקופה. וואו איז דען איצט אין דייטשלאַנד פאַראַן נאָך איינער אַזאַ פירשט, וואָס זאָל אַזוי געטריי זיין זיינע התחייבותן? און שטאָלץ פאַר גאָט, פאַר לייט און פאַר זיך גופא, און נחת־רוחדיק פון דעם געפיל, אַז ער האָט כשר פאַר־דינט דעם טיטל, מיט וועלכן דער טיבינגער אוניווערסיטעט האָט אים באַשאָנקען, דעם טיטל: געטרייער פאַסטעך און באַלייטזע־ליקער פון דער מענטשהייט. האָט ער איבערגעלאָזן פאַר זיינע מיניסטערס די דערפילונג פון זיינע הבטחות, און אַליין איז ער, הונגעריק נאָך נייעם רום, צוריק אַוועקגעפאָרן צו דער אַרמיי.

זים האָט זיך באַראַטן מיטן געהיימראַט בילפינגער און מיטן פּראָפעסאָר האַרפּרעכט וועגן דעם פּראָצעס קעגן די ביידע גרעוועניצס. אַלע דריי זיינען זיי געזעסן אין דעם איבערטריבן־פּראַכטפולן קאַבינעט פון זים; דער איד שלאַנק, עלעגאַנט. די

בײדע װירטעמבערגער: שװערפעליק, ברײט, מיטן פּראָצעס האָט עס ניט גוט געהאַלטן. װױן פאָדערט, מען זאָל אַרױסלאָזן פון תּפֿיסה דעם פריערדיקן אױבערהױפּמאַרשאַל און מען זאָל אײנגײן אַף זײן פּשרה; ער האָט געװאָלט פאַר גאָר אַ קלײנעם געצאָלט אָפּטרעטן זײנע װירטעמבערגער נחלאות.

אין װױן איז מען אױך ניט נוטה געװען צו באַשטעטיקן דעם פּסק=דין קעגן דער גרעפין, און מען האָט אָנגעװיזן אַף אַ פינאַנסיעלער פּשרה. די בײדע װירטעמבערגער האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ מין אױסגלײך פּאַסט ניט פאַרן הערצאָגלעכן כּבוד. זײ אָבער האָט געהאַלטן, אַז דער ממשותדיקסטער דערפאָלג איז דער, װאָס לאָזט זיך אױסדריקן אין אַ הױכער ציפער, און אַז אַ גרױסער אָפּצאָל איז די האַרבסטע שטראָף פאַר אַזאַ פּראַקטישער פּרױענצימער װי די גרעפין איז. דעם משא ומתן זאָל מען אים נאָר אָנטרױען, ער װעט דאָס שױן דורכפירן צו דער פולקומער צופרידנקײט פונם הערצאָג. די בײדע ערנסטע און גערעכטע מענער האָבן אײנגעפונען, אַז די אָנשװאױנג איז לײכטזיניק, אױך האָבן זײ געװאוסט, אַז זיס פירט געשעפטן מיט דער גרעפין און זײ האָבן צו אים קײן צוטרױ ניט געהאַט. אָבער צום סוף איז דער װירטעמבערגער אַגענט צוריקגעקומען פון װױן אָן אַ שום פּעולה, און קײן אַנדער װעג, װי אַן אױסגלײך, איז ניט געבליבן, דאָס װעט דער איד דורכפירן בעסער פון אַן אַנדערן, און דער הערצאָג איז הײליק אײנגעגלױבט געװען אין זײן פלינקער און מזלדיקער האַנט. ניט שטאַרק צופרידן, האָבן זײ מסכּים געװען אַף דעם, אַז זיס זאָל פירן די װײטערדיקע אונטערהאַנדלונגען.

נאָכדעם איז מען אַריבער צום באַהאַנדלען עטלעכע שטײער=פּראָיעקטן און מאָנאָפּאָל=פּאָרשלאָגן, װאָס זיס האָט אַרײנגעטראָגן, און װעלכע זײנען געװען קעגן דעם גײסט פון דער קאָנסטיטוציע. האַרפּרעכט, אונטערגעהאָלפן דורך בילפינגערן, האָט ביז טריקעניש אין האַלז גערעדט קעגן דעם, און זיס האָט אױפמערקזאַם און העפלעך זיך צוגעהאָרכט. אָבער פּלוצלינג האָט דער געלערנטער דערזען די אױגן פון דעם פינאַנסמאַן, די גרױסע

געוועלבטע, גלאַנציקע, קלוגע, לאָקערנדיקע, אָנגעשרדיקע רויב־אויגן. געזען האָט ער זיי אָפט, אָבער איצט האָט ער זיי מיטאַמאָל דערקענט. וואָס פאַרא באַטרעף האָבן דען פאַר אָט די אויגן געהאַט פרייהייט, קאָנסטיטוציע, יושר. פאָלק? אַ מיטל פאַר עטלעכע פלינקע געשעפטמאַכער זיך אַרופצודראַפּען צו דעם אָרט. וואו ער איז געשטאַנען, צו טרייסלען דעם בוים, אַף וועלכן ער איז געזעסן, זיין בוים, דעם דערצאָג. דער געלערנטער האָט געזען, אַז אין דער קאָנסטיטוציע און אירע פאַרטרעטער מערקט ער נישט מער, ווי קאָנקורענץ, אַז ער האָט זיי פיינט מיט דער אומבאַטראַכטער שנאה פון אַ קאָנקורענט. פאַר די קלוגע אַריינכאַפּנדיקע, לאָקערנדיקע, זשעדנע אויגן פון דעם איד זיינען די אַלע הויכע ענינים צונישט געוואָרן, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין נאַרישע קינדער־חלומות, זיינען לעכערלעך געוואָרן. ער איז זיך פאָרגעקומען ווי אַ שוטה. וואָס ער רעדט דאָ פאַר דעם סוחר וועגן דעם גייסט פון די געזעצן, וועגן זייער שיינעם און שטאָלצן מהות. ער האָט דאָך גערעדט צו אַן אויסגעהוילטער, פאַרביקער מאַסקע; יענער האָט בלי ספק אַרויסגעקליבן פון זיינע רייד נאָר דאָס, וואָס ער האָט געקענט געברויכן פאַר זיינע עגאָאיסטישע פלענער. האַרפּרעכט האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעשלאָגן, דער לאַנגזאַמערער בילפינגער האָט אויך געשפּירט, וואָס עס האָט געשטערט זיין פריינט. די ביידע ווירטעמבערגער זיינען באַלד אַוועק, קיל, פאַרדראָסיק, מיט גרויס דרך־ארץ אַרויסבאַגלייט דורך דעם גלייכמעסיק העפלעכן זיס.

באַם אַרויסגיין האָבן זיי באַגעגנט יצחק לאַנדויער, וועמען זיס האָט געלאָזט רופן, כדי צו אָרדנען מיט אים די געלט־ענינים פון דער גרעפין. די ביידע מענער האָבן פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדער'ן אַפן וואונק, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצואַרבעטן אַן אָפּמאַך, וואָס זאָל אויסערלעך זיין גינסטיק פאַרן הערצאָג, אָבער באמת זאָל ער טאַקע זיין פון דער גרעפינס טובה וועגן. מען האָט זיך נעענטער צוגעקוקט איינער צום אַנדערן, פאָרמולירט דעם אָפּמאַך אַזוי, אַז צום סוף איז פאַר דעם הערצאָג אַרויסגעקומען אַ ריוח פון דרייהונדערט דריי און

צוואַנציק טויזנט גילדן, אָבער פאַקטיש האָט דער הערצאָג געמוזט אַרויסצאָלן דער גרעפין הונדערט אַכט און פופציק טויזנט גילדן, באַם איבערגעבן די סומע האָט זים אַראָפגעצויגן פון דער גרעפינס געלט דרייסיק טויזנט גילדן, וואָס ער האָט אָנגעגעבן פאַר הלוואות און אַוואַנסן, און דעם הערצאָג האָט ער אַריינגעשטעלט אין חשבון פינף טויזנט גילדן פאַר זיין טרחה.

אָט אַזוי האָבן די ליבע-ענינים פון דער גרעפין, וואָס האָבן אין משך פון אַזוי פיל יאָרן אַרויסגערופן אין לאַנד גרויס אומצופרידנקייט און פראָטעסטן, זיך פאַרענדיקט מיט אַ פיינעם ריוח פאַר דעם געהיימען פינאַנסראַט יוסף זים אָפּענהיימער. און פון איצט אָן האָט די גרעפין געפירט אין בערלין אַ שטורמישן און גלענצנדן לעבן. די זויערע פאַראַלמנטע הערצאָגין האָט איר גאַנצן לעבן אָפגעקריינקט, אירע שלאַפקייטן האָבן איר אַסך מאָל גובר געווען, די דאָקטוירים האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי זי האָט זיך יעדן מאָל אַרויסגעוויקלט. זי האָט אָבער געגלאָצט מיט אַ פליקער, גרויער, שטויביקער שנאה אַהין, קיין בערלין, צו דער פיינדין, דער ארורה, און אָפגעשטאָרבן איז זי ערשט מיט דריי וואָכן נאָך דער גרעפינס טויט.

מיט גרויס הנאה האָט זים געזופט אין זיך די לופט פון דער מאַכט. אין וועלכער ער האָט איצט געלעבט. זינט זיין גליקלעכן פראָיעקט אַף איינצופירן אַלגעמיינע מיליטערדינסט אין דעם הערצאָגטום, איז ער געווען דער אייגנטלעכער הערשער פון דער מדינה. ער איז געשטאַנען זייער הויך, נאָענט שוין צום באַרג-שפיץ, אַ לעפלעכער ציטער איז אַריבער איבערן חוט-השדרה, ווען מען האָט אַראָפגעקוקט אונטן, וואו מענטשן האָבן געפּוישעט און זיך געצאַפּלט. אַן אַנדערש מאָל, ווען זיין וואַרט-צימער איז געפאַקט געווען מיט אָפוואַרטנדיקע, איינגעשראָקענע, בעטנדיקע, האָט ער אַרומגעשפּריזט אין זיין קאַבינעט, די רויטע לעפצן אין דעם ווייסן פנים אין אַ שמייכל האַלב-אָפן, האָט זיך צוגעהערט צו דעם געמורמל, וואָס האָט זיך פאַרשטיקט פון פאָדערצימער אַריינגעגנבעט, האָט אויסגעגלייכט די ברוסט,

אופגעעטעמט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, משלח געווען אַלעמען פון וואַרטצימער. זיי ניט צוגעלאָזן צו זיך. יאָ, עס איז זייער וואויל און הערלעך געווען, צו באַזיצן מאַכט איבער מענטשן, מיט אַ הנאהדיקן סקרוך איבערן לייב האָט ער געשפּירט די פאַרשטיקטע אָנמעכטיקע שנאה, וואָס האָט אים אין פּנים שקלאַפיש געגריסט און הינטערן רוקן באַשפּיגן. די שנאה פון פאָלק איז אַ גוטע זאַך, האָט יצחק לאַנדוי־ער געזאָגט, שנאה באַטייט מאַכט, שנאה באַטייט קרעדיט.

מען האָט אים איבערגעגעבן אַ ווערטל, וואָס איז אַרומגע־גאַנגען אין פאָלק; דער קליינער, געזעצטער קאָנדיטאָר בענץ מיט די חזירשע אויגלעך האָט דאָס איינגעפירט, בעת ער האָט מיט אַנדערע בירגער געשמועסט פּאָליטיק אין דער קרעטשמע „צום „בלויעם באָק“. דער ווערטל איז געווען: אונטער יענעם הערצאָג האָט רעגירט אַ זונה, אונטערן איצטיקן — אַ איד. זים האָט געלאָזט ברייגגען צו זיך דעם קאָנדיטאָר. דער קליינער, געזעצטער מענטשל האָט געשוויצט, פחדניש אויסגעמידן אָנצוקוקן דעם איד, האָט געלייקנט שטיין און ביין. זים האָט צוזאַמענגערופן זיין גאַנץ הויזגעזינד און פאַר זיי אַלעמען, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז דער ווערטל שטאַמט פון אים, האָט דער פרייכנדיקער בענץ געמוזט געבן אַן ערן־וואָרט און שווערן בײַ זיין גאָט, אַז ער ווייס נישט דערפון און אַז ער האָט זיך ניט דערלויבט אַרויסצוברייגגען קיין באַליידיקנדן וואָרט קעגן זיין עקסעלענץ. נאָכדעם האָט ער געקושט בײַ דעם שמייכלענדיקן זים די האַנט און האָט אַף הינטערווייַלעכס זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. און זים האָט זיך געקלאָגט פאַרן הערצאָג, אַז דורך זיין געטרייען דינען צו אים, איז ער פאַרהאַסט בײַם פאָלק.

זיין הויז האָט ער געפירט אַף אַ פירשטלעכן אופן. פאַר אַ צימער־אַרכיטעקט האָט ער איינגעלאַדן אַ סיציליאַנער מייסטער אובאַלדאָ ריינערי, וועלכער איז שטאַרק אין מאָדע געווען און איז באַקאַנט געוואָרן דורך זיינע אַרבעטן פאַר דער הויכער פראַנצוי־זישער אַריסטאָקראַטיע. זיינע חדרים זיינען געפּאַקט געווען מיט טייערע טעפּיכן, גאָבעלענס, מיט פאַרפוצטע און פאַרצאַצקעטע

מעבל, מיט גיפּס, לאַפּיסלאַזולי און גאָלד, מיט ביוסטן און וואַזעס, זייט בײַ זייט מיט האָמער, סאָלאָן און אַריסטאָטעל, — איז דאָס געווען אומשולדיקייט אָדער חוזק, — זיינען געשטאַנען די ביוסטן פון משה רבינו און שלמה המלך. זיס האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אין מעריבדיקן דייטשלאַנד אַראָפּגעבראַכט פון פּאַריז די עקזאָטישע מאָדע, צווישן משה און סאָלאָן, צווישן האָמער און שלמה, זיינען ווי משונהדיקע קאָנטראַסטן געשטאַנען פיגורן פון כינעזער, קליינע קלינגעוודיקע פּאַגאָדעס. אָבער די הויפּט־שמחה און דער גרעסטער חידוש פאַר דאַמען איז געווען דער פּאָפּוגיי „עקיבא“, וועלכער האָט פון זיין גאָלדענעם שטייג אַרויסגעקרעכצט אַף פראַנצויזיש די דריי פראַזעס: גוט מאָרגן, מאַדאַם! ווי איז אייער דורכלויכט געשלאָפן? און: מיין לעבן געהערט צו מיין הערשער! זיינע שפּייזן זיינען געווען די אויסדערוויילטסטע אין דער גאַנצער מדינה. ער האָט געגעסן פון גאָלדענע און זילבערנע כלים, און ס'איז געווען אַ וואונדער, פון וואַנען ער האָט דאָס אַראָפּגעבראַכט אָט די אַלע פרעמדע מינים פלייש, מושלען, פּירות, וועלכע מען האָט ביז איצט אין שוואַבן גאָר אין די אויגן ניט אָנגעזען.

מיט שנאהדיקע אויגן האָט דער קאָנדיטאָר בענץ געקוקט אַף די קוכנס, זיסע פּיראָגן, קונסטווערק פון אייז און פּירות, וואָס דער אויסלענדישער קאָנדיטאָר האָט כסדר צוגעגרייט פאַר דעם איד.

די וויינרויטע, זילבערקנעפּיקע ליווריעס פון דעם אידנס משרתים זיינען באַלד שוין אומעטום באַקאַנט געווען. ער האָט זיך געהאַלטן אַ סעקרעטאַר, אַ ביליאָטעקאַר, לויפערס, הייַדוקעס, אַ קאָך, א שר־המשקה. איבער די אַלע דינערס האָט מיט זיין בלאַסן און פלעגמאַטישן פּנים געוועלטיקט ניקלאַס פּפעפלע, האָט אַלץ געזען, געאָרדנט דערגענצט. זיסעס קאַמערדינער האָט געהאַט אַ שווערע אַרבעט, דעם „מערקיר גאַלאַן“ האָט ער געמוזט וויסן אויסווייניק. דער געהיימער פינאַנסראַט האָט געוואָלט ניט אַנדערש זיין דער עלעגאַנטסטער מאַן אינם הערצאָגטום, זיין גאַרדעראָב איז יעדע צוויי־דריי וואָכן באַנייט געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ

ווילדע תאווה צו צירונג. דער סאָליטער, וואָס ער האָט געטראָגן אַפן פינגער, איז באַרימט געווען. די שנאַלן פון די שיך און די הענטשקעס זיינען אויך געווען באַזעצט מיט שטיינער. אין זיין בודואַר און אין זיין פּראַכטיקן שלאָפצימער זיינען אויסגעשטעלט געווען וויטרינעס מיט צירונג. פון די אוצרות האָט ער געטיילט מתנות זיינע באַזוכערינס, די דאַמען פון הויכן אַדל און די מיידלעך פון המון. קעגן דעם איז קיין ווידערשטאַנד ניט געווען, די יעניקע, וועלכע האָט באַקומען די מתנה, איז שוין געבליבן צוגעבונדן צו אים. די מענער האָט ער פאַרקויפט יוּאווועלן, דאָס איז געווען זיין באַליבטער האַנדל. עס איז דאָך אַזוי הערלעך געווען צו לאָזן דורכריזלען דורך זיינע פינגערן די סך קליינע אוצרות, צו פאַרקויפן אַ קליינעם שטיינדעלע פאַר אַ הויפן מטבעות, און ווידער אומצוביטן אַ גאַנצן הויפן מטבעות אַף איין קליינעם שטיינדעלע; אַזוי פיל מאַכט איז געלעגן אין אָט די קליינע אוצרות.

זיך צושלאָגן צו זים איז נאָך שווערער געווען, ווי אַריינצודרינגען צום הערצאָג. מען האָט געדאַרפט אַ סך בריוו שרייבן, אַרומלויפן און טענהן, ביז מען האָט באַקומען צוגעזאָגט אַן אוידיענץ, אָבער דעמאָלט איז מען נאָך אויך ניט זיכער געווען, און מען איז אָפט אָפגעשיקט געוואָרן מיט נישט, ניט אָנקומענדיק צום אידן. ער איז געווען דער באַנקיר פונם הערצאָג און האָט געהאַט דעם טיטל געהיימער פינאַנסראַט, נישט מער: אונטער אַ פּאָליטישן דאָקומענט איז קיינמאָל ניט געשטאַנען זיין חתימה. די קאָנסטיטוציע האָט פאַרווערט דעם אידן יעדן מלוכה-פּאָסטן, און זים איז געווען גענוג קלוג, לעת-עתה זיך צו באַגנוגענען מיט דער מאַכט אַליין, אָן אירע טיטלען. ער האָט געוואוסט, אַז דער אמתער הערשער פון הערצאָגטום איז ניט געווען קיין מיניסטער, און אויך ניט דער הערצאָג, נאָר ער. צו אים זיינען געקומען די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן; צו די קליינע צוזאַמענקונפטן, וואָס ער האָט בא זיך פאַרזאַמלט—דערווייל האָט ער נאָך אויסגעמידן, צו געבן גרויסע בעלער—האָט מען זיך געריסן מיט מער ברען, ווי צו די אַסאַמבלייעס פון די מיניסטערס. עס איז שוין אפילו געווען אַ פּאַרטיי, וואָס האָט שטאָל און אייזן געהאַלטן פאַר אים, האָט

פֿאַנאַנדערגעפּויקט איבער דער וועלט זיין חכמה און געשיקט=
קייט, זיינע פֿאַרדינסטן פֿאַרן הערצאָג און פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק און
האָט אים כּסדר אַרומגערינגלט, ווי אַ סוויטע. דער הויפּמיניסטער
פֿאָן=לאַמפּרעכטס האָט אַפֿילו געשיקט צו אים זיינע צוויי אינג=
לעך, זיי זאָלן אים באַדינען, ווי פּאַזשן, און זאָלן זיך אויסלער=
נען פֿון אים מאַנירן און די הויפֿישע מידות. „די אידישע גוואַרדיע"
האָט מען באַקרוינט די אָנהייגער פֿון פֿינאַנסראַט, דער קאָמערצ=
דירעקטאָר געאָרגי האָט דעם נאָמען אויסגעפֿונען; זיס האָט אים
דאָס ניט פֿאַרגעסן, און מען האָט אַ סך בּיליקע וויצן געטריבן
איבער דער גוואַרדיע. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז
רעכט האָבן טאַקע געהאַט די אָנהייגער פֿון זיס, ווייל וואָס
ווייטער, האָט מען זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז דער אמתער
הערשער אין לאַנד איז דער איד. דעמאָלט האָבן אַלע אָנגעהויבן
עולה רגל זיין אין זיין פּאַלאַץ, און מען האָט דאָרטן אַפֿילו
געזען די מעכטיקע שופֿר=נאָז פֿונם געהיימראַט שיץ, דעם פֿאַר=
כמורעטן, אויפֿגעפּרעסענעם פּאַרלאַמענט=יוריסט נייפֿער און דעם
עלעגאַנטן, חניפֿהדיק=באַשמעקנדיקן וויסענזע.

די פֿרויען האָבן מיט נייגעריקע, חשקדיקע און צושראָקענע
בּליקן שטענדיק באַגלייט די געשטאַלט פֿון דעם איד. מען האָט
זיך געשעפּטשעט וועגן אים גרויליקע, ווילדע און תּאווהדיקע
מעשׂות, ווי ער בּרענט זיך אַריין אין די בלוטן, פֿון די פֿרויען
מיט שוואַרצע קונצן, ווי ער שיינקט זיי אַוועק דעם שטן. דער
הערצאָג האָט פֿון דעם אידנס גוסט געהאַלטן מער, ווי פֿון זיינע אַנ=
דערע אָנפֿאַרטרויטע, און זיס האָט אים כּסדר געמוזט שיקן אין
לאַגער נייע פֿרויען. רעמכינגען האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער
זיסעס ליבעסגעשיכטן, האָט מיט קנאה געזאָגט, אַז ער באַגרייפֿט
ניט, ווי קען אַן אָנשטענדיקע קריסטלעכע פֿרויענצימער פֿועלן בּאַ
זיך צו שלאָפֿן מיט דעם איד, ער מוז ניט אַנדערש ווי באַנוצן
זיך מיט כּישוף. דער הערצאָג האָט דונערדיק געלאַכט, אַז אַ
שיינער פּנימל און פֿיינע ליטקעס זיינען דער בעסטער כּישוף. ער
האָט אויך אָנגעטרויט זיסן, אויסצוקלייבן די אַרטיסטינס פֿאַר זיין
אָפּערע און באַלעט. און אָפֿטמאָלס האָט ער געלאַכט, דער איד

איז אַ נאַשער און האָט פֿון אַ סך שיסלען גענאַשט נאָך פֿאַר אים. אַ לאַנגע שורה פֿון פּרויען, יונגע און רייפֿע, בלאָנדע און שוואַרצע, שוואַבישע און פֿרעמדלענדישע, לעפֿלעכע און הייסע, האָט זיך דורכגעצויגן דורך דעם שפּיגלווענטיקן שלאָפֿצימער, אונטער דעם סטעליע־בילד פֿון לעדאַ מיטן שוואַן. אָבער ווי באַ־רימעריש דער איד איז אויך אין אַנדערע ענינים ניט געווען, האָט ער זיך דאָ אָפּגעשלאָסן און האָט קיינעם ניט געמוקט וועגן זיינע דערפֿאָלגן, די שווערע, מיט וועלכע ער האָט שטאָלצירט, און די צאָלרייכע לייכטע. צווישן די סך רעשדיקע, גאוהדיקע קאַוואַלערן איז ער געווען דער איינציקער שתקן, און קיינער האָט פֿון אים נישט געקענט עפּעס אַרויסקריגן בנוגע די ענינים.

ווען דער איד האָט שוין אינגאַנצן אויסגעפּאַרטיקט זיין פּאַלאַץ, האָט ער איינגעלאַדן די גרעפֿין באַקוקן זיין הויז. און זי איז אַריינגעקומען, באַגלייט פֿון רעמכינגען. זי האָט אַרומגעטראָגן איר קליינעם, ראָסיקן קאָפּ פֿון דער פֿאַרב פֿון אַלטן מירמלשטיין איבער די שטראַלנדיק־אויפֿגעפּוצטע חדרים, האָט מיט אירע לאַנגע, שטראָמענדיקע אויגן באַקוקט די בינעזישע פּאָרצעלאַן, האָט געשמייכלט צום פּאָפּוגיי עקיבא, וועלכער האָט אַרויסגעזיפֿצט די פֿראַזע, „מיין לעבן געהערט צו מיין הערשער", האָט מיט די קליינע, צופּיעשטשעטע פֿינגערן געקלונגען אין די פּאַגאָדעס, האָט זיך געלאָזט געבן פֿון זיס אַ מתנה, אַ מערקווירדיק־אויס־געאַרבעטן, ניט זייער ווערטפֿולן רינג, איז מיט קליינע, טענצל־דיקע טריט פֿאַרביי די טיף־געבוקטע, וויינרויטע לאַקייען, אַרויס אין די שטאַלן און האָט דאָרטן געגעבן אַ שטיק צוקער דעם איידעלן שימל אַסיאַדע. האָט מיט באַפֿרידיקונג איינגעזאַפּט אין זיך די גרענעצלאָזע הכנעה פֿון זיס. אַנדערע האָבן געהאַט קליינע נעגערלעך, אָדער אַ שוואַרצברוינעם, אָדער גאָר אַ כי־נעזער; אָבער אַזאַ מין איד מיט אַ הויז און אַ פּאָפּוגיי און אַזאַ פֿיינעם שימל האָט אפֿילו ווערסאַיל אויך ניט פֿאַרמאָגט.

אָבער ווען זי איז שוין געזעסן אין קאַרעטע, צווישן דעם פֿאַרגאַפֿטן המון האָט זי מיט איר פֿאַמעלעכדיקער, אופֿרייצנדיקער שטים געזאָגט צום פֿינאַנסראַט, בעת יענער איז געשטאַנען טיף

געבויגן איבער איר האַנט: „אַלץ איז פֿײַן, איד. אַלץ איז שײַן אָבער דעם צימער, וואו די קריסטלעכע קינדערלעך ווערן אָפּגעקוילעט, האָט ער מיר דאָך ניט געוויזן". זי האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט מיט איר קלינגענדיקן, הנאהדיקן געלעכטערל און איז אָפּגעפֿאָרן.

זים איז אָן אַ היטל געבליבן שטיין פֿאַר דער טיר, און דער המון האָט אים באַגאַפֿט און זיך איינער דעם אַנדערן אונטערגעשטופּט, אָבער ער האָט נישט געמערקט און האָט נאָכגעקוקט איר קאַרעטע מיט זײַנע געוועלבטע, שוועבנדיקע, רײַדעוודיקע אויגן, און די שטאַרק־רויטע לעפּצן אין זײַן ווײַסן פּנים זײַנען געשטאַנען האַלב אָפֿן.

ווען פּרי־יאָר איז אָנגעקומען, האָט ר' גבריאל מיטאַמאָל, ווי זײַן מאָדע איז שוין געווען, פֿאַרלאָזן די ווײַסע, קליינע הײַזעלע מיט די בלומען־גראַדקעס. ער איז אַרומגעפֿאָרן, ניט אויפֿגעפֿאַלן, אָן דינערס, זײַן מאַסיווער, שווערער פּנים איז אויפֿגעשוואָלן אַמאָל דאָ אַמאָל דאָרטן; ער האָט זיך ניט געאײַלט, האָט אין ערגעץ ניט געהאַט קיין עסקים; אָבער ער האָט זיך אויך אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט, ער איז כּסדר געפֿאָרן, און זײַן וועג האָט זיך געדרייט, איז אַלץ ווײַטער אַוועק פֿון דעם שליאַך.

ער האָט זיך באַוויזן אין די בערג. איז אין משך פֿון צוויי טעג צײַט אָפּגעזעסן אין אַ פֿויערשער הײַזל בײַ אַ קליינעם בריקל איבער אַ וואַלדטײַך, האָט זיך צוגעקוקט, ווי די אָפּגעזעגטע בוימער האָבן זיך געטראָגן מיטן שטראָמענדיקן וואַסער, זיך אָנגעקליבן, פֿאַרקוועטשט זיך, בחפֿזונדיק געשוואומען אין דעם אָנגעקוואָלענעם וואַסער. האָט דורך נעכט זיך צוגעהערט צו דער אומרויִקער קלינגערײַ פֿון די שאַף, וואָס מען האָט געטריבן אַף די באַרג־לאָנקעס. ער איז אַרומגעפֿאָרן מיטן וועג צווישן די בערג צו דרום־צו. פֿון דרום־זײַט איז אָנגעקומען אַ ווינט, ס'האָט גערעגנט. אַ פֿײַכטע, שווערע לופֿט האָט זיך געוווירבלט, טונקלבלויע האָבן זיך געצויגן די בערג. ער איז אַרויס פֿון וואָגן, געגאַנגען פֿאָרויס.

אין דער צייט איז זים געפֿאָרן קיין הירזאָו. זינט דער פֿעטער האָט געבראַכט דעם קינד אין לאַנד, האָט ער שוין מער נים געקענט אַזוי פֿעסט פֿאַרמאַכן פֿאַר זיך דעם פֿאַרדעקטן עבר, ווי פֿריער. אַ הויך דערפֿון איז געקראָכן איבער זיינע פּאַפּירן, בעת ער האָט געחשבונט. האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיינע נעכט, אים אַרומגעפֿלאַטערט דעם נאַקן, בעת ער איז אַף זיין שימל געריטן איבער די גאַסן, אַז דער פֿערד איז אַפֿילו אומרואיק געוואָרן, האָט געהירזשעט, זיך געבריקעוועט. עס איז אַפֿילו פֿאָרגעקומען, אַז ער, דער פּראַקטישער בעל־חשבון, וועלכער האָט שאַרף און ניכטער אָנגערופֿן זאַכן באַ זייערע נעמען, האָט אין מיטן העלן טאָג מיטאַמאָל אופֿגעציטערט, אופֿגעהויבן די אַקסלען, ווי זיך וועלנדיק אָפּווערן פֿון עפּעס, פֿון איבער דער פּלייצע, בין־השמשותדיק, פֿאַרנעפּלט, האָט אים אָנגעקוקט אַ פּנים. און דאָס איז געווען זיין אייגענער פּנים.

שוין פֿון לאַנג האָט אים עפּעס געטריבן, צו פֿאָרן קיין הירזאָו, אין דער ווייסער הייזעלע מיט די בונטע, לוסטיקע בלומען, אים האָט אַלץ אָפּגעהאַלטן, און ער האָט זיך אַליין אין דעם קיין חשבון נים אָפּגעגעבן, די נאָענטקייט פֿון ר׳ גבריאל, די אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקע, לעסטיקע אומגעמיטלעכקייט פֿון זיינע מאַטע, אַרויסרופֿנדיקע, פֿאַרטריבט־גרויע אויגן.

איצט האָט ער זיך אויך נים מודה געווען, אַז צוליב דער אָפּוועזנקייט פֿונם אַלטן האָט ער זיך אַזוי גיך באַשלאָסן אַף דער נסיעה. ער איז געפֿאָרן צו נעמי, באַגלייט נאָר דורך ניקלאַס פּפֿעפֿלע, ער האָט זיך געפֿילט אַזוי לייכט און פֿריי, ווי נאָך קיינמאָל נים. ער איז געפֿאָרן צו זיין קינד, און אַלע זיינע חשבונות און פּאָליטיק און מאַכט און כבוד זיינען געבליבן געלייגט און פֿאַרשטויבט הינטער אים. ער האָט געזען די אופֿגעאַקערטע פֿעלדער און איינגעזאַפּט זייערע ריחות, און ער האָט נים געחשבונט, וויפֿיל דער פֿעלד וועט איינברייינגען און ווי מען זאָל פֿון דער געדעטעניש אַרויסקוועטשן נייע שטייערן, ער האָט געזען נאָר די צאַרטע פֿאַרב פֿון דעם יונגן קאָרן און האָט געזופּט אין זיך דעם ווייענדיקן ווינטל איבערן פֿעלד. ער האָט זיך געפֿרייט

מיט די הויכע, יום־טובדיקע בוימער, ניט באַרעכענענדיק דערביי די הכנסה פון זיי, ער האָט זיך משמח געווען מיטן מאַך און ווי אַ אינגל, האָט ער זיך געפרייט מיט די וועווערקעס, מיט וועלכע מען האָט דאָך פינאַנסיעל אייגנטלעך גאָרנישט געקענט דורכפירן. און בעת ער האָט געזען אַ דאָרפישן שייגעץ, וואָס איז געגאַנגען אַרומגענומען מיט זיין מיידל, האָט ער זיי פריילעך צוגעוואונקען, און נאָר טיף אונטערן באַוואוסטזיין איז אים אויפגעקומען אַ ווייטער געדאַנק וועגן באַשטייערן חתונות. ער איז געפאָרן צו זיין קינד, און זיין האַרץ איז שוין געווען בײַ זיין קינד. ווען וועט ער שוין דערזען די קליינע ווייסגלאַנציקע הייזעלע, און די בלומען־גראַדקעס פאַר איר? אָט קערט זיך אָפּ פונם שליאַך דער רייטוועג, זיס גייט אַרויס פון פור, גייט אַרויף אַפן פוסשטעגל. אָט איז דער פאַרקן. ער עפנט דעם באַהאַלטענעם טויער, גייט פאַרביי די הויכע בוימער, די גראַדקעס. — און אָט היינגט שוין די טאָכטער אַף זיין האַלז, זיך פאַרגייענדיק.

זי רעדט ניט. היינגט זיך אַף אים, קלעמט זיך איין, טרינקט אים איין זיך אַריין מיט גרויסע, באַנומענע אויגן, זיס שטייט און די גאַנצע שפּאַנונג און דער גאַנצער צוקוקן זיך פאַלט פון אים אָפּ. ער לאָזט זיך טרייבן מיטן שטראָם פון דער לעפּלעכער הנאהדיקער מינוט.

ווי שיין זיין קינד איז! זי איז שוין אינגאַנצן רייף. אַלץ אין איר — יעדער שטריך, די קלענסטע באַוועגונג, יעדער הערעלע, יעדער טאָן — אַלץ איז אַזוי, ווי ער האָט זיך גאָר אַנדערש ניט געוואונטשן. שיין איז זיין קינד, צאַרט און ריין איז זי, ריין־גליענדיק, ווי אַ צאַרטע ליכט.

ווען דער רבי איז דערביי געווען, איז ער געשטאַנען צווישן זיי, ווי אַ וואַנט, און ער האָט זיך כמעט געשראָקן פאַר זיין קינד. איצט זיינען אין אים אויפגעקומען וואונטשן און צוועקן אין שייכות מיט איר, וועלכע האָבן ביז איצט געשטומט, ווי געשלאָגענע הינט. פאַרוואָס פאַרבאַהאַלט ער זיין קינד פון מענטשן? זי מוז ווערן אַ מלכּת־שבא, אַן אסתּר המלכּה. זי מוז שטראַלן פאַר דער גאַנצער וועלט. פירשטן מוזן מלחמה האַלטן פאַר איר. זאָלן זיך

בעטלען בא אים צוליב איר, פון פאַנטאַסטישע מלוכות זאָלן אָנ־קומען פרינצן און ברענגען גאָלד און בשמים און אַלע אוצרות פון אדום און דאָס אַלץ אויסשפּרייטן פאַר אירע קינדישע פיס.

נאָכדעם איז ער מיט נעמי געשטאַנען אין ביבליאָטעק. דאָ זיינען געווען טאָוולען מיט מאַגישע פיגורן און מיט אַסטראָלאָגישע חשבונות, און מיטאַמאָל איז אים צומוט געוואָרן, אַזוי ווי דעם אַלטנס אויגן וואָלטן דאָ ערגעץ אין צימער געווען, ווי זיי וואָלטן געגלאָצט אַף אים, פאַרטריבט־גרוי, אומצופרידן, אומעטיק און אָפּלײמענדיק. און די גאָלדענע חלומות, מיט וועלכע ער האָט אָקאָרשט אַרומגעהאַנגען זיין קינד, זיינען אים מיטאַמאָל ברודיק און עקלדיק פאָרגעקומען.

און נעמי האָט אָנגעהויבן ריידן. מיט איר קליינעם, קינדישן קול האָט זי גערעדט וועגן דעם עץ־הדעת, וועגן דעם הימלישן מענטשן, וועגן די הייליקע אותיות פון דעם שם־המפורש; אירע באַנומענע אויגן האָבן גרויס און פרום געפלאַקערט אין דעם צאַרטן פנים, און די שווערע, אָפּלײמענדיקע לופט איז ערגעץ פאַרשוואונדן. זים האָט ניט אַרויסגעשטעלט מיט חוזק אַנטקעגן דער קבלה די ממשותדיקע ציפערן פון זיינע הויפּטביכער, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן בא זיין שרייבטיש, ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעווערט טעמפּ און צולהכעיסדיק, ווי אין דעם ווערגנדיקן דערבייזיין פון ר׳ גבריאל.

נאָך באַלעבטער האָט זי אָנגעהויבן ריידן וועגן די העלדן פון דעם הייליקן תנך. איר אויג האָט, פאַרבײגײענדיק, זיך געגאָסן אין איר פאָטער, און מיט פעסטע טריט איז אין צימער אַריין דוד מיטן שליידער, שמשון האָט געקעמפט, און רעכטס און לינקס זיינען די פלשתים געפאלן, פול מיט הייליקן צאָרן האָט יהודה המכבי געטריבן די געצנדינער פון בית־המקדש. אָבער מיטאַמאָל איז זי געבליבן שטיין און זיך פאַרכמורעט. זי האָט דערזען אבשלומען, ווי ער הייגנט אַף א צווייגן־געפלעכט פאַר זיינע שפּעדיקע האָר פאַרטשעפּעט, און מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן, מיט א שרעק איבער די אַקסלען, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָטערס וואַרימער, לעבעדיקער האַנט, האָט זיך פעסט אָן איר געהאַלטן.

ער האָט געענטפערט מיט אַ דריקן, אָבער האָט ניט געוואוסט, וואָס ס'האָט איר באַזעגט.

דריי טעג האָט ער אַזוי געלעבט, זאָרגלאָז און באַפרייט פון דער טאָגטעגלעכקייט. אַפן דריטן טאָג, ווען ער איז געזעסן אין צימער און ניקלאַס פּפעפלע איז מיט זיין פּעטן, אומבאַוועג־לעכן פּנים געשטאַנען פאַר אים, איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן די אויסנווועלט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. ער האָט דערזען דעם באַרג אקטן, וואָס איז געלעגן און געוואַרט אַף זיין אונטערשריפט. ער האָט דערזען די טומלדיקע וועלט, וואָס האָט זיך איצט געווירבלט אָן אים. אַזוי פיל ענינים האָבן דאָך פאַר דער צייט זיך געקאָנט פון אים אַרויס־גליטשן, זיינע קעגנער האָבן דאָך אַזוי פיל געקאָנט אופטאָן קעגן אים. ס'איז לחלוטין ניט צום באַגרייפן, וואָס ער זיצט דאָ אַזוי רואיק, און וואָס ער האָט די אַלע טעג ווענן גאָרנישט געטראַכט. אַלץ איז אים מיטאַמאָל פאָרגעקומען אַזוי נאַריש — בלומען, הייליקע חכמה. פאַר אים זיינען אופגעשטאַנען חשבונות, הערצאָג־לעכע באַפעלן, אינטריגעם פונם פאַרלאַמענט, פאַרפלאָנטערטע גע־שעפטן, לעבן, מאַכט. ער איז שוין ניט אינגאַנצן געווען בא זיין קינד, וועלכע איז אים געלעגן אין די אָרימס. ער האָט זיך א רים געטאָן, און די אַלע זאַכן — די מיידל, די ווייסע הויז, די יום־טובדיקע, לוסטיקע בלומען־גראַדקעס — אַלץ איז שוין געלעגן וויים הינטער אים. דער דעקל פון שאַכטל איז צוריק צוגעקלאַפּט געוואָרן.

ווי ער איז אַזוי גיך געגאַנגען דורך דעם וואַלד, צו דעם וועג צו, האָט ער פלוצלונג דערזען אונטער א בוים, באַם ראַנד פון אַ בלויזן אָרט אַ מיידל ליגנדיק, מיט אַ ברוינלעך־שאַרפן פּנים, טיפבלויע, גרויסע אויגן אונטער טונקעלע האָר, די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ, אין אלכסון אַרופקוקנדיק פון צווישן די בוימער, צום הימל צו. אָבער ניט אין דער פאָזע פון אַן אָפרו־ענדיקער, נאָר אָנגעשטרייגגט, פאַרקראַמפּט. ער איז צו גראד צו איר; זי איז געווען שיין, לחלוטין אַנדערש ווי די מיידלעך אין לאַנד, אַף דעם ברוינלעך־שאַרפן פּנים זיינען אָנגעשריבן געווען מאָדנע, ניט קיין אַלטעגלעכע געדאַנקען. און ווען ער איז שוין

גאָר נאָענט געווען צו איר, האָט זי אים דערזען, איז אופגעשפרונגען, אים אָנגעקוקט מיט אופגעריסענע שווארצאפלען, האָט גענומען שרייען: „דער טייוול! דער טייוול גייט דורכן וואַלד!”, און איז אנטלאָפן. דער גלייכגעוויכטיקער אלצווייסנדיקער ניקלאַס פּפעפלע האָט דערקלערט דעם דערשטוינטן זיס: „מאַגדאַלען סיבילע ווייסענזע, דעם פּרעלאַטס אַ טאָכטער, אַ פּיעטיסטין”.

שוין זיצנדיק אין עקיפּאַזש, האָט זיס זיך באַטראַכט, אַז וויבאַלד ער איז שוין יאָ אונטערוועגנס, וואָלט פּראַקטיש געווען פּערזענלעך צו פאַרענדיקן עטלעכע געשעפטן מיט זיינע געלט=מענטשן אין פראַנקפורט. ער האָט געשיקט נאָך זיין סעקרעטאַר, נאָך זיינע משרתים, איז אַריינגעפאָרן אין פראַנקפורט מיט גרוים פּראַכט.

די פראַנקפורטער אידן זיינען געשטאַנען פארחידושט און אופגערעקט, האָבן זיך געשושקעט, געשאָקלט מיט די קעפּ, געקנאַקט מיט די צינגער, געהויבן די הענט אין אַ באַלעבטן שמועס. א, יוסף זיס אָפּענהיימער! א, דער ווירטעמבערגער הויפפאַקטאָר און געהיימער פינאַנסראַט! זיין פאָטער איז געווען אַ קאָמעדיאַנט, זיין מוטער, די זינגערין, שיין, עלעגאַנט, אַלץ אמת, אָבער אַ לייכטזיניקער נפש, קיין כבוד דעם אידישן פאָלק, האָט זי ניט צוגעגעבן, זיין זיידע, ר׳ שלמה, זכרונו לברכה, דער חזן, אַ גאָטספאָרכטיקער, כשרער איד, אָבער אַ קליינער מענטשעלע, אַן אָרימאַן! און מיטאַמאָל יוסף זיס, אַזוי הויך, אַזוי גלענצנד, אַזוי מעכטיק, אַ סך העכער פון זיין ברודער, דעם דארמשטאַטער, וועלכער האָט זיך אָפּגעשמדט, כדי צו ווערן באַראָן. ווי זיין הערשער האָט אים דאָס דערהויבן. ער איז דאָך אַ איד, און די גוים רייסן פאַר אים אַראָפּ זייערע היטלעך און בוקן זיך פאַר אים ביז דער ערד, און ווי ער טוט נאָר אַ פּיפּס, קומען צולויפן די מיניסטערס און די יועצים, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער הערצאָג בכבודו ובעצמו.

זיס האָט תאוהדיק אַריינגעזאַפּט אין זיך די אַלגעמיינע באַוואונדערונג. ער האָט געטיילט פירשטלעכע נדבות פאַר שולעניים, פאַר אָרימעליט. דער פרנס איז געקומען און דער רב,

ר׳ יעקב יהושוע פֿאלק, אַן ערנסטער, קליינגעוויקסיקער, פֿאַרטראַכטער איד, אַ פֿאַרמעטענע הוט מיט דיקע אָדערן, טיף־איינגעגראָבענע אויגן, זיי האָבן באַדאַנקט, און דער רב האָט אים געגעבן זיין ברכה אַף דער ווייטערדיקער נסיעה.

ער איז געשטאַנען פֿאַר זיין מוטער, און די שיינע, אַלטע נאַרישע פֿרוי האָט אויסגעשפּרייט איר באַוואונדערונג פֿאַר זיינע פֿיס, אַזוי ווי אַ טעפּיך. זיינע פֿאַרבאָרגנסטע חלומות האָט ער אויסגעלייגט פֿאַר דער אופֿמערקזאַמער צוהערערין, וועלכע האָט מיט אַ גליקלעכן שמייכל געצערטלט זיין האַנט. און מיט פֿעסטע באַשלוסן, ניט פֿאַרפֿירט פֿון קיין שום אָפּהילכן פֿון דער ווייסער הייזעלע, פֿול מיט דרייסטע, אומדערהערטע פּלענער, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין שטוטגאַרט.

די מלחמה איז פארענדיקט געווען, קארל אלעקסאנדער איז צוריק געפארן אין זיין הויפטשטאט. ער איז געווען שלעכט געשטימט. ער האט אפילו פארהיט זיין מדינה פון איבערפאלן און גזילות, אבער ניט וועגן דעם האט ער געחלומט. דאס איז נאך ווייט געווען פון יענעם מלחמה=רום, וועגן וועלכן ער האט געטרוימט. פארדראסיק איז ער געזעסן אינם עקיפאזש, דער ווייטיק אין דער הינקעדיקער פוס האט זיך געשטארקט, זיין אסטמא האט אים געפלאגט.

אין שטוטגארט האט ער געהאט פארדרוס פון אלע זייטן. די הערצאגין האט אים מיט פרייד באגעגנט; און בײנאכט, אין זיינע ארעמס, האט זי אים, אף איר שטילן, לייכט=חוזקדיקן אופן, געפרעגט, וואס פאר א מלחמה=רויב ער האט אראפגעבראכט פאר איר פון ווערסאיל; א כלה זייענדיק האט זי געחלומט וועגן דעם, אז ער וועט פאר איר ארונטערייסן דעם פאריק פונם פראנצויזישן לודוויגס קאפ און וועט דאס איר ברייגנען ווי א טראפיי. פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען ניט מער, ווי אומשולדיקער אפשפילן זיך, אבער אים האט דאס שטארק געקריינקט.

נאכדעם האט זיך אף אים אנגעוועצט א נודנע פארלאמענטארישע קאמיסיע, האט פארלאנגט א באלדיקע אנטוואפנונג, ווייל שלום איז דאך שוין געשלאסן. דער הערצאג איז בלוירויט געווארן פון כעס, דער אטעם האט אים פארכאפט. נאר מיט גרויס מאטערניש האט ער זיך געצוואונגען, אויסצוהערן די דעפוטאציע, ניט ארופצופאלן אף זיי מיט די פויסטן, זיי ניט צו לאזן אַרעסטירן. צום סוף האט ער זיי ארויסגעיאגט. געלאזט רופן זיסן.

ווי שטענדיק, האט זיס שוין געהאט א פארטיקן פראיעקט אין קעשענע. קארל אלעקסאנדער האט אים אופגענומען נאכן באד. נייפער האט אים איינגעריבן די הינקעדיקע פוס. דער שווארצברוינער איז אהין און צוריק ארומגעלאפן מיט טיכער, קעם, בערשט. מיט א שמייכעלע האט זיס אנטוויקלט דעם גיפטיקן פלאן. אין אזא וויכטיקן ענין דארף זיין דורכלויכט זיך ניט באגנוגענען צו פירן פארהאנדלונגען נאר מיט די עלף דעפו=

טאַטן, די קאָמיסיע מוז פאַרגרעסערט ווערן, עס מוזן צו איר צוגעצויגן ווערן מיטגלידער פון די אַנדערע דעפוטאַטן. דערבײַ קומען, פאַרשטייט זיך, נאָר אין באַטראַכט געטרײַע און לאָיאַלע מענטשן.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט אויפמערקזאַם געקוקט אַפן אידן, שאַרף נאָכגעטראַכט, האָט גערדרייט זײַנס ווערטער אַף אַלע זײַטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַף אַזאַ אופן וועט די אָפּאָזיציע ווערן מאַכטלאָז אין פאַרלאַמענט, דער גאַנצער פאַרלאַמענט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ חברה צוקראָכענע שלימזלניקעס. מיטאַמאָל איז ער אויפגעשפרונגען: „ער איז א גאון, זים!“ האָט גענומען טראַמפּלען איבערן צימער, נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געפרעגט, ווי וועט מען אײַגנטלעך קענען ארויספישן אין פאַרלאַמענט די געטרײַע דעפוטאַטן. עניוותדיק און שטאָלץ צוגלײַך, האָט זים געענטפערט, דער הערצאָג זאָל זיך אין דעם, פאַרלאָזן אַף אים, און אויב צווישן די צוגעצויגענע דעפוטאַטן וועט זיך אײַנגעפינען נאָר איין אײנציקער מורד, מעג דער הערצאָג, אים, זיסן, מיט בזיונות אַרויסטרײַבן פון לאַנד.

דעמזעלביקן אָוונט נאָך האָט זים זיך באַראַטן מיט ווייסענזע. האָט אים מיטגעטיילט, אַז דער הערצאָג האַלט פאַר נויטיק, אין אַזאַ וויכטיקן ענין צו פאַרגרעסערן די קאָמיסיע; ווער פון די דעפוטאטן האָט דען, לויט דער מיינונג פון פרעלאַט, גענוג פאַרשטענדעניש פאַר גרויסע פראָבלעמען, כּדי צוגעצויגן צו ווערן צו דער אַרבעט? דער פרעלאַט האָט צייגערנדיק און פאָרזיכטיק אָנגערופן אַ צוויי-דריי נעמען, אין א ווײַלע אַרום האָט זים העפלעך אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז דער פּרעזידענט פונם הויפקירכראַט איז שוין צו אלט און אויסגעשעפּט, און אַז אַזאַ ראָטגעבער, ווי ווייסענזע, מיט אַזאַ דיפּלאָמאַטישן בליק און געניטקייט, וואָלט זײַער געוואונטשן געווען אין שטוטגאַרט. שטאַרק אָנגעלאָקט און געחנפהט, האָט דער פרעלאַט, שמייכלענדיק און באַטריבט גענומען ריידן וועגן דער אייגענער שוואַכקייט און וועגן דער פאַלשקייט, מיט וועלכער מען איז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, און האָט סוף כּל סוף מיט אַ זיפץ אָנגערופן די נויטיקע נעמען, דערבײַ מיט די

פאַרשוויגענע, אַרויסגעבנדיק די אָנהייגגער פון דער קאָנסטיטוציע.

אַ יאָ, מיר לעבן לחלוטין ניט אין דער בעסטער וועלט פון אַלע פּאָראַנענע. ווי עטלעכע מאָדערנע פילאָזאָפן ווילן האָבן, ס'איז אַ שלעכט־איינגעאָרדנטע, עקלדיקע וועלט. נאָר דער ניט־איבערגע־שפּיצטער האָט אין איר געקענט דורכקומען; ווער נאָר עס איז געווען קלוג און פאַרשפּיצט און ניט געוואָלט בלייבן שטיין אָן אַ זייט פון דעם לעבנשטראָם, האָט געמוזט ווערן אַ פאַרעטער.

פון פאַרלאַמענט זיינען דעמאָלט, לויט דער רשימה פון וויסענזע, אויסגעשלאָסן געוואָרן אַלע דעפּוטאַטן פון דער אָפּאָזיציע און ס'האָבן זיי ניט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסטן. אין די שטעט און אַנשטאַלטן זיינען אָנגעקומען הערצאָגלעכע קאָמיסאַרן און האָבן מיט מיליטערישער מאַכט דורכגעפירט אַלץ, כדי צו בינדן די דעפּוטאַטן און זיי ניט לאָזן קיין פרייהייט. אַף אַזאַ אופן איז אין פאַרלאַמענט דורכגעפירט געוואָרן אַלץ, וואָס דער הערצאָג האָט נאָר געוואָלט: ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן די אומגעהויערע מיליטערישע פאָדערונגען פון דעם הערצאָג און ס'איז פאַרטאָפּלט געוואָרן דער יערלעכער שטייער. די דעפּוטאַטן, איינגעשראָקן ביז טויט דורך די זעלנער, וועלכע האָבן זיי אַף יעדן טריט באַגלייט, האָבן נאָכגעגעבן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר פון זיי געפאָדערט. קיינמאָל נאָך, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס די קאָנסטיטוציע אין ווירטעמבערג עקסיסטירט, האָט אַ הערצאָג ניט באַקומען דורכן פאַרלאַמענט אַזעלכע הנחות, ווי קאַרל אַלעקסאַנדער און זיין איד האָבן דאָס דערגרייכט.

אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דער סעסיע, איז דער פּרעלאַט פון הירזאו, פיליפּ היינריך וויסענזע, באַשטימט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פונם הויפקירכראַט אין שטוטגאַרט.

קורץ נאָך דעם נצחון, וואָס זיס האָט אָפּגעהאַלטן אין פּאַרלאַמענט, איז אין זיין ירושה־שלאָס ווינענטאַל אָפּגעשטאָרבן דעם הערצאָגס ברודער, פּרינץ היינריך פרידריך. זינט קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געררויבט בא אים זיין געליבטע און איר נאָכדעם א פּאַריאָמערטע, אַ צובראָכענע, מיט געלעכטער און שפּאָט אָפּ־געשיקט צוריק צו אים, האָט דער קייזערלעכער פּרינץ זיך אופּ־געפרעסן אין מאַכטלאָזע נקמה־פאַנטאַזיעס. ער האָט פאַרזיכטיק און צווייקלאָז ווייטער געוואָלט אָנהייבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן פּאַרלאַמענט, אָבער דאָרטן האָט מען אים ניט געהאַלטן פאַרן נויטיקן מענטשן, און מען האָט אים ניט צוגעלאָזן צו זיך. ער האָט כסדר אָנגעקוקט מיט געפּייניקטע אויגן די שטילע, טונקלבלאָנדע פרוי בא זיין זייט, וועמענס אַלע טעג עס זיינען איצט געווען ניט מער, ווי אַ האָפנונגסלאָזע בקשה וועגן איינ־זעניש. איינמאָל האָט ער מיט זיינע שוואַכע, פאַרשוויצטע הענט אַרומגענומען איר שיינעם, פולן האַלז, האָט פּאַמעלעך גענומען דריקן, ווערגן, האָט נאָכדעם דערשראָקן אָפּגעלאָזן. איר גענומען גלעטן: „דו ביסט דאָך אין דעם ניט שולדיק, דו ביסט דאָך ניט שולדיק". ער האָט זיך אויסגעמאָלן ווילדע, פאַנטאַסטישע נקמה־סצענעס: ווי ער דערשטעכט דער געליבטער. ליגט אַרופ איר טויטן קערפּער צו זיך אַפן פערד, פליט מיט אימפּעט דורך דער מדינה, רופט דעם המון נאָך זיך, בלוטיקע נקמה צו נעמען. אָדער: ווי ער כאַפּט דעם ברודער, נויט אים צו קושן פאַר דער געליבטער די פיס. ווי ער טויט זיי נאָכדעם ביידן, לאָזט דער פרוי קומען צו קבורה, ווי אַ מלכה, און דעם ברודער באַגראָבט ער הינטער אַ פאַרקן, ווי אַ הונט. און ער גופא זיצט אַפן כתא־המלכות, איבער אַלעמען, ווי אַ טעאַטראַלער גאָט פון נקמה. אָבער פון דעם אַלעמען האָט ער גאָרנישט געקענט אופטאָן, אים איז נאָר געבליבן זיך אופצופרעסן און צו שטאַרבן.

באַלד, ווי קאַרל אַלעקסאַנדער האָט זיך דערוואוסט וועגן זיין ברודערס טויט, האָט ער געשיקט צוויי מיניסטערס אין שלאָס ווינענטאַל, צו פאַרזיגלען אַלץ, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט נאָכגעלאָזן, באַזונדערש זיין קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט באַקומען צו

הערן וועגן נייע אינטריגעס פון זיין ברודער מיט דער פאַרלאַ־מענטאַרישער אָפּאָזיציע. ער האָט געוואָלט פּאַקן די נעמען פון די יעניקע, וועלכע האָבן בוגד געווען אין אים.

אין דעם שטילן שלאָס האָבן אָבער זיינע שלוחים אופגע־טראָפן נאָר עטלעכע, צושראָקן־ארומשלייכנדיקע דינערס און בא דעם ארון האָט גלאָצנדיק, אַפּאַטיש, געקניט די בלאָנדע באַשע־פעניש. דעם הערצאָג האָבן זיי געבראַכט נאָר עטלעכע נית־וויכטיקע בריוולעך.

דער הערצאָג האָט געבושעוועט. ער איז זיכער געווען, איצט וועט ער זיי שוין אויסגעפינען די בוגדים, די יעניקע, וועלכע האָבן מיט זיין ברודער קעגן אים אינטריגירט. דורך דער אומגעשיקט־קייט פון די שלוחים איז פאַרלאָרן געגאַנגען די גוטע געלעגנהייט, אופצודעקן דעם שפּיל.

ער האָט די מיניסטערס פאַריאָגט, אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס.

אין די ברידער־געמיינדעס, חברות, ביבל־קאָלעגיעס פון די פּיעטיסטן, האָבן זיך געקליבן די פאַרמאַטערטע און באַלאָדענע. זיי זיינען געקראָכן צו גאָט, ווי געטרייע הינט, האָבן אים געלעקט די פיס, אומעטום אינם הערצאָגטום, ניט געקוקט אַף די שאַרפע איסורים, זיינען אופגעקומען דערוואַכטע און דערלויכטענע. אין ביטיגהיים האָט דער בעל־דרשן לודוויג בראַנקוועל, אַ תלמיד פון סוועדענבאָרג און פון בעאַטא שטורמין, מודיע געווען, אַז זיס איז אַ בייטש, וואָס גאָט האָט אין זיין חסד אַראָפּגעשיקט פון הימל. ווען אַ הונט ווערט דעם גאַנצן טאָג געשלאָגן, האָט ער געדרשנט, אַנטלויפט ער און זוכט זיך אַ נייעם באַלעבאָס. דער המון איז אויך בבחינת אַזאַ הונט. דער הערצאָג שלאָגט אים, די זעלנער שלאָגן אים, די באַאַמטע און די אָפיצערן שלאָגן אים, אָבער דער הארבכמער שטעקן איז דער איד זיס. דאָס וועט דער המון צום סוף ניט קענען אויסהאַלטן. וועט אַנטלויפן און זיך אויסזוכן אַ נייעם באַלעבאָס: קריסטוס. מען האָט דעם בעל־דרשן פאַרטריבן און ער האָט אין גרויס אָרימקייט זיך אַרומגעשלעפּט איבער

דײַטשלאַנד. אָבער זײַן לערע איז פֿאַרבליבן, און אויף זײַערע צונויפֿקומען האָבן די פּיעטיסטן געדאַנקט גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיי אַראָפּגעשיקט דעם אידן, די בײַטש, מיט וועלכער ער טרײַבט זיי צונויף.

דער פּרעלאַט ווײַטענזע איז אַריבערגעצויגן קיין שטוטגאַרט, אָבער זײַן טאָכטער, מאַגדאַלען סיבילע, איז געבליבן אין הירזאַו. זינט יענער שעה, וואָס זי האָט אין וואַלד דעם טײַוול געזען, האָט זי מער ניט געקענט לויזווערן פֿון דעם פּנים. זי האָט זיך געפֿילט געהייליקט מלחמה צו האַלטן מיטן טײַוול, אים אַריבער־צובאַקומען אויף גאָטס צד. אַ בײַנקעניש, געמישט מיט גרויל און נײַגעריקייט, האָט איר כּסדר פֿונדאָסנײַ געטריבן אין וואַלד, אָבער אַ צווייטן מאָל האָט זי שוין דאָרטן מער דעם טײַוול ניט באַגעגנט.

ס'איז משונהדיק געווען, וואָס פֿאַר די ברידער און שוועסטערן פֿון דער ביבל־קאָלעגיע איז זי נישט געווען ביכולת צו ריידן וועגן דער באַגעגעניש. אַפֿילו פֿאַר בעאַטאַ שטורמין, דער פֿירערין, דער דערוואַכטער, דער בלינדער און הייליקער, האָט זי דעם פּנים געהאַלטן בסוד. באַקעמפֿן דעם טײַוול איז געווען איר אייגענער סוד, איר אויפֿגאַבע, איר שליחות. אין איר זכּרון זײַנען זײַנע אויגן געוואָרן נאָך רויבערישער, געוועלבטער פֿלאַמיקער, זײַן מויל אינם ווײַסן פּנים איז נאָך רויטער, תּאוהדיקער און סכּנותדיקער געווען. סמאל איז שיין געווען, דאָס איז געווען זײַן גרעסטער כּח און פֿאַרפֿירערישקייט. אים נעמען בײַ דער האַנט, ניט אָפּלאָזן, פֿירן צו גאָט, אָט דאָס האָט געמוזט זײַן אַ נצחון, אין וועלכן מען האָט אינגאַנצן געקאָנט זיך פֿאַרגיין. מען האָט געמוזט די אויגן שליסן, אַזאַ תּענוג איז געווען דעם טריאומף זיך אויסצומאָלן.

די אָרימע ברידער און שוועסטערן האָבן דערווײַל גערעדט אין דער ביבל־קאָלעגיע וועגן די שלוחים פֿון בעל־זבוב, וועגן דעם הערצאָג און דעם איד. מאַגדאַלען סיבילע האָט זיך צוגעהערט מיט אַ רחמנות־געפֿיל. אַ איד, אַ קאַטוילישער הערצאָג — דאָס זײַנען דאָך געווען אַזעלכע נישטיקע, אומשולדיקע טײַוואָנימלעך

לגבי דעם אמתדיקן שטן, וואָס זי האָט געזען, ווען זי וועט זיך נאָך מוזן אַנטקעגנשטעלן.

דער מאַגיסטער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער האָט זיך אויך געהאַט זיין סוד. אַפילו די ברידער און שוועסטערן פון דער קאָלעגיע, אַלץ באַשיידענע דערשלאָגענע מענטשן, וועלכע האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שאַרפן חוש־הראיה, איז אויך אויפגעפאַלן דער הייליקער גלאַנץ, וואָס דער מילדער, לייכט־אויפגעבלאָזענער פנים פון דעם יונגנמאַן האָט אויסגעשטראַלט פון זיך, בעת מען האָט געזונגען די פרומע לידער וועגן הימלישן ירושלים. דעמאָלט האָט ער געזען פאַר דער וויסער הייזעלע מיט די בלומען־גראַדקעס אין אַ געצעלט די פאַרחלומטע מיידל, אָנגעטאָן אין פרעמדלענדישע מלבושים, אַ מאַטווייסן פנים אונטער בלוישוואַרצע האָר. ער איז נאָך מערערע מאָל פאַרשעמט, און צושראָקן געקראָכן איבערן פּאַרקן, ער האָט אויך אַ צווייטן מאָל געזען די מיידל, אָבער דאָס איז געווען אין אַ אומעטיקן, פליקן הארבסטיקן טאָג, זי איז געווען אָנגעטאָן אין טונקעלן און איר בילד האָט זיך פאַרלאָרן אַנטקעגן יענעם, דעם זעלטזאַמען, דעם שפּעדיק באַזונטן.

אָבער צווישן אים און מאַגדאַלען סיבילע האָט זיך איינגעשטעלט אַ וואונדערלעכע אינערלעכע פאַרבינדונג. די ברידער און שוועסטערן האָבן הכנעהדיק און דאַנקבאַר געזיפצט איבער די שווערע און גליקלעכע צייטן פון נויט און דערוואַכונג, איבער דעם שרעקלעכן איד, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט אָפן הערצאָגטום. און דער מאַגיסטער האָט געזען די הימלישע מיידל און מאַגדאַלען סיבילע האָט געזען סמאַלן. און זייערע חלומות האָבן זיך געשפּונען איבער אַלעמען און האָבן זיך ווייט געשפּרייט אַריבער זייערע פשוטע געזאַנגען און זיינען איינגעשלונגען געוואָרן איינער אינם אַנדערן און אויסגעפילט דעם ניכטערן, נאַקעטן, נידעריקן חדר.

דער שימל אַסיאַדע, וואָס טייטש „דער מזרחדיקער״ האָט זיך גיך צוגעוואוינט צו דעם מילדן שוואַבישן קלימאַט, אָבער ער האָט ניט געליטן די שוואָבן, זייערע הענט, זייער פאַרגרעבטקייט, זייער שווערפעליקייט. דער שימל איז געבאָרן געוואָרן אין תימן, איז פון דאָרטן אַריינגעפאַלן אין די שטאַלן פון קאַליף, נאָכדעם האָט אים אָפּגעקויפט דער לעוואַנטינער *) דאַניעלע פּאַאָ, און יענער האָט אים אָפּגעטראָטן זיין געשעפטספריינט, זיסן. זיס האָט געכאָוועט דעם פערד, אים גוט אופגעפּאַסט, ווייל דאָס איז געווען זיין אייגנטום, און ווייל עס איז אים גוט געשטאַנען, ווען ער איז אַף אים געריטן, אָבער געליבט האט ער אים ניט. ער האָט נאָך דעמאָלט בכלל ניט געוואוסט, אַז אין יעדן לעבעדיקן נפש איז געווען עפּעס פון אים. ער האָט דאָס טעמפּ און אומגעמיטלעך געשפּירט, בשעת ר׳ גבריאל האָט צו אים גערעדט, דאָס האָט אים אַזוי ליב געריזלט דורך די בלוטן, בעת ער האָט פאַרבראַכט מיט נעמי. אָבער ווי די קורצע רגעס זיינען אַוועק, איז דאָס פאַרזונקען געוואָרן פאַר אים, און ער האָט מער ניט געוואוסט דערפון.

אָבער דער שימל אַסיאַדע האָט דאָס יאָ געוואוסט. ער האָט געקאָנט די טריט פון זיין באַלעבאָס, זיין האַנט, זיין ליטקע, זיין ריח. בעת זיס איז אַף אים לייכט און גראַציעז געזעסן, האָט דער שימל זיך געטראַכט: ער האָט מיר ניט האַלט. אָבער עס איז אַ תענוג, אים צו טראָגן, מען שפּירט אים גאָרניט. ער איז ווי אַ שטיק פון מיר אַליין. ער הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ צוזאַמען מיט מיין אָטעם און מיינע מוסקלען. ווען ער קוקט מיר אָן, ווילט זיך מיר פליען און שוועבן. ווען זיין האַנט פּאַטשט מיר איבער דער הויט, בין איך זיכערער און פול רואיקייט און כחות. איך געהער צו אים, און ווען איך בין בא אים, בין איך שוין אין מיין היים. און אַסיאַדע האָט הויך געהויבן דעם קאָפּ און האָט מיט טריאומף געהירזשעט צו אַלעמען אַפן וועג: אופּ־פּאַסן! ער קומט! ער!

---

*) געמישטע ראַסע, קינדער פון אייראָפּייאישע פאָטערס און מזרחדיקע מוטערס.

ווייל איצט האָט שוין זיס אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט געטראָגן זיין מאַכט און מיט גאוה האָט ער געוויזן זיין מייסטערישקייט אין די מנהגים פון הויף און געזעלשאַפט. נאָר איין קאַוואַלערישן תענוג האָט ער פיינט געהאַט: די מאָדישע העציאַגד. אים איז מאָדנע נאַריש און עקלדיק פאָרגעקומען דער גאַנצער ענין פון צונויפטרייבן אין איין קופּע אומשולדיקע באַשעפענישן און נאָכדעם נעמען און אויסשיסן די אומבאַשיצטע און צושראָקענע בעלי=חיים.

ווען ער האָט געזען די בערג פּגרים, האָט אים אָנגעהויבן איבלען, און ווי ער האָט אויך ניט פּחד געהאַט, מען זאָל פון אין הויף קיין חוזק ניט מאַכן, האָט ער דאָך ניט געקענט פועלן באַ זיך צו עסן נבלה...

אָבער אַחוץ דעם איז ער געווען דער מיטלפּונקט פון אַלע פאַרוויילונגען, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין הויף. ער האָט פאַרגרעסערט די צאָל משרתים זיינע, אַזוי, אַז זיינע לייבהוזארן אין די רויטע ליווריעס האָבן שוין באַלד דערגרייכט די צאָל פון אַ ראָטע זעלנערס. די מיניסטערס און הויכע באַאַמטע האָט ער געהאַלטן אין שקלאַפישער אונטערגעוואָרפנקייט. פאַר אים האָבן זיי כמעט מער פּחד געהאַט, ווי פאַרן הערצאָג. באַם קלענסטן אַנטקעגנריידן האָט ער געדרויט מיט שמידן אין קייטן, מיט שמייסן, מיט קבורת=חמור.

דעם הערצאָג האָט זיס אינגאַנצן געהאַט אין זיין מאַכט. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט מיט סודותפולע פעדים זיך געפילט צוגעבונדן צו דעם מענטשן, וועלכער האָט דער ערשטער געגלויבט אין זיין אַרופשטייגן, און וועלכער האָט ווי מיט אַ כישוף, באַזייטיקט פון זיין וועג אַלע הינדערנישן, וואָס ער און זיינע מיניסטערס האָבן זיך אומזיסט געמאַטערט זיי צו באַזייטיקן. מיט גרויס באַוואונדערונג, צוגעמישט מיט אַ קאַפּעלע גרויל, האָט ער געזען, ווי אָט דער איד באַשאַפט פון נישט—אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט נאָר פון אים: געלט, פרויען, זעלנער. און בלינדערהייט איז ער נאָכגעגאַנגען יעדער עצה פון זיין פינאַנס=דירעקטאָר.

פון זיין פריעסטער יוגנט אָן האָט זיס געהאַט א גרענעצלאָזן צוטרוי צו זיך אַליין. פונדעסטוועגן זיינען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געשטוינט, וואָס פאַר אַן אופגאַבע ער האָט אַף זיך גענומען, און ווי שפּילעוודיק ער פירט איר אוים. די אַנדערע אידישע גרויסע געלטמענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייער האַנט דעם פולן כּוס מיט מאַכט, האָבן אויך אָפּטמאָל געהאַט אָנצונעמען אומגעהויער־וויכטיקע באַשלוסן, אָבער יענע האָבן זיך געהאַלטן אין שאָטן, אָדער זיינען געוואָרן קריסטן, אַזוי ווי זיין ברודער. אָבער ער, דער איד, איז פאַר גאַנץ אייראָפּע אין די אויגן איינזאַם געשטאַנען אַף זיין געפערלעכן באַרגשפּיץ, און אפילו דער אופמערקזאַמסטער בליק וואָלט אַף אים די קלענסטע וואַקלדיקייט נים געמערקט.

כּדי צו פירן זיין הויז אַף אַ פירשטלעכן אופן, כּדי צו האַלטן דעם הערצאָג אינגאַנצן און שטענדיק אין זיינע הענט, האָט ער נויטיק געהאַט געלט, געלט אין פאַנטאַסטישע סכומים און שטענדיק בשופיה. באַ די ווינער אָפּענהיימערס, זיינע קרובים, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו האָבן צו טאָן מיט גרויסע ציפערן. אָבער אין זיינע הענט איז דאָך געלעגן די פאַרוואַלטונג מיטן גאַנצן הערצאָגטום, דער האָב און גוטס פון צווייהונדערט שטעט און צוועלפהונדערט דערפער איז געשטאַנען אין זיין רשות. באַ זיין פיבערדיקער באַוועגלעכקייט, האָט ער די געלטער געוואָרפן אַהין און אַהער, האָט זיי געלאָזן זיך ווירבלען אין משוגענעם געלאַף. ער האָט געהאַט עסקים מיט אַלע געלטמענטשן פון אייראָפּע, דורך דער גרויסער אַרמיי פון זיינע מעקלערס איז די שוואַבישע געלט געפלאָסן דורך די קאָמפּליצירטסטע קאַנאַלן. ער האָט געפלאַנצט פלאַנטאַציעס אין האָלענדישן אינדיען, האָט אופגעקויפט פערד אין אַראַביען, האָט געטריבן העלעפאַנטן און שוואַרצע שקלאַפן באַ די אַפריקאַנישע ברעגעס. זיין פּרינציפּ איז געווען — אַ מאַוימדיקער, אומדערהערטער אומזאַץ. נים קיין פרנסות אַף פּרטים, אָבער ריזיקע ריווחים דורכדעם, וואָס פון אַלץ שטעלט זיך אָפּ אַ נישטיקער חלקל, און ער האָט זיך געמיט, צו האָבן זיין האַנט אין אַלע געלט-ענינים פון דייטשלאַנד.

ער האָט קאָנטראָלירט די אינדוסטריע און דעם מסחר אין אַלע ווינקעלעך פון אייראָפּע, און אַ חשובער טייל פון דעם, וואָס דײַטשלאַנד האָט בכלל פאַרמאָגט, איז געגאַנגען דורך זײַנע קאַסעס.

אָט אַזוי האָט ער אויסגעשפּאַנט אַ נעץ פון אונטערנעמונג, פּילאַרטיק, פאַרצווײַגט, איבער דער גאַנצער מדינה. ער האָט זיך געבאָדן אין מאַכט. אָבער אַנדערעמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, עפּעס אַזוי ווי ניט ער וואָלט דאָס געוועז, פון וועמען עס גייט דער גאַנצער גלענצנדער געוויבל. דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן די אַקסלען, ווי זיך אָפּוערנדיק, אַ פראָסט איז איבער אים אַריבער. אַן אומגעמיטלעכע געבונדנקייט האָט אים מיטאַמאָל ווי אָפּגע־לײַמט; אַלץ אַרום אים איז מטושטש געוואָרן, האָט פאַרלאָרן דעם גלאַנץ; ער האָט דערזען זיך אַליין זיך דרייענדיק אין אַ שטומען, געשפּענסטיקן קאַדריל, ר' גבריאל האָט אים געהאַלטן פאַר זײַן רעכטער האַנט, דער הערצאָג — פאַר דער לינקער. זיי האָבן זיך געשליינגלט, געשטעלט זייערע טריט, זיך פאַרנייגט. און איז דען דאָרטן ניט געגאַנגען מיט אים אויך יצחק לאַנדויער פאַר־פּענטעט מיט אים דורך אַ סך הענט? ווי גרוילעך־לעכערלעך ער האָט אויסגעזען מיט זײַן קאַפּאָטע און מיט זײַנע פּאות, אין דעם פאַרשווינענעם, מיושבדיקן, געצירקלטן טרעטן, פאַרנייגן זיך, דרייען זיך.

אָבער דער אומעטיקער, פאַרנעפּלטער בילד האָט אים גע־פּייניקט ניט לאַנג. נאָכדעם האָט ער זיך אונטערגעטונקט אין דעם טאָג, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, איז צושוואומען געוואָרן זיך צוקראָכן, און געבליבן איז די געלט, וואָס מען האָט געקענט גלעטן, פּאַקן, קנעטן, באַזיצן. ס'איז געווען און ס'איז געבליבן, גלאַנץ, מאַכט, געוויבל, לעבן.

דורך די פּראַכטפולע זאַלן פון זיסעס פּאַלאַץ האָט יצחק לאַנדויער געטראָגן זיין קאַפּאָטע, און אַף זיין אַרבל איז עקשנותדיק אָנגענייט געווען דער ווירטעמבערגער צייכן, דער S מיטן האָרן, וואָס קיינער האָט דאָס אייגנטלעך גאָר פון אים ניט געפאָדערט. די גלענצנדע שפּיגלען האָבן צווישן גאָלד און לאַפּיסלאַזולי אָפּגעשפּיגלט זיין געשטאַלט, דעם קלוגן, ביינערדיקן פּנים מיט די פּאות, דעם שיטערן, רויטבלאָנדן ציגענעם בערדעל. דער פינאַנס־דירעקטאָר האָט אים באַוויזן זיין הויז. דער מאַן מיט דער קאַפּאָטע איז געשטאַנען פאַר די וואַזעס, גאָבעליענס, קלינגעוודיקע פּאַגאָדעס, האָט מיט אַ שמייכעלע פון חוזק באַקוקט די אויסגעמאָלענע סטעליע, האָט מיט דער טרוקענער, קאַלטער האַנט לייכט אָנגעפּאַטשט דעם שימל אַסיאַדע, איז פאַרבייגעגאַנגען די צוויי פּאַזשן, וואָס זיינען שטראַם געשטאַנען בא ביידע זייטן אַריינגאַנג צו די פּריוואַטע חדרים, האָט מיט די פינגערן באַטאַפּט די טייערע מעבלשטאָפן, האָט מיט מערקווירדיקער זאַכקענטעניש אָנגערופן זייער פּרייז, מיטן קאָפּ שאָקלענדיק זיך אָפּגעשטעלט פאַר די ביוסטן פון משה, האָמער, שלמה, אַריסטאָטעל, געזאָגט: „דאָס האָט זיך משה רבינו געוויס קיינמאָל ניט געקענט אויסמאָלן". און פון דעם שטייג האָט אים אנטקעגן געקרעכצט דער פּאָפּוגיי עקיבא. „ווי זייט איר געשלאָפן די נאַכט?".

זיס האָט לאַנג געוואַרט אַף יצחק לאַנדויער. צו דעם באַזוך האָט ער זיך צוגעגרייט אַ סך מער, ווי צו דעם באַזוך פון אַ וועלכן ניט איז פירשט. ער האָט אויסגעקוקט די אויגן אַף אַן איבעראַשטער תנועה, אַף אַ וואָרט פון חידוש און אָנערקענונג; ער האָט געהאַט אַ ווילדן חשק צו מאַכן אַן איינדרוק דווקא אַף אָט דעם מענטש אין דער קאַפּאָטע. אָבער יצחק לאַנדויער האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געריבן די אונטערפרירנדיקע הענט, האָט מיט אַ שמייכעלע כסדר געמורמלט: „צוואָוואָס, ר' יוסף זיס, צוואָוואָס?"

דורכן קאַבינעט איז מיט אַ נייגעריקער מינע דורכגעגאַנגען סאָפיע פישער, די טאָכטער פון זיין קאַמערפיסקאַל פישער, וועלכע

איז שוין צוויי וואָכן געווען די געליבטע פונם פינאַנסדירעקטאָר און האָט געלעבט אין זיין הויז. אַ שלאַנקע, עפּעקטפולע מיידל, ווייס, באַליבט, רויטבלאָנד, זייער שיין, אַביסל באַנאַל. זיס האָט זיך אָנגעבייזערט, וואָס זי שטערט, זי האָט געזאָגט עפּעס אַ תירוץ, האָט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן באַקוקט יצחק לאַנדויער, איז אַרויס.

„צוואָס, ר' יוסף זיס?“ האָט יצחק לאַנדויער איבערגעחזרט, „צוואָס מיטאַמאָל דרייסיק משרתים?

עסט איר בעסער, שלאָפט זיך אייך זיסער, ווען איר האַלט דרייסיק דינערס, אַנשטאָט צו האַלטן דריי? איך פאַרשטיי נאָך, אַז איר האַלט באַ זיך די שיקסע, איך פאַרשטיי נאָך, אַז איר ווילט האָבן אַ שיינעם צימער אַף עסן, אַ גוטע, באַקוועמע בעט. אָבער צוואָס איז דער פּאַפּוגיי? וואָס האָט אַ איד צו טאָן מיט אַ פּאַפּוגיי?

זיס האָט געשוויגן, אָבער אין אים האָט געפלאַקערט אַן ערגערניש. לאַנדויערס ווערטער זיינען ניט געווען קיין נאַאיווקייט, דאָס איז געווען חוזק, קלאָרע, אָפענע חוזק-מאַכעריי. דער מענטש אין דער קאַפּאָטע האָט זיך דערלויבט אַזוינס, וואָס קיין מיניסטער האָט אַף דעם קיין העזה ניט געהאַט: אים אין פּנים האָט ער זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים. און ער איז מאַכטלאָז געווען לגבי אים. ער האָט אים נויטיק געהאַט, ער האָט געמוזט שווייגן. מסתמא וועט ער באַלד ווייטער אָנהויבן מיט זיינע אַלטפרענקישע מעשות, וואָס האָבן פאַר אונז קיין שום זין און ממשות ניט, מיטן ראַווענסבורגער קינדערמאָרד-פּראָצעס און מיט נאָך אַזעלכע שטותערייען. און ער, זיס, האָט דאָס אַלץ געמוזט אויסהערן. אָן יצחק לאַנדויער האָט מען קיין עסקים ניט געקענט מאַכן. עד, ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען אָפּצושטופּן אָן אַ זייט אָט דעם בזיונות-אָנטוענדיקן אומבאַקוועמען מענטש. אָבער לעת-עתה האָט מען אפילו טראַכטן וועגן דעם ניט געקענט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם געשעפטלעכן שמועס, האָט יצחק לאַנדויער זיך גענומען צו דערציילן אַ אידישע געשיכטע פון דער ווירטעמבערגישער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז געווען די מעשה מיטן

גרויסן אידישן קינסטלער אברהם קאלארנא פון איטאליען, ווען דער הערצאָג פרידריך דער ערשטער האָט מיט בערך הונדערט יאָר צוריק געלאָזט אַראָפּקומען צו זיך אין לאַנד. דער הערצאָג איז אינגאַנצן פאַרכישופט געווען פון דער ליבנסווירדיקייט, וואוילגעלערנטקייט און, דער פינאַנסטעכנישער גאונות פון דעם גרויסן אידישן קינסטלער. ער האָט געהאַט אין אים פולשטענדיקע אמונה, האָט שאַרף אָפּגעוואָרפן אַלע בקשות פון דעם פאַרלאַמענט און פון די גלחים, וואו מען האָט זיך געקלאָגט אַפן איד, און ער האָט אפילו — אַלץ צוליבן איד — אַרויסגעשיקט פונם הערצאָגטום דעם גלח אָסיאַנדער. און קאלארנא און זיין משפחה זיינען זיך בריוו און זיכער געזעסן. די געשיכטע אָבער האָט דאָך געהאַט א שרעקלעכן סוף. עטלעכע אידן זיינען פאַרפייניקט געוואָרן, די איבעריקע האָט מען נאַקעט און בלויז אַרויסגעטריבן פון לאַנד, א לאַנגע צייט נאָכדעם האָט מען אידן בכלל מער ניט אַריינגעלאָזן אינם הערצאָגטום. „פרעסנדיקע ווערים האָבן זיי אונז אָנגערופן“, האָט יצחק לאַנדויער געזאָגט. „נו יאָ, און זיי אַליין פרעסן גאָרניט? אַלץ, וואָס לעבט, תּרעסט און נאַגט, איינער נאָגט אוים דעם אַנדערן. איצט איז אייער צייט, ר' יוסף זיס, נאָגט, נאָגט, כּל־זמן זיי לאָזן אייך נאָך צו!“ און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט זיין קליינעם, כאָרכלענדיקן געלעכטערל.

ווען דער איד אין קאַפּאָטע איז אַרוים פונם פינאַנסדירעקטאָר, און איז, דורך דער הויכדיקער און בעסדיקער מורמלעריי פון די אָפּוואַרטנדיקע, אַרוים פון פאָדערצימער, האָט ער אין טיר באַגעגנט נייע באַזוכער: דעם פרעזידענט פונם קירכראַט, ווייסענזע, און זיין טאָכטער. ווען מאַגדאַלען סיבילע האָט געזען יצחק לאַנדויער, האָט זי געמיינט, אז ער איז דאָס זיס, אָט אַזאַ פּנים, פאַרשמאָלצן, מיט קאַפּאָטע און פאות, האָט טאַקע דער עקלדיקער שליח פון בעל־זבוב געהאַט אַף די בילדלעך, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען בסודי־סודות.

דעם פרעלאַט ווייסענזע האָט זיס איינמאָל אגב אורחא און זייער העפלעך געזאָגט, ער האָט געהערט, אַז דער פרעזידענט

האָט זייער אַ ליבנסווירדיקע פריילן טאָכטער. עס וואָלט זיין אַ שאָד, ווען די שיינע שוואַבישע דאַמען זאָלן בלייבן ווייט פון דער רעזידענץ, לודוויגסבורג און שטוטגאַרט זיינען ניט גענוג רייך, כּדי זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ אבן=טוב. ווי פריילן ווייסענזע דאַרף זיין, לויט די שילדערונגען, וואָס ער האָט געהערט. ווייסענזע האָט הבֿנעהדיק געדאַנקט, האָט זיך אומגעהויער געפרייט מיט דעם אינטערעס, וואָס זיין עקסעלענץ ווייזט אים אַרויס. אים איז געווען זייער לייכט איבערצורײדן זיין טאָכטער מיטצוקומען מיט אים קיין שטוטגאַרט, כּדי אָפּצושטאַטן זיסן אַ וויזיט. נאָך לייכטער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אין דעם האָט זי איינגעזען איר שליחות. וואו דען נאָך אַחוץ שטוטגאַרט, וואָלט זי געקענט דורכפירן איר הייליקע שליחות, וואו דען נאָך וואָלט זי געקענט ווידער באַגע=גענען דעם שטן, אויב ניט בײַ זיינע שלוחים, בײַ דעם הערצאָג און בײַ דעם איד? און מיט גרויס גרייטקייט איז זי מיטגעפאָרן מיט איר פאָטער קיין שטוטגאַרט.

ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז יצחק לאַנדויער איז ניט יענער איד איז זי אַביסל אַנטוישט געווען און איצט איז זי געזעסן אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג. זי האָט מען צוגעלאָזן פריער, ווי די אַנדערע. זי איז אַריין אין קאַבינעט פאַרבײַ דעם לאַקיי פאַרן פאָטער, האָט דערזען זים, דערקענט, אַז ער איז דאָס געווען דער מזיק, און איז געפאַלן אין חלשות. געקומען צו זיך, האָט זי דערהערט איבער זיך אַ נידעריקע, סאַמעטיקע שטים: „איך בין פאַרצווייפלט, וואָס מיט אייער פריילן טאָכטער האָט דאָס פּאַסירט גראַד איצט, ווען זי איז צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָטן מיין שוועל". איר פאָטער האט עפּעס געענטפערט. אונטער איר נאָז האָט מען געהאַלטן אַ ריח = פלעשעלע. איצט ניט עפענען די אויגן, ניט געניטיקט זיין, צו ריידן מיט אים, אים אָנצוקוקן, זי האָט געשפּירט, ווי בעל=זבובס אויגן, די שווערבנ=דיקע, הייסע, געוועלבטע, טוליען זיך צו איר ברוסט, צו אירע לענדן, און זי האָט זיך ווילד און אויפגערייצט געשעמט.

זים האָט, בעת דער שלאַפקייט פון דער מיידל, איר באַ=קוקט פון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט געזען, אַז זי איז שיין געווען,

ניט=באַרירט, פול זאַפטיקייט. ווי זי איז געלעגן און געעטעמט! ווי ברוינלעך בלאַס און מענלעך שאַרף איר פּנים איז געווען, ווי דרייסט דער שוואונק פון אירע שטאַרקע ברעמען. אין דער צייט, וואָס די לאַקייען זיינען געלאָפן נאָך עסענצן, נאָך אַ דאָקטאָר, האָט ער געטראַכט, אויב ער זאָל זיך דרייסטן איר צו עפענען דעם קאָרסאזש. מיט ווייסענזע, דעם אַלטן, קנעכטישן הויפמענטש, איז זיך בכלל ניט געווען וואָס צו רעכענען.

אָבער זי האָט שוין געעפנט די אויגן. ער האָט איר אופגעהויבן. מיט צאַרטע בליקן, ווערטער און באַרירונגען זיך געדרייט אַרום איר, הכנעהדיק, העפלעך, האָט זיך באַנוצט מיט אַלע שמן=זיתדיקע קונצן פון זיין לאַנגער געניטקייט. האָט אָנגעבאָטן דעם פאָטער אַ טראָגבעטל פאַר זיין טאָכטער, אַן עקיפּאַזש, אַ דאָקטאָר. האָט אַליין אַרויסבאַגלייט זיינע באַזוכער צום וואָגן, אונטערשטיצנדיק מאַגדאַלען סיבילע. באַם אַרויסגיין האָבן זיי באַגעגנט סאָפיע פישער. מיט פוילע טריט האָט די בלאָנדע, באַגייבטע פרוי געשלענדערט איבער די צימערן, האָט מיט אַ נייַלעריקן, קרומען, שנאהדיקן קוק באַטראַכט מאַגדאַלען סיבילע.

פּאַר דער הויז פון זים קלייבט זיך אַ גאַפנדיקער המון, נאַכט, אַ טריבער געמיש פון רעגן און שניי, שמייסיקער ווינט, אומגעמיטלעך קלעפּן זיך די קליידער צום גוף. מען שטייט צוגעפּריעסט איינער צום אַנדערן, מען וואַרט, מען קוקט זיך צו, ווי די קאַרעטעס פאָרן שטראַלנדיק און רעשדיק צום מאַסקנבאַל אין דעם פּאַלאַץ.

בּאַם אַריינגאַנג פלאַקערן פאַקלען. אַלע פענסטערן לייכטן. דריי לאַקייען שטייען אין דרויסן, אַף צו עפענען די טירן פון די קאַרעטעס.

איינע נאָך די אַנדערע קומען אָן די קאַרעטעס מיט די געסט. דער המון ציט זיך אויס די העלזער, שטייענדיק הינטער זיסעס לייבהוזאַרן און הינטער די שטאָטישע תּלינים, כּדי צו דערזען אונטער די מאַנטלען פון די געסט, זייערע קאָסטיומען.

פּונקט אין דער באַשטימטער צייט קומט אָן דער הערצאָגלעכער עקיפּאַזש. קאַרל אַלעקסאַנדער איז אַרויס, הייגט נאָר לייבט הינקענדיק, אין א קאָסטיום פון אַן אַלט גריכישן גיבור; מאַריע אויגוסטע איז געווען די געטין מינערוואַ. זי האָט געטראָגן אַ פּאַריק, איבער דעם אַ גאָלדענעם קיווער, אַרום דער טאַליע האָט שימערירט אַ פּיינער, גאָלדענער פּאַנצער; אין פּאַזש האָט איר נאָכגעטראָגן דעם וואַפּנשילד, אַן אַנדערער — אַ סאָווע.

די פּאַנפאַרעס האָבן שוין געזאָלט אָנהויבן שאַלן, כּדי צו באַגריסן די הערצאָגלעכע פּאָר, זים איז שוין געשטאַנען אין טיר, און זיך געגרייט צום קבלת־פּנים, דער עולם אין זאַל האָט זיך שוין מכין געווען, אָבער דער הערצאָג האָט זיך פאַרהאַלטן אינם אַריינגאַנג. לעבן זיין קירכראַט ווייסענזע האָט ער דערזען אַ מיידל, גרויס און שיין געוואַקסן, אין אַ קאָסטיום פון אַ פלאָרענטינער גערטנערין; ווען זי האָט, אויסטועענדיק דעם מאַנטל, און צורעכטמאַכנדיק אַף איר קאָפּ די גרויסע הוט אַף אַ מאָמענט אַראָפּגענומען די מאַסקע, האָט ער דערזען אַ מענלעך דרייסטן, ברוינלעכן פּנים, טיפבלויע אויגן, זיך מאָדנע אויסטיילנדיק אונטער גערדיכטע, טונקעלע ברעמען. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן, ווי שוין פון לאַנג נים בּאַם אָנבליק פון אַ פרוי. די פּיס זיינען אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַ

מין פּוסטקיים האָט זיך אים געהויבן פונם מאָגן אַרויף. די הער־צאָגין, לייכט שמייכלענדיק, האָט געוואָרפן אירע פלינקע אויגן פון קאַרל אַלעקסאַנדער אַף דער מיידל. „איך מיין, אַז מיר זאָלן שוין אַריינגיין", האָט זי געזאָגט. אין דעם מאָמענט איז צוגעקומען זים, שלאַנק און עלעגאַנט אין קאָסטיום פון אַ סאַראַצינער*). „ווער איז די דאַמע?" האָט קאַרל אַלעקסאַנדער געפרעגט. „די פרייליין טאָכטער פון ווייסענזע, דאַכט מיר", האָט דער איד געענטפערט. „פרייליין מאַגדאַלען סיבילע ווייסענזע". זיי זיינען אַריין אין זאַל. די פאַנפאַרעס האָבן געשאַלט. די געסט האָבן זיך טיף געבוקט.

די הערצאָגין האָט שטאַרק האָלט געהאַט קאָמעדיע און זים האָט דעריבער געעפנט דעם אָוונט מיט דער אופירונג פון אַ קליינער איטאַליענישער אָפּערע „דער הולטאַי קען איינעם ווילן". דערביי איז צום ערשטן מאָל אופגעטראָטן אַ נייע זינגערין, גראַציעלאַ וויטאַלי, אַ נעאַפּאָליטאַנערין, אַ קליינע, לעבעדיקע ווייבעלע, אַ ביסל פעטלייביק, מיט אַ ברוינלעכן, שיינעם גראָבלעכן פּנים, מיט צאַפּלדיקע אויגן. זים האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט נושא־חן זיין באַם הערצאָג און דער מין פּרוווּ איז טאַקע שטענדיק געווען קאַרל אַלעקסאַנדערס גוסט. אָבער ווען די זינגערין איז נאָך דער קאָמעדיע פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַרן הערצאָג, האָט אים געמאַכט חנדלעך, אים מיט די בליקן און מיט די תּנועות זיך אָנבאָטנדיק און וואַרטנדיק נאָר אַף דער רגע, ווען ער וועט זיך שוין מיט איר מיחד זיין, איז קאַרל אַלעקסאַנדער געווען זייער צושטרייט. און האָט איר געזאָגט עפּעס, ווי: אַף שפּעטער. אַף שפּעטער! עס איז קלאָר געווען, אַז אין זינען איז אים געלעגן אַן אַנדערע. דער נעאַפּאָליטאַנערין האָט מיט גרוים טרחה זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן איר אופּרעקונג, און ווען זי האָט באַקומען אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט זים אַליין, האָט זי אים שיעור נים אויסגעדראַפּעט די אויגן.

מאַגדאַלען סיבילע האָט בעת דער קאָמעדיע אויך נים אַראָפּגענומען די מאַסקע. אונטער איר האָט זי באַהאַלטן דעם

---

*) טערק.

נערוויין, זיך צופנדיקן פּנים. זי האָט מיט גרייטקייט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון פאָטער, צו קומען אַהער, אָבער איצט האָט זי מער קיין כּח ניט. זי איז ניט בּיכולת זיך דעם טייוול אַנטקעגנצושטעלן. וואָלט זי אין דעם זאַל ניט געקומען, זי איז איינגאַנצן צוריסן דורך איר אופגאַבּע. דאָס איז געווען אַ צו דרייסטער פאַרמעסטן זיך, מיט אָרימע, שוואַכע הענט אַריבּערצו־ציען דעם טייוול צו גאָט. זינט זי האָט דערזען, אַז דער איד איז דער טייוול, נאָגט עפּעס אין איר בּרוסט און נאָגט. זי האָט צו גאָט געשריען, אָבער גאָט האָט געשוויגן. די בּיכער, וואו עס רעדט זיך וועגן הכנעה, דערקענטעניש, זיינען נאָר פּאַפּיר, זי גלאָצט אין דער לופטן, זי וויל אונטערטויכן אין גאָט; אָבער די לופט בּלייבּט פּוסט, עס בּאַווייזט זיך ניט קיין פּנים, אַלץ איז אָפּגעשוואַכט און בּלויז נאַריש און טויט.

זינט יענעם טאָג האָט זי דעם איד ניט געזען. ער האָט מערערע מאָל זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר געזונט, איר געשיקט בּלומען. איינמאָל איז ער אויך געקומען צום פאָטער אין שטוב אָבער זי האָט אים אויסגעמידן. איינמאָל נאָר האָט זי אים געזען אַפן שלאָסּפּלאַץ, רייטנדיק אַף זיין שימל. קללות, שנאה, קנאה, האָבּן בּאַגלייט דעם שלאַנקן רוקן פונם רייטער, אָבער אַלץ איז פון אים אָפּגעשפּרונגען, סמאל האָט זיך ניט אומגעקוקט. זי האָט אים נאָכגעקוקט, נאָך אָנמעכטיקער פון דעם שילטנדיקן המון. זיי האָבּן לכל־הפּחות, געהאַט זלזולים, בּאַ איר האָט די אָנמעכ־טיקייט אויסגעטריקנט די האַרץ, די צונג, די אַקסלען.

זי האָט זיך לאַנג געקווייקלט, בּיז זי האָט מסכּים געווען צו גיין צו דער אַסאַמבּלייע אָבער איצט איז איר דער אַוונט פאַרשטערט געווען. זים האָט זיך וועגן איר ניט געקימערט, ער האָט געהאַט פאַר איר ניט מער, ווי אַ קילן וואָרט פון העפלעכער בּאַגריסונג. זי האָט דאָך ניט געקענט וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ קלוגע אויסרעכענונג. זי האָט נאָר געזען: סמאל האָט זיך אַף איר ניט אומגעקוקט. דאָס האָט איר געקריינקט מער פון אַ מפּלה.

נאָך דער שפּעדיקער און פראַכטפולער מאָלצייט איז דער

הערצאָג געזעסן אין אַ ווינקל פון ווינטערגארטן מיט מאַגדאַלען סיבילע.

באַלד נאָכן טיש, וואו ער האָט שטאַרק געשיכורט, האָט ער געגעבן זיסן אַ וואונק, אַז יענער זאָל אים אָפּגעבן אַף היינט זיין שלאָפצימער און זיין קאַבינעט, און ער זאָל עפּעס ווי אַריינפאַרן אַהין די טאָכטער פון דעם פּרעלאַט. זיסן האָבן די ווערטער געשטאָכן, ווי נאָדעלעך, ער האָט דערזען זיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער מיידל אין וואַלד, ווי זי האָט זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן פון אים, און שפּעטער, אין זיין אַרבעט־צימער ווי זי איז געפאַלן אין חלשות. אייגנטלעך האָט מאַגדאַלען סיבילע אינגאַנצן באַלאַנגט צו אים, מען האָט גאָרניט געדאַרפט האָבן קיין באַזונדערס שאַרפע אויג, כדי צו זען, אַז די מיידל ציט זיך צו אים מיט איר גאַנצן לייב און לעבן, און ווען קאַרל אַלעקסאַנדער האט איצט וועגן איר גערעדט, האָט אים אַרומ־באַפאַלן אַ שטאַרקע געלוסטונג צו איר. אָבער ער איז שוין געוואוינט געווען דערצו, אַז אין ערשטער שורה זאָלן גיין געשעפט און דער הערצאָג, און נאָכדעם זאָלן קומען פּרויען. און תאוות און געפילן, און קוקנדיק מיטן גרענעצלאָז־הכנעהדיקן בליק האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גליקלעך צו באַדינען זיין דערהויבנקייט. ער מאַכט נאָר אונטערטעניקסט אויפמערקזאַם, אַז די מיידל איז אַן עקסטאַטישע און זי באַקומט זייער לייכט אָנפאַלן, אויך איז זי אַ פּיעטיסטין, זייער אַ פרומע. דאָס האָט דעם הערצאָג באַזונדערס גערייצט.

די הערצאָגין האָט געזען, אַז איר מאַן שיינקט צו גרויסע אויפמערקזאַמקייט דער יונגער מיידל, און איצט, ווען קאַרל אַלעקסאַנדער איז געזעסן מיט איר אין אַ ווינקעלע פונם ווינטער־גאָרטן און גערעדט לעסטערנדיקע דיבורים, און איר אויפגעגעסן מיט זשעדנע, תאוהדיקע אויגן, איז מיטאַמאָל אריין אַ פּאַזש און גערופן דער מיידל צו דער הערצאָגין. מאַגדאַלען סיבילע איז באַפרייט געוואָרן פון דעם הערצאָג, איז צו צו דער הערצאָגין, וועלכע איז געזעסן אין קרייז פון אייניקע הערן און דאַמען פון דער העכערער געזעלשאַפט. באַ זיי איז געשטאַנען זיס און

דערציילט עפּעס לוסטיקס. די הערצאָגין האָט איר דערלאַנגט די האַנט צום קוש, אָבער די מיידל, איינגעשראָקן און צעטומלט פֿון דעם גאַנצן ניט־געוואוינטן פּראַכט און רעש, באַליידיקט דורך דעם הערצאָגס דיבורים און בליקן, האָט זיך היסטעריש פֿאַנאַנדער־געוויינט. זים האָט פֿלינק אויסגענוצט די געלעגנהייט, האָט געזאָגט, אַז ער וועט זאָרגן דערפֿאַר, אַז זי זאָל זיך באַרואיקן און האָט אַוועקגעפֿירט די שלוכצנדיקע, דערשיטערטע מיידל.

דער צימער אין וועלכן זים האָט אָפּגעפֿירט מאַגדאַלען סיבילע, איז געווען קיל און פּריש. דאָס איז געווען דער צימער פֿאַרן שלאָפֿצימער, און דורך אַ פֿאָרטיערע האָט מען געזען די פּראַכטיקע בעט מיט די גאָלדענע אַמורן. דאָ האָט מען אָנגע־שטעלט די פֿאַרשידענע קלייניקייטן פֿון אַלע צימערן, וואָס וואָלטן געשטערט דער פֿרייער באַוועגונג פֿון דעם גרויסן עולם. און דער צימער איז געפּאַקט געווען מיט די כינעזישע ליאַלקעס, פּאָרצעלאַן, ביוסטן, אויך דער שטייג מיטן פּאַפּוגײַ עקיבא איז דאָ געשטאַנען.

מאַגדאַלען סיבילע איז געזעסן אַף אַ נידעריקער סאַפֿקע, זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. מיט אירע גרויסע, באַנומענע אויגן האָט זי פּאַמעלעך אָנגעקוקט דעם מענטש, וואָס איז בײַ איר געזעסן. ער האָט געענטפֿערט אַף איר בליק מיט זיין גרענעצלאָז־הכנעהדיקן קוק, צו וועלכן ער האָט איצט נאָך צוגעמישט אַ פֿאָטערלעכע וואַרימקייט. אָרימער סמאל! האָט זיך מאַגדאַלען סיבילע געטראַכט. ער איז דאָך זייער אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער און אַן אומגליקלעכער. עס האָט ניט קיין זין, אָנצוהויבן ריידן מיט אים האַרבע דיבורים. איך וועל אים שטיל אָנעמען בײַ דער האַנט. און צו אים ריידן צאַרטע ווערטער אַזוי לאַנג, ביז ער וועט צוריק זיך אומקערן צו גאָט. ווי האָב איך גאָר געקענט זיך ספקן אין דעם, אויב איך וועל האָבן גענוג כח פֿאַר מיין שליחות. ער וואַרט דאָך נאָר אַף דעם, אַז עמיץ זאָל קומען און שלום מאַכן צווישן אים און גאָט.

„איך בין שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט, פֿריילין״, האָט זים אָנגעהויבן ריידן מיט זיין נידעריקער, צערטלענדיקער שטים, „וואָס שטענדיק פֿאַרלויפֿט זיך עפּעס מיט איך אין מיין קעגנוואַרט. ניט שוין־זשע איז מיין פּרצוף אַזוי ניט־אָנגענעם, פֿריילין? אָדער זיינען דאָס

אַזעלכע פּאַטאַלע צופאַלן?" און ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, „שפּילט ניט קיין קאָמעדיעס, הער פינאַנסדירעקטאָר", האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פּלוצלינג־אויפגעקומענער מוטיקייט און האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, פרומע אויגן. „איך ווייס זייער גוט, אַז איר זייט דער שטן, דער זון פון בליעל, און איר ווייסט, אַז איך בין געשיקט אַהער, כּדי זיך צו ראַנגלען מיט אייך און אייך אונטערטעניק מאַכן צו גאָט".

זיס האָט שוין אַ סך געניטקייט מיט פרויען געהאַט. ער איז שוין געוואוינט געווען צו כּלערליי איבעראַשונגען, ער האָט קיינמאָל זיך ניט פאַרלאָרן, אָבער דאָס, וואָס ער האָט איצט געהערט, איז פאַר אים געווען אַזוי ניי און משונהדיק, אַז ער האָט אָנגעוואָרן דעם לשון, און צום ערשטן מאָל האָט מיט אים געטראָפן, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. אָבער זי האָט זיך אים גאָרניט געלאָזט אָפּעטעמען, און האָט ווייטער געזאָגט, אַז אויב ער מיינט, אַז דער אויבערשטער וועט אים אָפּשטויסן, האָט ער אַ טעות, ווייל אויב מען וויל נאָר באמת אָפּוואַרפן די צולהכעיסדיקייט און עקשנות, און זיך אָפּרייניקן פון אַלע זינדיקע צרעת, באָדט זיך די נשמה אין גאָטס לייטזעליקייט, אַזוי ווי אין לעפּלעכע, לויטערע וואַסערן. און זי האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן אַזעלכע הימלישע ענינים און האָט אים אַפילו דערלאַנגט די האַנט אין גרויס היץ.

זיס האָט אַף זיין אופן רעאַגירט אַף די הייליקע רייד; ער האָט אָנגענומען איר האַנט, האָט עפּעס געזאָגט, און ער איז שוין געווען אַפן דרך זיך צו דערנעענטערן צו דער מיידל, ווי מיטאַמאָל איז אין צימער אַריין דער הערצאָג. מאַגדאַלען סיביליע האָט מיט שרעק אויפגעריסן די אויגן, עפּעס פאַרלאָרן געפּרעפּלט, אָבער דער איד האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַנטשולדיקט, און מיטאַמאָל איז זי שוין געווען אַליין מיטן הערצאָג, און דער פּאָפּוגיי האָט געטענהט: „מיין לעבן באַלאַנגט צו מיין הערשער", און הינטער דער פּאָרטיערע האָט זיך אין בלויזן, בלענדנדיקן שיין מיט חוצפּה אויסגעטיילט די פּראַכטיקע בעט. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט מיט אַ הייזעריקער, שיכּורער שטים געזאָגט עפּעס אַ גראָבן

וויץ, זי האָט געזען זיין רויטן פּנים. זיינע פאַרטונקלטע און פאַרווילדערטע אויגן, האָט דערשפּירט זיין שיכּורן, הייסן אָטעם, איז צו צו דער טיר, געזאָגט עפּעס, אַז זי וויל אַרויס צו די געסט. אָבער די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. דער הערצאָג האָט אָפּגעשפּיליעט זיין פאַנצער, איז צו צו איר, האָט מיט גרויליקע פינגערן זיך געצויגן איר אַרומצונעמען. זי האָט באַקומען כּחות, זיך ווילד געראַנגלט מיט דעם דערהיצטן, שטאַרקן מאַנסביל, אָבער אָן שום אויסזיכט. אָפּגעריסענע שטיקלעך פון ווייטער מוזיק זיינען אַריינגעדרונגען, זי האָט געשריען; אויפגערעקט און קרעכצנדיק האָט אַרומגעפּלאָטערט דער פּאָפּוגיי.

ווייסענזע, דער יוריסט נייפער און דער ווירצבורגער געהיימראַט פּיכטעל זיינען געזעסן אין אַ ווינקל זאַל און גערעדט פּאָליטיק. ווייסענזע איז אָבער ניט געווען אַריינגעטאַן אין דעם שמועס. ער האָט עפּעס דערשמעקט. ער האָט געדרייט זיינע בליקן אין אַלע זייט, האָט כּסדר געפרעגט בּאַ דעם און בּאַ יענעם, אויב מען האָט ניט געזען זיין טאָכטער; אָבער קיינער האָט מאַגדאַלען סיבּילע ניט געזען. און ווייסענזעס לאַנגע, פיינע הענט האָבן געשוויצט, און מיט זיינע סקעפּטישע אויגן האָט ער עפּעס געזוכט און גענישטערט.

ווען ער האָט אין דעם אַנדער עק זאַל דערזען זיסן, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר זיינע צוויי בעל=דבֿרים, איז אַף גיך צוגעלאָפן צום איד און געפרעגט אַף זיין טאָכטער. זיס האָט געענטפערט, אַז די פרייַלן האָט אַ לייכטן קאָפּווייטיק און זי איז אַריין זיך אָפּרוען אין אַ קילערן חדר. דער קירכראַט=פּרעזידענט האָט געוואָלט צו איר אַריינגיין, אָבער זיס האָט אים אָפּגעראָטן דערפון; דער פּרינץ אַליין, האָט ער געזאָגט, זאָרגט שוין דערפאַר, איר זאָל בעסער ווערן. דערבּיי האָט ער אָנגעקוקט ווייסענזע מיט אַ גלייכן, חוצפּהדיקן בליק און געשמייכלט מיט אַ שטעכיקן שמייכעלע. דער אַלטער האָט אָנגעהויבן ציטערן, האָט זיך געמוטשט צוזעצן, זיס האָט ווייטער געזאָגט מיט אַ געפעליקן שמייכעלע, דער הערצאָג האָט זיך זייער גנעדיק אָפּגערופן וועגן דעם קירכן=פּרעזידענט, און די טעג וועט ער בלי=ספק באַקומען

אַ העכערונג אין פּאָסטן און אויסצייכנונגען. ווייסענזע האָט אַ פּאָר מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, עפּעס אַף אַ משונהדיקן אופן, ווי ער וואָלט דערביי ניט געווען, און קוקנדיק פֿאַר זיך, אין דעם רעש פֿון דעם באַל, האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן זיין הויז אין הירזאַו, וועגן זיין דאָרטיקן, רואיקן, צופֿרידענעם לעבן, וועגן זיין אַרבעט, וועגן זיין שטילער, פֿרומער טאָכטער. און אין רעכטן מיטן פֿון די אַלע ווערטער, וואָס ווייסענזע האָט גערעדט, אייגנטלעך, מער צו זיך אַליין, איידער צו זיס איז ער מיטאַמאָל פֿאַרשטומט געוואָרן; פּונקט אַזוי פּלוצלינג, ווי ער האָט אָנגעהויבן. זיס האָט פֿון אויבן ביז אַראָפּ באַקוקט דעם הילפֿלאָזן, אין זיך פֿאַרזונקענעם אַלטן מאַן, און מיט אַ חוצפּהדיקער, אומפֿאַרדעקטער שטים האָט ער זיך אַריינגעריסן אין זיין שטילשווייגן: „איך האָב גאָר ניט געטראַכט, אַז איר קענט אַזוי סענטימענטאַל זיין". „אָ, ניין", האָט זיך ווייסענזע ווי אופֿגעכאַפּט, זיך צוזאַמענגענומען. „איך בין ניט קיין דעזערטיר פֿונם לעבן, עקסעלענץ. איך האָב קיינמאָל קיין זאַך ניט געזוכט אויסצומיידן, נייגעריקייט איז געווען דער פּרינציפּ, לויט וועלכן איך האָב מיין לעבן איינגעאָרדנט". ער האָט געפּרוּווט אַרופֿציִען אַף זיין פּנים זיין געוויינטלעכן שמייכעלע. „איך בין געבאָרן געוואָרן אונטער אַ בלאָנדזשעדיקן שטערן. ער האָט מיר געיאָגט איבער מדינות און ימים. און מיר געלאָזט אַריינקוקן אין די אויגן און נשמות פֿון אַלע געטלעכע און טייוולאָנישע באַשעפֿענישן. אַי־אַי, וואָס פֿאַר אַ זכרונות איך האָב!"

אָבער אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געמיט צוזאַמענצונעמען זיינע זכרונות, האָט ער מיטאַמאָל אַזוי קלאָר און שאַרף דערפֿילט, ווי עטלעכע טריט פֿון אים, הינטער אַ פֿאַרמאַכטער טיר, ראַנגלט זיך זיין קינד, מיט לעצטע כּוחות, אָן אויסזיכטן, זיך צו ראַטעווען. ער האָט געזען זיין טאָכטער, ווי די וואַרימקייט פֿאַרשווינדט פֿון אירע ברוינלעך־דרייסטע באַקן, ווי די טיפֿבלויע אויגן אונטער די טונקעלע האָר פֿאַרגלייזן זיך און איבער זיך האָט ער געהערט די זאַכלעכע, טרוקענע שטים פֿון זיס: „ווערליק די

געשעעענישן פונם היינטיקן אָוונט, מעגט איר זיכער זיין, אַז איר וועט באַקומען אָרדנס און דערהויבונג אין פּאָסטן".

נאָך דעם געשפּרעך מיט זיס, האָט זיך וויסענזוע דעם גאַנצן אָוונט שוין אויפגעפירט, ווי שטענדיק, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן, איז געקומען אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי פון שלאָף אַרויס, פאַרשטעקט, ליאַלקעדיק. ער האָט זיך העפלעך און פריינטלעך געבוקט צו אַלעמען, האָט מיט אַ גלייכווערטל געענטפערט אַף דער הערצאָגינס אַ וויץ, האָט פאַמעלעך און דיפּלאָמאַטיש געשמועסט מיטן געהיימראַט פיכטעל. האָט אַף אַ גליטשיקן אַנעקדאָט פון איינעם אַ גאַסט געענטפערט נאָך מיט אַ פיל גלימשיקערן. אָבער אַלע קולות האָבן אים אַזוי מעכאַניש אָפּגעקלונגען, די מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען, ווי די ליאַלקעס, און אַלץ איז געווען, ווי פון וואַקס.

און בשעת ער האָט דערזען אין זאַל דעם הערצאָג, איז אין אים ווייטער אויפגעקומען אַ האָפענונג. מיט אַ געשווינדיקער, פלאַטערנדיקער באַוועגונג האָט ער פאַרוואָרפן איבער זיך זיין קאָסטיום-הילע און איז אַנטקעגן געגאַנגען דעם הערצאָג, אים מיט אַ פלאַמיקער בקשה אַריינגעקוקט אין די אויגן. אפשר איז דאָך קיין זאַך ניט געשען. אָבער דער הערצאָג האָט אים ניט אָנגעקוקט. ער האָט אים ניט געוואָלט אָנקוקן; ער איז אַף גיך פאַרביי דעם אַלטן, און האָט דערביי גלייך פאַר זיך געגלאָצט. דעמאָלט איז וויסענזוע מיטאַמאָל שרעקלעך אַלט און מאַט געוואָרן, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן באַ אַ טישל און אָנגעהויבן שיכורן.

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט געזעטיקט, גאוהדיק און באַפרידיקט געשפּרייזט איבערן זאַל. אָפּטמאָל האָט ער עפּעס פאַרלעגן געשמייכלט אין זיך ווי אַ חדר-אינגל, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל, און גאוהט זיך דערמיט, כדי זיך צו באַפרייען פון זיין חרפּה; ער האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז יעדער האָט געמוזט מערקן, ער קומט איצט פון אַ פרוי. ער איז צוגעפאַלן צו זיין שווער, דעם אַלטן פירשט טורן און טאַקסיס, וועלכער האָט זיך פאַרווילט מיט דער נעאַפּאָליטאַנישער זינגערין, אים אַרומגענומען און צערטלעך געזאָגט: „עס איז זייער גוט, מיין פירשט, וואָס איר

פילט זיך נאָך אַזוי יונג", און דערגייז האָט ער אים צוגעפּינטלט און האָט געגלעט דעם בּלויזן, בּרוינעם און מירבּיקן אָרעם פון דער זינגערין.

זים האָט אויסגעמידן דעם הערצאָג. ער איז געווען פאַרבּיטערט און פול קנאה, ער ווייס, קאַרל אַלעקסאַנדער וועט אים איצט מיט אַלע פּרטים שילדערן, ווי ער האָט פאַרבּראַכט מיט מאַגדאַלען סיבּילע, און ער האָט גאָר איצט נים קיין חשק זיך צו לאָזן דערציילן וועגן דער ליבּע, וואָס ער האָט אייגנטלעך דער ערשטער געדאַרפט געניסן פון איר. כּדי זיך צו בּאַפרייען פון די מחשבות, גיט ער זיך איננאַנצן איבּער דער פרייד פון זיין בּאַל.

שפּעטער אָבּער האָט קאַרל אַלעקסאַנדער אים דאָך געפּאַקט. ער זעצט זיך אָן אַ זייט מיט אים צו, צופרידן, וואָס ער האָט דאָך געפּאַקט אַ קענער, מיט וועמען זיך צו טיילן וועגן דער איבּערגעלעבּטער הנאה. ער סאָפּעט און שנויפלט. ער האָט נאָך אַפילו נים בּאַוויזן, ווי געהעריק צוצושפּיליען דעם קאָסטיום פון דעם אַלטגריכישן גיבּור. ער פּרעפּלט, שיכּורערהייט, און פּאַטשט דעם דרך־ארצדיק צוהערנדיקן אידן איבּער די קני. „אַ פיינער בּיסן!" שנעלט ער מיט דער צונג. „האָסט מיר גוט צוגעדינט. איך וועל דיר אָפּצאָלן, אַ דייטשער פירשט איז נים קיין קמצן. אַ טייערער בּיסן! ווי אַן עזערע אין וואַלד איז זי".

זים האָט זיך שוין געוואָלט אופהייבן, אַוועקגיין, אָבּער קאַרל אַלעקסאַנדער האָט ווייטער גענומען רייִדן: „האָט זי דאָס אַ פּאָר אויגן, די נקבה! אַט זיינען אויגן! ווייסטו, וואָס זיי האָבּן מיר דערמאָנט? אין לעבּן וועסטו דאָס אויך נים טרעפן". אים איז אופגעקומען אַ געלעכטער, פרייער אַ שטילער, נאָכדעם אַ בּאָרכלענדיקער, אַלץ העכער און העכער. „דיין מכשף האָבּן זיי מיר דערמאָנט, דיין פּעטער יעם מכשף—אָבּער האָט זי אויגן!— דער מכשף — די ערשטע זאַך זאָג איך אייך נים — און אַ אַ גרימצאָרן האָט אים אָנגעכאַפּט: „דאָס זאָגט ער מיר נים, דער כּלב, דער פאַרשאָלטענער, כּיטרער! זאָל ער זיך דערווערגן דערמיט, דער פּאַסקודנער אידישער מכשף!"

זים איז אַ צושראָקענער געוואָרן, בלאַס. ווי אַ טויט, האָט ער זיך אופגעהויבן, געמאַכט אַן אָפּווערנדיקע תנועה. אָבער קאַרל אַלעקסאַנדער איז אופגעשפרונגען, האָט זיך מיט מאַטערניש אויסגעגלייכט, זיך אַוועקגעשטעלט שטאָלץ, אַזוי ווי אַ קאָמאַנדיר אַפן שלאַכטפעלד, אַזוי ווי אַף יענעם בילד מיט די זיבנהונדערט זעלנער פאַר בעלגראד, און האָט זיך צושריען: „מיר מעג מען שוין וואָרזאָגן, וואָס מען וויל. איך האָב קיין פחד ניט. איך מעג אַלץ! איך בין קאַרל אַלעקסאַנדער הערצאָג פון ווירטעמבערג און טעק! מיט גאָטס חסד! איך שטיי העכער פון דעם שיקזאַל! דער דייטשער אכילעס!" און ער איז געשטאַנען ווי אַ דיינקמאָל נאָך זיך אַליין.

באַלד איז ער צוריק אַראָפּגעפאַלן אין זיין שטול. האָט שמייכלענדיק געפּרעפּלט. „ווי אַן עזערע אין וואַלד", האָט גע-סאָפּעט, געכראָפּעט, געכאָרכלט, איז צום סוף איינגעשלאָפן.

און דער באַל האָט זיך ווייטער געצויגן. געלאַרעמט, געבושעוועט, אַזוי, ווי אַ יונגער פערדל, וואָס פליט, ווי אַ בליץ איבערן פעלד, אָן אַ רייטער און אָן אַ צאַם. זיין רעש איז אַרויסגעדרונגען אין גאַס, זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטאָט, איבער דער מדינה, איבער דער שלאָפעדיקער, קרעכצנדיקער און מורמלענדיקער מדינה. זי האָט זיך איבערגעדרייט אַף דער אַנדער זייט, איז ווייטער איינגעשלאָפן און ווייטער געליטן.